STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03811

ALE VERK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק פון שלום עליכם

דריטער באַנד

מעשיות און פאַנטאַזיעס

ווילנע—וואַרשע 1925
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

עס איז שטרענג פאַרבאָטן צו קויפן און פאַר־
קויפן דאָס דאָזיקע בוך אין צפון און דרום
אַמעריקע, אין דרום־אַפֿריקע און אין ענגלאַנד.

Copyright 1917 by Olga Rabinowitz (Sholem-Aleichem), New York

צוליב דעם פאַרלאַנג פון שלום־עליכמס יורשים, איז די
אויסגאַבע געדרוקט לויט זייער אַמעריקאַנער אויסגאַבע.

Szolem-Alejchem. T. III. „Majsiojs un Fantazies".
Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie" B. KLECKINA.

מעשיות און פאנטאזיעס

אינהאלט

די רויטע אידלעך 7
משוגעים 69
מעשיות פון טויזענד איין נאכט 125
איינער פון טויזענד 233

די רויטע אידלעך· אַיין אויסגעטראַכטע זאַך·

אין צוויי טייל

געשריבען אין יאהר 1900

די רויטע אידלעך

(איין אויסגעטראכטע זאך).

ערשטער טייל.

דאס ערשטע קאפיטעל.

(די רויטע אידלעך, זייער יחוס, זייערע געגנ און זייערע תנועות, וויער לעבען, זייערע פרנסות, זייער ארויסגעהן שבת „אויפ'ן שפא־ציער", זייער אויסזעהען און זייערע מאכלים.)

גאנץ ווייט פון אונזערע מקומות, דארטען ערגיץ אונטער די הרי חושך, אזש אויף יענער זייט סמבטיון, געפינט זיך א פאלק, וואס מע רופט דאס **די רויטע אידלעך**.

מחמת די רויטע אידלעך ליגען אזוי ווייט פערווארפען, זיי זענען אפגעריסען פון דער וועלט און קעהרען זיך כמעט מיט קיינעם נישט און, לכן זענען זיי שטארק פערגרעבט געווארען, און אין פיעל זאכען זענען זיי פשוט ווילד. איבערהויפט זענען זיי ווייט פון אידישקייט, פון דער אידישער היסטאריע און פון דער אידישער שפראך, אזוי ווייט, אז זעלטען־זעלטען ווער עס פערשטעהט ביי זיי א לשון־קודש־ווארט, חוץ די ווערטער „גמילת חסד", „מעות מזומנים", „ברוכים היושבים קומט עסען", „לחיים לשלום", „ברוך הבא רב קרוב", „א מיתה משונה", „א מכה בחברותא", „משוגע צי חסר דעה", „כלב שבכלבים", „שוטה בן פיקהאליץ", „אדרבה", „מסח נפשך",

„מהכתיתי“, „אודאי“, „בקיצור“, וכדומה אזעלכע ווערטער לרוב, וואס האבען זיך בעזעצט אין זייער וואכעדיגער שפראך, וואס מע רופט זי דארט מיט א משונה מאדנעם נאמען „זשארגאן“.

פון דעסטוועגען, רעדט מיט זיי, זענען זיי די גרעסטע חכמים אין דער וועלט. אלסדינג ווייסען זיי, יעדע זאך פערשטעהען זיי, איטליכען האבען זיי ליעב אויסלאכען, אפשפעטען, פון אלעמען חוזק מאכען. א סך פון זיי האלטען זיך פאר גאר שארפע מבינים, פאר גרויסע חקרנים, קריטיקער און גריבלער און האבען אין זיך נייען מאס רעה, און צו די אלע שענע מעלות זענען זיי נאך מורא׳דיגע עקשנים, זאל גאט שומר ומציל זיין! מיט זיי האבען א וכוח בעדארף מען זיך גוט אונטערגארטלען, און זיי איבערשפארען איז אונמעגליך אין דער וועלט. היינט דאס גרויסקייט זייערס, דאס בלאזען פון זיך איז גאר ניט צו בעשרייבען. איטליכער האלט זיך פאר׳ן גרעסטען און פאר׳ן שענסטען, און יענעם — פאר׳ן קלענסטען שבקלענסטען. אז עס קומט ביי זיי א שדוך טהון מיט א קינד, איז א ריינער אומגליק: מע קאן זיך נישט צוקלויבען, עס זאל זיין צום הארצען, מע קאן זיך נישט אויסגלייכען מיט׳ן יחוס. דערפאר טאקי זענען זיי זיך דאס רוב משדך פון פרעמדע שטעדט, איטליכער זוכט זיך זיין גלייכען אין דער פרעמד; יענער מעג זיין א בעדער, אבי נישט פון היע. פאר שדכנים איז דאס דוקא נישט קיין שלעכט געשעפט; זיי פערנעמען זיך גאנץ געשמאק מיט דעם מסחר פון לעבעדיגער סחורה, וועלכס געהט דארטען קיין עין־הרע זעהר נישקשה׳דיג, און אידען האבען דערפון פרנסה בכבוד...

דאס לעבען פון די רויטע אידלעך איז אפילו נישט אזוי זיס און פרעהליך, ווי עס ווייזט זיך אויס אויפ׳ן ערשטען קוק. פארהאן צווישען זיי געצעהלטע נגידים, וואס איטליכער פון זיי האט זיך זיין פריץ, דאס הייסט, איטליכער פריץ האט זיך זיין אידעל, וואס ציהט פון איהם די חיונה. די נגידים פערנעמען זיך דאס רוב מיט האנדלען, דאס הייסט, זיי דרעהען די גרעסטע געשעפטען פון דער וועלט.

זיי דרעהען און דרעהען אזוי לאנג, ביז זיי פערדרעהען גאנץ אפט אי זיך, אי יענעם, און שטארבען נישט אוועק ביז זיי זעצען נישט אן חאטש איין מאל אויף זייער לעבען. אז זיי בעקומען געלד, קנאקען זיי און טראסקען, ביז עס קומט צום שטארבען, בעהאלט מען זיי אין פרעמדע תכריכים. די וואס האבען פיינט „שווינדעל", געבען זיך אפ מיט „גמילות חסדים", דאס הייסט, זיי פערלייהען איינס דאס אנדערע געלד און נעמען פראצענט „על־פי־היתר־עסקא", כתקון מהר"ם ז"ל, נאר מחמת די אנזעצען, וואס זענען דארטען זעהר שכיח, איז טרעפט זיך זעהר זעלטען, אז א בעל־הלואה זאל זיך זעהן צוריק מיט זיין געלד; ער איז געהרען, אז ער נעמט חאטש פראצענט; דאס קרן איז געוויס פערפאלען... בעסער פון זיי מאכען די „וואכערניקעס": דאס זענען יונגע לייטלעך. איידעמלעך, וואס זיצען נאך אויף קעסט, און אזעלכע וואס זענען שוין אראפ פון קעסט. זיי דרעהען זיך ארום אין גאס מיט שבת'דיגע קאפאטקעלעך אין־דער־וואכען, שמעקען און נישטערען, ווערען מע מעג און ווערען מע טאר נישט. דאס זענען קליינע פיאווקעלעך, וואס אז זיי נעמען זיך אן, איז זיי שווער אפצורייסען ביז זיי זויגען זיך אן פולע בייכלעך... נישט שלעכט לעבען זיך אפ דארטען די „כלי קודש": די רבנים, דיינים, שוחטים, חזנים, שמשים, שתדלנים, שענע אידען, וואס געבען זיך אפ מיט פושקעס און מיט צדקה און מיט די איבעריגע קהל'שע זאכען. און יענע אידען, וואס טויגען נישט צו קיין זאך און האבען נישט קיין אנדערע פרנסות, געבען זיך אפ מיט לעהרעריי, דאס הייסט, זיי פערשטעלען זיך פאר מלמדים, הארעווען נעבאך מיט'ן ביטערען שוויים, זיי „קנעלען" מיט זייערע תלמידים, דאס הייסט, זיי זיצען אין ענגע, פינסטערע, פער'עיפוש'טע חדרים און שרייען פון פריה ביז נאכט, שלאגען, קאטעווען, קאליטשען אידישע קינדער... א גרויסער טייל פון די רויטע אידלעך זענען ארעמע בעלי מלאכות, וואס ארבייטען זייער גאנץ לעבען איבער א שטיקעל טרוקען ברויט; און די איבעריגע

האָבען נישט וואָס צו טהון, שלאָגען זיך קאָפּ אין וואַנט, פערנעמען זיך כלומר'שט מיט מעקלעריי, דרעהען זיך אום מיט'ן שטעקעל אין מארק און טראַכטען: „וואו נעמט מען אויף שבת?"... נאָר קומט שבת, איז זיי נישט צו דערקענען: זיי טהוען זיך אָן ווי די שררות, און זייערע ווייבער און טעכטער ציערען זיך אויס ווי די פּריצות, אין זייד און אין סאַמעט, מיט היטעלעך, הענטשקעלעך, זאָנטיקלעך, הענגען אָן אויף זיך דער רוח ווייסט וואָס — און מע געהט „אויפ'ן שפּאַציער". דעמאָלט ווערד די גאַס פערפלייצט מיט אַלערליי פאַר־ביגע קליידער און מיט רויטע־געלע־טונקעל־גרינע־פּאָפּעליאַטע פּע־דערען. אַ קוק טהון אויף די דאָזיגע מיתה־משונה־קאָלירענדיגע „דאַמען" און „מאַמזעלען" שבת ביי טאָג אויפ'ן שפּאַציער, קאָן מען אַ טעות האָבען און זיכער מיינען, אז דאָס זענען לויטער גרעפישע קינדער, וואָס ווייסען נישט פון קיין לאָקשענטעפּלעך, טשאָלענט־ברעטלעך, קאָלאָדאַטשמעסערס, ריבאייזענס און באַקדייזשעס. איהר וועט זיכער מיינען, אז זיי האָבען קיין מאָל נישט געזעהן אפילו, ווי אזוי מע רעשטשינעט חלה, מע שיילט קאַרטאָפּלים, מע זאַלצט פליייש און מע שטעלט אונערקעס... ווי אַ מאַסקאַראַדענבאַל זעהט אויס דעמאָלט די גאַס שבת נאָכ'ן קוגעל, ווי אַ צירק מיט איבער־געטהאָנענע קאָמעדיאַנטען, וואָס אַלע ווייסען גאַנץ גוט, אז אַט ענדיגט זיך דאָס שפּיעל און די קאָמעדיאַנטען וועלען אָפּטשעפּען פון זיך די צאַצקעס מיט די גלעקלעך, אראָפּוואַרפען פון זיך די יום־טוב'דיגע לייבקאָלירענע מלבושים און וועלען אריינקריכען צוריק אין זייערע אַלטע, וואָכעדיגע, געלאַטעטע, פערשלומפּערטע קליידלעך...

קיין פליייש עסען זיי כמעט קיין מאָל נישט, — נישט מחמת זיי זענען „וועגעטעריאַנער", דאָס הייסט, אזעלכע, וואָס עסען נישט קיין דבר מן החי. ניין! זיי עסען נישט קיין פליייש דערפאַר, ווייל מע האָט ביי זיי ארויסגעוואָרפען אַ טאַקסע אויף אַלסדינג, וואָס ס'איז כשר, איז דאָס נישט פאַר זייער בייטעל. פון דעסטוועגען

זענען זייערע מאכלים זעהר פערשיעדען, מע קאן פון זיי מאכען
א בוך. אט האט איהר א צעטעל פון זייערע פאטראוועס: א קרופ־
ניק, א וואלכישער בארשט, טייגלעך מיט פאסאלים, א מאהינע,
א מאמעליגע, א טייגעכץ, א קאשע מיט האניג, ווארנישקעס מיט
שמאלץ, פאמפעשקעס מיט קנאבעל, קארוש מיט קעז, שקצים מיט
מאהן, בערעטשקעס מיט פלאמען; און נאך אזעלכע מאכלים, וואס
מע פערשפארט צו זיי פלייש. פון שבת'דיגע מאכלים רעדט מען
נישט; איהר קאנט פערשטעהן, אז קוגלען אליין איז ביי זיי פארהאן
אפשר מעהר ווי א צעהנדליג: א לאקשענקוגעל, א געבלעטערטער
קוגעל, א קוגעל א געקנעטענער, א קוגעל פון רייז, א קוגעל מיט
ראזינקעס, א קרעפעלקוגעל, א שטרודעלקוגעל, א מאנדעלקוגעל, א
קוגעל מיט העלזלעך, א קוגעל מיט קישקע און נאך מינים קוגלען.
אויך צימעסען איז ביי זיי פארהאן אלערליי: א פלאמען־צימעס,
א מייער־צימעס, א פאסטערנאק־צימעס, א צימעס פון בארלעך,
איין עפעל־צימעס, א צימעס פון ראזינקעס, א צימעס פון שאפטא־
לען, א צימעס פון געווירצען מיט לארבערבלעטער... נאר מעהר
פון אלץ האבען זיי ליעב מרור, ביטערע קריימעכצער, דהיינו:
פעפער זאל זיין א סך, גוטען הארבען חריין, רעטאך דוקא שווארצ־
צען, און ציבעלעס אין פערשיעדענע אופנים: א ציבעלקע מיט שמאלץ,
א ציבעלקע מיט רעטאך, א ציבעלקע מיט אייער, א ציבעלקע מיט הע־
רינג, א ציבעלקע מיט העבערלעך, א ציבעלקע מיט גריוועז, און גלאט
ציבעלעס... דערפאר מאקי האבען זיי אזא שעון פנים. קרענקען־צו
גאנץ אפט, האבען צו טהון מיט די מאגענס און האלמען אין איין
קורירען זיך. אונזערע דאקטוירים זאלען מיך ווערען פאלגען, וואל־
מען זיי זיך בעזעצט אויף יעגער זייט טייך סמבטיון.
בלעבען, זיי וואלטען דארט געהאט פרנסה מיט'ן פולען מויל —
א סך בעסער, דאכט זיך, ווי שטופען זיך אלע קיין יעהופעץ און
קיין כתרילעווקע, זיצען אלע אינאיינעם צענויפגעקוועטשט, שלאגען
זיך איבער א חולה, רייסען זיך און בייסען זיך, ווי די קעץ...

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

(די הויפּטשטאָדט פון די רויטע אידלעך, זייער לשון, זייער רעדען פערשטעלט, זייערע גוזמות, זייערע קללות און זייערע שבועות, זייערע נעמען און זייער ליטעראַטור.)

די רויטע אידלעך זענען, אייגענטליך, צעוואָרפען אין א סך שטעדט און שטעדטלעך, נאָר די הויפּטשטאָדט זייערע רעכענעט זיך ד י ר ו י ט ע ש ט אָ ד ט. פאַר וואָס עפּיס רופט מען זי „די רויטע שטאָדט“? — ווייס איך נישט. אדרבה, מיר דאכט זיך, אַז וועדליג די בלאָטעס, וואָס שטעהען דאָרטען אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר און טריקענען אויס ערשט אַרום תמוז, וואָלט זי גיכער געמעגט הייסען „די שוואַרצע שטאָדט“. נאָר די רויטע אידלעך האָבען אַ טבע רעדען פערשטעלט, בלשון „סגי־נהור“, אָנרופען איטליכע זאַך קאַפּויר. אויף יעדען איינציגען האָבען זיי אייך אַ צונעמעניש, אַזוי אַז פון׳ם צונעמעניש בעדאַרפט איהר לערנען פונקט דעם היפּך, למשל: אַז איהר וועט דאָרט בעגעגענען אַ מענשען, וואָס מע רופט איהם דער „חכם“, מעגט איהר שוין זיכער זיין, אַז ער איז אַ טפּש, חאָטש בראָק איהם אין קרויט אריין; אַ „וואָרטסמאַן“ איז מסתמא אַ ליגנער, אַ „בעל־תשובה“ איז אַ טריפ׳ניאַק, אַ „סטאַטיק“ איז אַ שייגעץ, אַ „פילאָזאָף“ איז איין עם־הארץ, אַ „בטוח“ איז איין אָנזועצער, אַ „בעל־לשון“ איז אַ זאַאיקע נעבאַך, אַ „נשרף“ איז אַ צינדער, וואָס ברענט אַלע חודש ווי אַ שטרויענער דאַך, און אַזוי ווייטער. הײנט האָבען זיי ליעב מגזם צו זיין יעדע זאַך צעהן מאָל אַזוי פיעל, צום ביישפּיעל: אַז זיי ווילען זאָגען אויף עמיצען, אַז ער איז אַ גוטער מענש, פערגלאָצען זיי די אויגען און זאָגען: „אַ מזג־טוב! אַ דימענט, אַ בריליאַנט! אַ מענטש אָהן אַ גאַל! זאַ־מע־טשאַטעלנע!“.... און פערקעהרט, אויף נישט אַזאַ גוטען זאָגען זיי: „אַ רשע מרושע! אַ המן! אַ רוצח, ימח־שמו

זוכרו!"... א שען מיידעל איז ביי זיי: „א זעלטענע יפת־תואר! ס'איז נישט אין פנים איהר אריינצוקוקען! טשטא ניבאוד אסא־בענע!"... און חלילה נישט אזא שענע איז: „פע, א בייזע מיאוס־קייט, א וויסטע חלשות אויף צו שטארבען!"... א נגיד איז ביי זיי: „פס! איהר שפיעלט זיך מיט איהם? אנגעשטאפט! חוץ זיין שארען אויף מיר געזאגט געווארען האטש א טויזענד חלק!"... און א געמיינער מאן — איז „א קבצן, א דלפון, א כתריאל, איין עני ואביון, וואס שטארבט זיבען און זיבעציג מאל אין טאג פאר הונגער, א חוץ וועמשערע!"... נאר דער גאנצער אנטיק איז, וואס זיי פער־שטעהען זיך איינס דאס אנדערע אויפ'ן וואונק, פון איין ווארט שטויסען זיי זיך אן אויף די איבעריגע צעהן, זיי בעדארפען צווישען זיך לאנג נישט רעדען. א אונזעריגער, אז ער שטעהט ביי דער זייט, בשעת צוויי רויטע אידלעך רעדען צווישען זיך, פערשטעהט ער נישט מאי דקאמרי רביצין.

* * *

היינט זייער שעלטען זיך — די תוכחה איז א קאמפלימענט, א סקאציל־קומט קעגען זייערע קללות: „א שטעכעניש, א ברעכעניש, א בייסעניש, א רייסעניש, א דרעהעניש, א פערדרעהעניש, א דארעניש, א קווארעניש, א טריקעניש, א פערטריקעניש, איין איינטריקעניש, איין איינשרומפעניש..." אויך דאס שווערען זיך ביי זיי איז ניט ווי געוועהנליך. איהר קאנט דארט הערען אזעלכע שבועות, וואס איהר האט אויף אייער לעבען נישט געהערט, צום ביישפיעל: „אויב איך זאג אייך א ליגען אויף אט אזוי פיעל, זאל אויף מיר קומען איין אויס־האפעניש, עס זאל מיך פיהרען און פיהרען, ארויספיהרען און ארייג־פיהרען, ביז ס'זאל מיך פארפיהרען, עס זאל פון מיר ווערען א בארג, א שטיין, א ביין, א בעזעם, א שייט־האלץ, א פיפערנאטער, א לדור־ודור!"... ס'איז כדאי, כלעבען, אז אונזערע געלעהרטע, וואס געבען זיך אפ מיט שפראך, זאלען זיך פערנעמען אויך מיט'ן לשון פון די רויטע אידלעך. נישקשה, וועדליג אונזערע חקרנים האבען

זיך ביז אהער אויסגעפיינט מיט זייער בריה'שאפט, מעג זיי אָנ־שטעהן; עלי ועל צוארי — עס וועט זיי חלילה גאָר נישט שאַדען...

אויך די נעמען זייערע זענען משונה מאָדנע, אומגעלומפּערטע נעמען. מחמת די רויטע אידלעך, די אויפגעקלערטע, האָבען ליעב נאָכמאַנצען די פּרעמדע פעלקער, זיי געפעלט אַלסדינג וואָס ביי יענעם, לכן האָבען זיי איבערגעמאַכט אויך די נעמען זייערע: פון אברהם אויף „איבראַהים", פון בערעל — „בענעדיקטוס", פון יוסעל — „יוליוס", פון פייטעל — „פעטראַניוס"; און נאָכדעם איז שוין במילא אויסגעקומען פון משה — „אחרימאַן", פון מענדעל — „טריפאָן", פון חיים — „עפּיפאַנוס", פון הערשעל — „חרבונא" און פון וועלוועל — „ויזתא"... איהר קאָנט אָנטרעפען צווישען זייערע אַריסטאָקראַטען אַזעלכע נעמען, ווי „חאַפּלאַפּוס", „פּאַרחענטי", „סמאַרקאַנדוס" — אבי נישט קיין אידישער נאָמען, איז שוין גוט... אויך די ווייבער זייערע, די היינטוועלטיגע געוועהנליך, מאַכען זיך איבער זייערע נעמען פון חנה אויף אַגריפּינאַ, פון דבורה אויף גלאַפירא, פון רבקה אויף קלעאָפּאַטרא, פון שרה אויף פראַנציסקאַ, פון לאה אויף איזאַבעלאַ, פון יענטעל — דולצינאַ, פון אסתר — פּוטיפרע, און אַזוי ווייטער. דאָס נאָכמאַכען יענעם, הן אין די נעמען, הן אין די מלבושים והן אין די מנהגים, איז ביי די רויטע אידלעך אַזוי שטאַרק אריין אין דער מאָדע, אז לאָז א פרעמדער, צום ביישפּיעל, זיך פּרובען אָפּשניידען די נאָז, אַזוי נעמען די רויטע אידלעך און שניידען זיך באַלד אָפּ אַלע אין איין טאָג זייערע נעזער, און עס ווערד דעמאָלט א רענדעל אַ נאָז!...

אַ פּאָר ווערטער בין איך מחויב צו זאָגען וועגען דער „ליטע־ראַטור", וואָס ביי די רויטע אידלעך, וועגען זייערע שרייבער, זייערע „מחברים", זייערע ספרים, זייערע ביכער און זייערע גאַזעטען.

בלעטער, גאַזעטען זענען דאָרטען פאַרהאַן לרוב און פערנעמען פערנעמען זיי זיך, צום מיינסטען, מיט פּאָלעמיקעס, אָדער, ווי זיי רופען דאָס, מיט „קריטיק". איין בלאַט קריטיקירט דאָס צווייטע.

איין מחבר פֿאַלעמיזירט מיט'ן אַנדערען. זייער קריטיק איז זעהר וויכטיג. זי בעשטעהט פון דעם, וואָס איין בלאַט קוקט אַרויס וואָס דאָס אַנדערע בלאַט וועט זאָגען, בכדי עס זאָל קאָנען זאָגען נאָכדעם פונקט קאַפּויר. למשל, פאַרהאַן צוויי בלעטלעך: איינס הייסט „די רויז“, דאָס אַנדערע הייסט „דער דאָרן“. אויף וויפיעל „די רויז“ איז קאָנסערוואַטיוו, אויף אַזוי פיעל איז „דער דאָרן“ ראַדיקאַל. אַז „די רויז“ שרייבט וועגען נעכטיגען טאָג, אַז עס איז געווען שען און וואַרעם, ליכטיג און פרעהליך, די זונן האָט געשיינט און די פייגעלעך האָבען געסוויטשערט, שרייבט „דער דאָרן“ פונקט דעם היפך: עס איז נעכטען געווען דער אַבשייליכסטער טאָג זינט די וועלט שטעהט. קאַלט און פינסטער, נאַס און שמוציג, גליטשיג און וחלקלקות... אַלע זונטאַג געהט אַרויס די קאָנסערוואַטיווע „רויז“ מיט אַ בעשרייבונג פונ'ם נגיד'ס שבת'דיגען קוגעל, וואָס איז געווען אַ זעלטענער ערפאָלג, צעגיסט זיך ווי אַ סאָלאָוויי, און זינגט אַ ליעדעל: מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים! „דער דאָרן“, וועלכער ווייסט פון דעם פריהער, געהט אַרויס מיט אַ לייט־אַרטיקעל וועגען קוגלען בכלל און נגיד'ישע קוגלען בפרט, און צעלאָזט זיך מיט אַ פייער, אַז ס'איז שוין צייט, מע זאָל אויסראָטען דעם דאָזיגען אַבשייליכען מאכל, וואָס גויים האָבען מיט איהם צו טהון: „קו־געל!... שבת... וועה איז מיר!“... דאָס איז די „קריטיק“. די פּאָלעמיק, וואָס זיי פיהרען צווישען זיך, איז חלילה נישט אָנ־צוריהרען יענעמס כבוד, אָהן פּערזענליכקייטען. צום ביישפּיעל:

„די „רויז“ שרייבט ביי זיך אין בלאַט:

„נעכטען איז „דער דאָרן“ אַרויס מיט איין אַרטיקעל קעגען אונז מיט שמוץ און מיט מיסט, ווי זיין שטייגער איז. מיר וועלען איהם דערויף נישט ענטפערען קיין וואָרט. מיר וועלען איהם נאָר פרעגען: „דו שמוציגער, נידערטרעכטיגער, אָרעמער, נאַקעטער דאָרן! ביז ווי לאַנג נאָך וועסט דו געוועלטיגען?“... דערויף ענט־פערט איהר „דער דאָרן“: „שוין לאַנג, אַז די נידעריגע, מה־יפית־

ניצע, היפּאָקריטישע פּאַרקויפטע נשמה, וואָס רופט זיך „רויז“, איז נישט ארוים מיט אזא עזות, חוצפה און פרעכהייט קעגען אונז. מיר איגנאָרירען זי און זאָגען נאָר צוויי ווערטער: „חצופה, באַהאַלט דיינע בלעטלעך און ווער אַנשטומט אויף אייביג!“...

ליטעראַטען בכלל קאָנען זיך נישט אויסגלייכען מיט זייערע דעות, ובפרט נאָך ביי די רויטע אידלעך, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל בשום אופן ואופן נישט אויסגלייכען, דערפאַר שרייבט דאָרט איי־נער אויף׳ן אַנדערען אַ „קריטיקע“; אַלסדינג, וואָס איינער זאָגט, קומט דער אַנדערער און זאָגט פּונקט קאַפּויר! נאָכדעם קומט יע־נער און „קריטיקירט“ איהם צוריק, מאַכט איהם אָפּטמאָל מיט דער בלאָטע; קומט דער און רעכענט זיך מיט איהם אָפּ, ווי עס קומט איהם. און אַט אַזוי ברעכט אוים אָפּטמאָל אַ מלחמה צווישען די שרייבערס, זאָל גאָט שומר ומציל זיין — עס גיסען זיך טייכען טינט!

דאס דריטע קאפיטעל.

(די בלאטע פון דער טרוקענער גאס, איהר געשיכטע, איהרע מויערען. — דער חוש הריח ביי די רויטע אידלעך און די ראמאנען פון זייערע בחורים מיט מיידלעך.)

די גאסען פון דער רויטער שטאדט ביי די רויטע אידלעך זענען צום מיינסטען בלאטיגע, קויטיגע, פערברודיגטע גאסען. די בלאטעם זענען דארטען אזוי גרויס, אז אמאל, שוין לאנג, — אזוי דערצעהלען „אלטע בעלי־בתים“, און מע מוז זיי גלויבען אויף נאמנות — איז דארטען אין מיטען מארק דערטרונקען געווארען אום ערב־פסח א וואגען מיט מצות מיט'ן פערדעל און מיט'ן בעל־עגלה אינאיינעם. ערשט העם־שפעטער, ארום נאך שבועות, אז די בלאטע איז אביסעל אויסגעטריקענט געווארען, האט מען זיי געפונען אלע דריי, דאס הייסט, דעם וואגען מיט מצות, דאס פערדעל מיט'ן בעל־עגלה... נאר ווערליג די רויטע אידלעך האבען ליעב אביסעל צו פיעל מגזם זיין, מיין איך, אז... ס'איז א ליגען. בקצור, מיר קעהרען זיך אום צוריק צו די גאסען פון דער רויטער שטאדט.

איין גאס איז דארט פארהאן אזעלכע, וואס מע רופט זי „די טרוקענע“. זי איז דער שפיעגעל, דער בולוואר פון דער שטאדט. פאר וואס עפיס רופט מען די דאזיגע גאס „די טרוקענע“, אז אלע וויסען, אז בשעת בלאטע איז דארט די אייגענע בלאטע, וואס אומעדום? איך האב געזוכט אין אלטע ביכער, גערעדט מיט מענשען, געטראכט, צי שטעקט נישט דרינען עפיס א המצאה'לע פון די רויטע אידלעך, און איך בין געוואהר געווארען אזא מעשה. אמאל, פארצייטענס נאך, איז ארויס איין אוקאז, מע זאל די דאזיגע גאס אויסגלאסטערען מיט שטיינער. געוויינטליך, איז געווען „טארגעס“; פאדריאטשיקעס האבען זיך געשניטען אייגס דאס אנדערע אויף וואס די וועלט שטעהט. נאכדעם האט מען „געשלאגען

בלאַט", געמאַכט יד־אחת, גענומען „לאַ־יחריץ־געלד"... וואָס איז געווען נאָכדעם — ווייס איך נישט. „אַלטע בעלי־בתים" זאָגן, אַז אַמאָל איז דאָס געווען נישט קיין גאַס, נאָר אַ צאַצקעלע. „גלאַט — זאָגן זיי — איז זי געווען, ווי אַ לאָקשענברעט, טרוקען ווי פעפער, ריין ווי אַ טעלערל, האָטש נעם שפּיגעל זיך!"... אַזוי דערצעהלען „אַלטע בעלי־בתים". נאָר איך מיט מיין שכל קאָן דאָס נישט פערשטעהן. איך פרעג נאָר איין קשיה: זאָלט דאָס אַנדערש זיין, אַז דאָס איז אַמאָל געווען געפּלאַסטערט מיט שטיינער, ווי אַזוי, פרעג איך אייך, וואָלט זיך נישט פערוואַלגערט אין דער בלאָטע האָטש איין שטיינדעלע, ווי מע זאָגט, אויף אַ רפואה? וואָס זשע דען? מוזען מיר דאָך לערנען דעם פשט, אַז די „טרוקענע" איז זינט זי איז אַ גאַס קיינמאָל נישט געווען געפּלאַסטערט מיט קיין שטיינער. אי, וואָס טהוט מען מיט די „אַלטע בעלי־בתים"? איז משמעות, אפנים, אַז די די גאַנצע מעשה מיט'ן אוקאַז, מיט די טאָרגעס, מיט די פּאָדריאַטשיקעס, מיט'ן „לאַ־יזורץ־געלד" איז שקר וכזב?... בקיצור, וואָס נוצט אונז פּלפּול, פילאָזאָפיע? אַז מע רופט זי אַזוי, לאָז זיין אַזוי. איך בעט אייך, ווער איז דאָס טאַקי מחויב זיך שטעלען קריעגען מיט אַ גאַנצער שטאָדט מענשען און געהן איבערשפּאַרען אַזעלכע עקשנים, ווי די רויטע אידלעך?

על כל פנים איז זי, די „טרוקענע" הייסט דאָס, די שענסטע גאַס פון דער רויטער שטאָדט. דאָרט זיצען די רייכסטע נגידים, די פיינסטע בעלי־בתים און די שענסטע פון די רויטע אידלעך. דאָרט, אויף דער גאַס, געפינט איהר שוין מויערען צווייגאָרענדיגע, מיט בלעך געדעקט, מיט שענע געשניצטע גאַנקעס און מיט באַלקאָנעס און מיט רויטע, געלע, גרינע לאָדען. נאָר די אַרכיטעקטור פון די הייזער איז אַ משונה־מאָדנע אַרכיטעקטור. די מויערען דאָרטען זענען, ווי אויף־צו־להכעיס — דער אַריין, דער אַרויס, איינער אַ הויכער, איינער אַ קורצער, און אַלע שטאַרק צענויפגעקוועטשט, גלייך ווי זיי וואָלטען וועלען אַפּשטופּען איינס דאָס אַנדערע, אַרויס־

בעווייזען זיך אויף צו־פריהער, ווי איינער רעדט: „שא, לאז מיך!“... די פענסטער מיט די באלקאנעס קוקען אלע גלייך אין דער בלאטע אריין, נאר עס מאכט נישט אויס; עס האט ביי זיי דווקא דעם זיבעטען חן. אי, דער ריח? דער ריח איז זיך א ריח, וואס זאל מען טהון? די רויטע אידלעך זענען נישט חלילה פון די געבאלעוועטע, וואס געהען אויס נאך לופט; „וואזדוך־שמאזדוך“, זאגען זיי... דער חוש הריח ביי זיי איז במילא שטארק געשלאגען, און מחמת די נעזער זענען דאס רוב ביי זיי, נישט פאר אייך געדאכט, שטענדיג פערלעגט, איז זיי שווער אויסצורעדען די צוויי אותיות: א מ"ם און א נו"ן. די מ"ם פערבייט זיך ביי זיי אפט אויף א בי"ת און די נו"ן אויף א דל"ת. אזוי אז נחמיה קומט ביי זיי אויס דחביה, נחמה — דחבה און א נאדעל־פאדעם קומט ביי זיי אויס — דאדעל־פאדעב. צום ביישפיעל, אט האט איהר א געשפרעך צווישען מאן און ווייב:

— דחבה! איך האב דיך וויפיעל באל געבעטעד, זאלסט דעבעט א דאדעל־פאדעב אוד פארדייעד ביר די קעשעדי. *

— דחביה! וואס דולסט דו ביר א בח? איך האב טאקי בעהר דיט וואס צו טהוד? לאז זייד דאכדעב, איך וועל אויסבעלקעד די בהבה אוד צושטעלעד דעב ווארעבעס, וועל איך דעבעד א דאדעל ביט א פאדעב אוד וועל דיר פארדייעד די קעשעדי. **

א גאנצע וואך איז אויף דער גאס שטיל, מחיה נפשות. זומערלעבען זענען די פענסטער צוגעמאכט, עס זאל זיך נישט אריינכאַ־

---

* נחמה! איך האב דיך וויפיעל מאל געבעטען, זאלסט נעמען א נאדעל־פאדעם און פארנייען מיר די קעשענע. — ** נחמיה! וואס דולסט דו מיר א מוח? איך האב טאקי מעהר נישט וואס צו טהון? לאז זיין נאכדעם, איך וועל אויסמעלקען די בהמה און צושטעלען דעם ווארעמעס, וועל איך נעמען א נאדעל מיט א פאדעם און וועל דיר פארנייען די קעשענע.

פען קיין פליעגען, און די לאָדען זענען צוגעשפּאַרט, עס זאָל נישט אַריינשיינען, חלילה, אַ שטראַהל פון דער זון... מע בעהאַלט זיך אינוועניג אין די הייזער. מאַרק־מענשען זענען אַ גאַנצען טאָג אין קלייט און קוקען אַרוים אויף אַ קונה. מע זעהט נישט אויף דער „טרוקענער" קיין לעבעדיגען נפש. נאָר קומט שבת ביי טאָג נאָכ'ן קוגעל, איז די גאַס נישט צו דערקענען. עס דרעהען זיך אַרום אויף דעם דאָזיגען בולוואַר רויטע בחורים און מיידלעך, נאָר נישט ווי ביי אונז, אויסגעמישט קאַשע מיט באָרשט, זכרים מיט נקבות, אַלע אינאיינעם; פּע! דאָרט, ביי די רויטע אידלעך, געהט עס נישט. דאָרט שפּאַציערען די בחורים בעזונדער און די מיידלעך בעזונדער, איינס אַקעגען אַנדערען, פּונקט אַזוי ווי מע טאַנצט „אַ שער". און אַז מע בעגעגענט זיך, „וואַרפט מען מיט אויגען", מע טהוט זיך, כלומרשט אומגעהרען, פאַרבייגעהענדיג, אַ שמיר מיט דער קאַפּאָטע, אַ רייב מיט'ן עלענבויגען, מע ווערד דערביי רויטליך אויפ'ן פּנים און מע חיחיקעט שטילערהייד.

אַט אַזוי ווערען דאָרט אָפטמאָל געשלאָסען שטילע ראָמאַנען, וואָס הויבען זיך אָן מיט אַ קוק אַ שטאַרקען, אַ שמיר מיט דער קאַפּאָטע, אַ רייב מיט'ן עלענבויגען, אַ מאָל אויך מיט אַ זיפץ אַ טיעפען, און לאָזען זיך אויס, נישט ווי ביי אונז אין יעהופּעץ אָדער אין כתרילעווקע — ניין! זיי לאָזען זיך אויס מייסטענטייל מיט... גאָרנישט.

דאָס פיערטע קאַפּיטעל.

(דאָס ערשטע בעגעגעניש פון די רויטע אידלעך מיט איינעם פון אונזעריגע, די גוטע בשורה וואָס ער האָט זיי אָנגעזאָגט, און ווי אַזוי מע האָט איהם אויפגעהויבען אויף אַ „הוררא!“)

איינמאָל אין אַ שבת פון די הייסע זומערדיגע שבתים, בשעת די רויטע בחורים און מיידלעך האָבען געשפּאַציערט פאָרלעכוויין איבער דער „טרוקענער“, האָט זיך פערלאָפען אַ מעשה, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ קאָכעניש, אַ גערודער, אַ טומעל צווישען די רויטע אידלעך, פריהער אויף דער „טרוקענער“ און נאָכדעם אין דער גאַנ־צער שטאָדט. וואָס איז די מעשה? מע האָט דערזעהען אַ מענשען, עפּיס אַ משונה מאָדנע פּאַרשוין, גאָר נישט קיין רויטען... מע האָט אזעלכעס דאָרטען נאָך קיין מאָל נישט געזעהען. מע האָט זיך גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלען אפילו, אַז עס קאָן געמאָהלט זיין, אַז אַ איד זאָל האָבען נישט קיין רויטע האָר — אַ פערזעהעניש! אַלע האָבען זיך אָפּגעשטעלט בעטראַכטען גאָט'ס וואונדער, מע האָט געטייט מיט די פינגער, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און גע־פרעגט איינער דעם אַנדערען:

— ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס? פון וואַנען איז דאָס? און וואָס טהוט עס דאָ? אַ „פאַרזעהעניש“, חי־הי־חי...

דאָס „פאַרזעהעניש“ איז געווען דווקא אַ שענער מאַן, שוין אין די יאָהרען, מיט אַ הויכען ברייטען שטערן, מיט לאַנגע האָר און מיט אַ לאַנג בערדעל, מיט אַ קלאָר ליכטיג שמייכלענדיג פּנים און מיט גוטע, תמיד שמייכלענדיגע אויגען. עס ווייזט אויס, אַז ער האָט גאָרנישט בעמערקט, ווי עס קאָכט מיט איהם די גאַס; ער איז זיך געגאַנגען, ווי אַ שטאָדט־בעל־הבית, די הענד פערלעגט אַרונטער, דעם קאָפּ פעררייסען אַרויף, בעטראַכט די „טרוקענע“ מיט איהרע געפאַרבטע מויערען און געזונגען זיך שטילערהייד אונטער

דער נאָז א ליעדעל, גלייך ווי נישט איהם מיינט מען. און די גאַס האָט אַלע מאָל, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, געקאַכט און גע־זשומעט.

— זשזשזשזשזש... הו־האַ!... ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס? פון וואַנען איז דאָס? און וואָס טהוט עס דאָ?... אַ מאָדנער נפש, הי־הי־הי...

בקצור, עס איז געבליבען, אַז מע זאָל צוגעהן צום דאָזיגען נפש און ביי איהם אַליין געוואָהר ווערען, ווער ער איז, וואָס ער איז, און פון וואַנען ער איז און וואָס ער טהוט דאָ? נאָר אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוואָלט זיין דער ערשטער, האָט איינער געשיקט דעם אַנדערען, איטליכער איז אַ בעלן געווען אויף יענעם.

— געה מאַך מיט איהם אַ שמועס...

— וואָס עפּיס איך? געה דו...

— פאָלג מיך, טהו איהם נאָר אַ פרעג...

— פרעג דו, וואָס עפּיס איך?

— ניין, דו געה נאָר צו, און רעדען וועל איך...

— אַמעהר געה דו צו, און איך וועל שוין נאָכדעם רעדען...

חברה איז געשטאַנען און האָט זיך אַזוי אוועקגעדונגען אַ היבשע צייט, ביז מע האָט דעם פרעמדען פאַרשוין אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען. ער האָט דערזעהען, אַז ווייטער לאָזט מען איהם נישט געהן, און צוריק אויך נישט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָנגע־רופען צום גאַנצען עולם אויף אַ קול, און די אויגען בשעת מעשה האָבען זיך איהם אָנגעצונדען, געברענט ווי צוויי קויהל־פייער.

— גוט שבת אייך, מיינע ליעבע ברידער און שוועסטער! איך זעה, איהר חדוש'ט זיך אויף מיר, איהר גאַהרט צו ויסען, ווער בין איך, וואָס בין איך, פון וואַנען בין איך און וואָס טהו איך דאָ? מוז איך מיך אַליין פאָרשטעלען פאַר אייך: איך

בין אייער ברודער, אייערער א לייבליכער, איין אייגענער ברודער, איינער פון אייערע צעהן מיליאָן ברידער, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט טייך ס מ ב ט י ו ן און וואָס עס קאָן זיין, אז איהר ווייסט אפילו נישט פון זיי קיין צעהנט־חלק, וואָס מיר ווייסען פון אייך. איך שעץ מיך פאר איינעם א גליקליכען, וואָס אויף מיר איז געפאַלען דער גורל, איך זאָל אייך אָנזאָגען די גוטע בשורה, אז מע טראַכט פון אייך דאָרטען ביי אונז זעהר געשמאַק, מע טהוט פון אייערטוועגען, מע וויל אייך, פערשטעהט איהר מיך, ארויסציהען אלע רויטע אידלעך פונ׳ם דאָזיגען פרעמדען לאַנד, וואָס מע האָט אייך אהערצו פערטריבען צוריק מיט דריטהאלבען טויזענד יאָהר, און מע וויל אייך בעזעצען אין אייגען לאַנד...

— חאַ־חאַ־חאַ־חאַ! אודאי ארץ־ישראל! — האָבען אויסגע־שאָסען עטליכע הונדערט פאַרשוין א געלעכטער, ווי פון צעהן האַר־מאַטען. — ער רעדט עפּיס מאָדנע ווערטער; ער איז אריבער דעם ס מ ב ט י ו ן... ער וויל אונז פיהרען קיין ארץ־ישראל... ארץ־ישראל־איד... הוררא, ארץ־ישראל־איד!

— הוררררראַ! — האָבען אונטערגעחאַפּט נאָך עטליכע הונ־דערט פאַרשוין, און די גאַס איז גיך פערפלייצט געוואָרען מיט מענשען. אלע האָבען געלאַכט, זיך געהאַלטען ביי די זייטען און געשריגען אין איין אָטהעם: „הורררררראַ, ארץ־ישראל־איד!!“...

דער פרעמדער פאַרשוין, וואָס האָט פאַר זיין גוטער בשורה געחאַפּט אזא שענעם ברוך־הבא פון די רויטע אידלעך, איז געבליבען שטעהן נעבאַך א פּריטשמעליטער, נישט פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך; ער האָט אָפּגעלאָזט הענד און פיס און האָט זיך געלאָזט געהן צוריק, און די גאַנצע חברה בחורים און מיידלעך — נאָך איהם מיט א געלעכטער, מיט א פייפעריי און מיט א הורראַ. איינער האָט גערופען דעם אַנדערען, מע זאָל גיכער געהן זעהען חדושים:

— גיכער, אָט געהט ער, דער ארץ־ישראל־איד! גיכערט, איהר וועט איהם חלילה פאַרשפּעטיגען!...

קוים מיט צרות, מיט לייד, האט זיך אונזער פארשוין אריינגע־ חאפט אין דער רויטער אכסניה, וואו ער האט געהאלטען סטאנציע, און האט פערשלאפען נאך זיך די טהיר. און די רויטע אידלעך האבען נישט אויפגעהערט צו קלויבען זיך ארום דער אכסניה, ליא־ רעמען און פילדערען, לאכען און קאטשען זיך פאר געלעכטער און שרייען: „הורררררא, ארץ־ישראל איד!" א גליק, וואס ס'איז געווען שבת, ווען ניט, וואלטען זיי צעטראגען די שטוב אויף פיצ־ פיצלעך. קיינער האט נישט געוואלט זיך ריהרען פונ'ם ארט און געהן אהיים, ביז דער בעל־אכסניה, א געזונדער איד א רויטער, האט נישט ארויסגעשטעקט דעם רויטען קאפ דורך א פענסטער און האט אויסגעשריגען אויף א קול:

— רויטע שקצים! געשלייערטע שיקסעס! איהר לעדיג־ געהערס, פוסטעפאסניקעס! וואס האט איהר דא נישט געזעהען, וועלכען רוח? איין אורח איז געקומען, א מענטש גלייך מיט אלע, נאר נישט קיין רויטער, פאר וואס קומט איהם, מע זאל איהם פאר־ טיוקען? איך זאג אייך, איהר זאלט זיך די מינוט, די רגע צע־ געהן, ווי זאלץ אין וואסער, אניט וועט א רוח אין אייער ט... ט... אריין!!

ערשט דעמאלט האט זיך דער עולם צעגאנגען, אוועק איטליכער אין זיין רוח אריין.

די רויטע אידלעך האבען ליעב, אז מע זאגט זיי א זאך, זאל דאס זיין מיט א טעם...

דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

(אַיין אסיפה ביי די רויטע אידלעך. — דער פרעמדער פּאַרשוין האַלט אַ רעדע. — די רויטע אידלעך האָבען קיין ציים נישט, שלאָגען איהם איבער.)

שבת צו־נאַכטס, תיכף נאָך הבדלה, האָט דער אורח געשיקט רופען צו זיך אויף דער אכסניה די פאָרשטעהערס פון דער שטאָדט, אַלע פּאַרנעמסטע לייט, די רבנים, די לומדים, די נגידים, די משכילים, די געלעהרטע, און אויך איינינע פון די בעלי־מלאכות, פון פּראָסטע מענשען. ער האָט בעפוילען, אַז ער האָט מיט זיי צו רעדען וועגען עפּיס זעהר אַ וויכטיגען ענין, וואָס געהער זיך אָן מיט'ן כלל, ער האָט זיי צו זאָגען זעהר אַ נויטיגע זאַך, וואָס איז זיי נוגע אין לעבען אַריין.

אין שטאָדט איז געוואָרען אַ רעש, אַ גערודער: „עפּיס אַ מענטש, אַיין אורח, איינער פון די שוואַרצע אידען, איז געקומען צופאָהרען, פון יענער זייט טייך סמבטיון; ער גיט זיך אוים פאַר אַיין ארץ־ישראל־איד און וויל עפּיס דער־צעהלען נייעס. מע באַדאַרף געהן האָרכען וואָס וועט ער זאָגען"...
די רויטע אידלעך האָבען זיך דווקא נישט געלאָזט לאַנג בעטען און מען איז געקומען אויף דער אסיפה, יונג און אַלט, פון אַלערליי קלאַסען מענשען, נישט אַזוי צוליעב דער זאַך אַליין, ווי צוליעב דעם, וואָס יעדער איז אַ בעלן געווען אָנקוקען אַ פרעמדען מענשען, אַיין ארץ־ישראל־אידען, האָרכען ווי ער רעדט...

גיך איז די רויטע אכסניה געוואָרען פול אָנגעשטופּט מיט רויטע אידלעך. עס איז געווען אַ מורא'דיגע ענגשאַפט, אַ שפּאַ־רעניש, אַ דערשטיקעניש, סכנות נפשות. אַלע האָבען געוואָלט וואָס נעהענטער צום אויבען־אָן, פערנעמען דעם בעסטען אָרט. די ווענד האָבען געשוויצט, מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ,

און דער עולם האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו געהן און געהן, ביז דער רויטער בעל־אכסניה איז געפאַלען אויף איין עצה — ער האָט פערשלאָסען טהיר און טויער, גוט אויסגעשאָלטען פריהער דעם דרויסענדיגען עולם אין ט... ט... אריין, ווי זיין שטייגער איז. ערשט דעמאָלט איז דער אורח אויפגעשטאַנען, און צווישען עולם איז געוואָרען א פּאַטשעריי מיט א שאַקעריי, מע האָט געקאָנט טויב ווערען.

— שאַ, שטיל זאָל זיין! ששששאַ, שששששאַ, ששששששאַאַאַ!!! שאַט, שאַט! — האָבען געשריגען אַלע רויטע אידלעך אין איין קול. נאָכדעם איז געוואָרען א סמאַרקעריי מיט א שנייצעריי פון נעזער, גלייך ווי מע וואָלט שוין א יאָהר דריי אָדער פיער די נאָז נישט געשנייצט. שפּעטער, אַז אַלע האָבען שוין גוט אויסגעשנייצט די נעזער, האָט איינער גענעבען א הוסט, נאָכדעם דער אַנדערער, נאָכדעם דער דריטער און אַזוי ווייטער — עס איז אויף זיי אָנגע־פאַלען פּלוצים א הוסטעניש, עפּיס איין עפּידעמיע, טאַקי נאָר ווי אויף־צו־להכעיס!

— וואָס איז דאָס פאַר א הוסטעריי אין מיטען דרינען? — האָבען זיך די נגידים צעשריגען. — נאַ דיר גאָר הוסטען! קראַנק געוועזען אין דער היים זיך אויסהוסטען דאָרטען? געקומען אהער הוסטען! א הוסטעניש אויף זיי! א העזה פון קבצנים, הוסטען נאָר?! ...

און ס'איז די מינוט געוואָרען שאַ־שטיל. פאַר א נגיד האָבען די רויטע אידלעך דאָס נייעניאַהריגע קרחת! דאָרט אַז א נגיד זאָגט „נישט הוסטען" — הוסט מען נישט...

— הערט צו, רבותי! הערט מיך אויס, מיינע ליעבע, טהייערע ברידער! — אַזוי האָט דער אורח אָנגעהויבען זיין שענע דרשה און אין די אויגען בשעת מעשה האָט זיך איהם אָנגעצונדען א פייעָרעל. — אייערע היענע ברידער, די רויטע אידלעך, האָבען מיך אפילו אויפגענומען היינט עפּיס נישט אַזוי פריינדליך, עפּיס נישט

ווי זעהר אַ ליעבליכען גאַסט; זיי האָבען מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און האָבען מיר געמאַכט אַ הורדאַ, זיי האָבען מיך נישט פערשטאַנען, וואָס איך האָב זיי געזאָגט. מיינט נישט, חס־ושלום, אַז איך האָב פאַראיבעל, אַז איך פאַל ביי זיך דערמיט אַראָפּ; חס־וחלילה! עס טהוט מיר נאָר וועה דאָס האַרץ אויף אייך, ברידער, וואָרום איך זעה דערפון אַרויס, ווי ווייט מען איז נאָך דאָ ביי אייך פערגראָבט און ווי נידעריג עס שטעהט נאָך ביי אייך דאָס פאָלק! נאָר אַזוי ווי איהר זענט דאָ אַצינד, ווי עס ווייזט אויס, פאַרשטע־הערס, דער תפארת פון דער שטאָדט; איך זעה דאָ צווישען אייך, זאָלען געזונד זיין, רבנים, לומדים, נגידים, משכילים, געלעהרטע און אַזוי פיינע, איידעלע מענשען, רעכען איך, אַז א י ה ר וועט מיך פערשטעהן. איהר דאַרפט וויסען, ברידער, אַז מיט גרויס מיה, מיט מסירות־נפש האָב איך מיך צו אייך דערשלאָגען אהער, מיינע ליעבע רויטע אידלעך, וואָרום איהר ליגט פערשטעקט, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, דער שוואַרץ־יאָהר וויסט וואו... צוקומען צו אייך בעדאַרף מען דורכגעהן אַ סך מדבריות און וויסטעניש, דורך בערג און דורך טהאָל, וואַלד־איין, וואַלד־אויס... היינט איבערשפאַנען אַזאַ ס מ ב ט י ו ן — אַ ווערטעלע אויסצורעדען! דעם סמבטיון!!... איך האָב געוואוסט גאַנץ גוט, אַז די נסיעה איז אַ שווערע, אַ שווערע נסיעה, איך האָב געוואוסט, אַז איך פער־ליר איבער איהר אַ סך צייט, אַ סך געזונד און אַ סך געלד און אַ סך כבוד, וואָרום ווען איך זאָג מיך אָפּ פון דער דאָזיגער נסיעה צו אייך, מיינע ברידער, וואָלט מיר געוועזען דאָרטען אַ סך, אַ סך בעסער, ווי ס'איז מיר אַצינד; מיר וואָלט זיין בעסער און מיינע קינדער אודאי... נאָר דאָס האַרץ האָט מיך געצויגען צו אייך, צו אייך, מיינע ברידער, האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פון כבוד, האָב מיך אָפּגעזעגנט מיט מיין עולם הזה און האָב מיך געלאָזט אויף קדוש־השם. איך האָב געוואָלט זיך זעהן מיט אייך, מיינע ליעבע רויטע אידלעך, אייך אָפּגעבען אַ פריינדליכען גרוס פון אייערע צעהן

מיליאָן ברידער, וואָס אויף יענער זייט טייך ס מ ב ט י ו ן, אייערע לייבליכע ברידער, וואָס דיענען מיט אייך איין גאָט און וואָס קומען אַרויס מיט אייך פון איין שורש, פון אברהם יצחק ויעקב. מיר האָט זיך זעהר געוואָלט זעהען וואָס טהוט זיך דאָ ביי אייך, און אַליין אָנזאָגען אייך די גוטע בשורה, אַז מיר האָבען אייך אין זינען, מיר זאָרגען זיך פאַר אייך. מיר טהוען פון אייערטוועגען אַזעלכס, וואָס איהר וועט, אם־ירצה־השם, זיין צופריעדען...

— דהיינו, וואָס? לאָמיר האָרכען וואָס? וואָס ציהט ער די נשמה? — שרייען מיט אַמאָל עטליכע רויטע אידלעך, וואָס האָבען שוין קיין צייט נישט.

— מע וויל אייך, פערשטעהט איהר מיך, ברידער, אַרויסשלעפּען פון דאַנען. גענוג אייך שוין צו פּאַליאָסקען זיך דאָ אין דער בלאָטע, זיין צו שאַנד און צו שפּאָט ביי אַלעמען אין די אויגען! צייט אויפשטעהן, זיך איינצו־וואַשען, אויסצוואָגען זיך, ווערען לייטע! גלייך!... מע וויל אייך אַרויסציהען פון דאַנען, אַזוי ווי מע האָט אַמאָל אַרויסגעצויגען אייערע עלטערען פון מצרים, און בעזעצען אייך אין אייער לאַנד, אינ'ם לאַנד פון אייערע אבות, אינ'ם לאַנד, וואָס גאָט האָט געשוואָרען צו אברהם יצחק ויעקב. אינ'ם לאַנד, וואו מיר האָבען אַמאָל געהאַט אונזער בית־המקדש, אונזערע כהנים און לויים, אונזער מלך, אונזערע נביאים — א ר ץ ־ י ש ר א ל הייסט דאָס לאַנד. ארץ־ישראל, דאָס הייליגע לאַנד, וואָס אייערע עלטערען האָבען פערגאָסען דערויף אַזוי פיעל בלוט, וואָס פון דאָרטען איז אַרויסגעגאַנגען אַ געטליכע ליכטיגקייט — אונזער תורה, און האָט בעלייכט די גאַנצע וועלט, געעפענט אַלעמען די אויגען, געגעבען אַלע פעלקער געטליכע ליכטיגקייט, פרייהייט, וויסענשאַפט... יאָ, מיר האָבען אַלעמען געגעבען ליכטיגקייט און וויסענשאַפט, און אַליין זענען מיר פערקראָכען אין אלף השישי... אַלעמען געגעבען פרייהייט. און אַליין האָבען מיר זיך פערשטעלט פאַר קנעכט, משרתים, לאַקייען... וואָס קוקט איהר מיך אָן? וואָס

שווייגט איהר? צו אייך רוף איך, צו אייך, פרומע רויטע אידלעך, רבנים, לומדים, חסידים, אידען מיט טליתים־קטנים, מיט לאנגע קאפאטעס, מיט בערד און פאות! איהר ווייסט דאך יא וואס ארץ־ישראל איז — א־ר־ץ י־ש־ר־א־ל! י־ר־ו־ש־ל־י־ם!! איהר זאגט דאך יא ביי׳ם בענטשען: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב... בשובך לציון ברחמים... המחזיר שכינתו לציון... ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך... וזכרון ירושלים עיר קדשך... ובנה ירושלים...“ און דעם געוויסען „לשנה הבאה בירושלים“...

— מילא, וואס מע דאווענט — רופען זיך אן עטליכע פרומע רויטע אידלעך — דערויף זענען מיר אידען, מיר זאלען דאווענען, גאט דיענען.

— דאווענען און גאט דיענען? — שרייט דער אורח. — אט דאס איז טאקי די מעשה, וואס איהר דאווענט און ווייסט נישט וואס איהר דאווענט. איהר רעדט און ווייסט נישט וואס איהר רעדט. איהר זענט קראנק און ווייסט ניט וואס אייך פעהלט. איהר געהט ארום אין דער בלענזעניש, איהר ליגט אין א היהנערפלעט, א בייזער שלאף אויף אייך...

— בקיצור! בקיצור! — שרייען די רויטע אידלעך, וואס האבען קיין צייט נישט. — גענוג מוסר! בקיצור!

— בקיצור ווילט איהר? איהר האט פיינט מוסר? איהר האט פיינט, אז מע זאגט אייך דעם אמת?... ס׳איז, זאג איך, א בייזער שלאף אויף אייך, בכן בין איך געקומען אייך ו׳עקען, אויפרייסען פונ׳ם שלאף און שרייען אייך אין אויהער אריין: שטעהט אויף, ברידער, שטעהט אויף! שוין צייט! שוין צוויי טויזענד יאהר, אז איהר ליגט דא אין דער בלאטע און פיהלט גאר נישט, ווי ווייט אומגליקליך איהר זייט, ווי דער ווארעם וואס ליגט אין חריין און מיינט, אז ס׳איז קיין זיסערס נישטא... שטעהט אויף, קוקט אייך ארום, בעטראכט אייער לאגע, ס׳איז געפעהרליך! איהר שטעהט, זאג איך אייך, אין א סכנה, אין א מורא׳דיגער סכנה! איהר

ווערד וואָס אַ טאָג שוואַכער און שוואַכער. איהר זינקט אין דער בלאָטע טיעפער און טיעפער. איהר פאַלט אין דעם פינסטערניש נידעריגער און נידעריגער. איהר ווערד וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערגרעבט, איהר ווערד דערשטיקט אין דער ענגשאַפט, איהר פרעסט איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהייד...

— דעם שפּיץ! דעם שפּיץ! — שרייען די רויטע אידלעך, וואָס האָבען קיין צייט נישט. — זאָגט אונז דעם שפּיץ!

— דעם שפּיץ ווילט איהר וויסען? איהר האָט קיין צייט נישט? פּונקט דאָס אייגענע וואָס ביי אונז. די אייגענע מענשען מיט דעם זעלבען כאַראַקטער... דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט אונז, אייערע צעהן מיליאָן ברידער, וואָס אויף יענער זייט טייך ס מ ב ט י ו ן, פּונקט דאָס זעלבע... נאָר מיר האָבען זיך בע־צייטענס אַרומגעקוקט, אַז מיר שטעהען שמאָל, מע וויל אונז איינ־שלינגען, אָדער מע וויל אונז לאָזען, מיר זאָלען זיך אַליין איינס דאָס אַנדערע איינשלינגען... מע האָט אונז געגעבען אָנצוהערעניש, דאָס הייסט, קלעפּ מיט סטוסאַקעס גוטע; מיר האָבען פערשטאַנען, אַז די וועלט איז אַ ים און די מענשען זענען פיש... מיר זענען געקומען צום שכל, אַז די אַלע זיסע ליעדלעך, וואָס אונזערע נביאים און משוררים אין אַלע צייטען האָבען אונז געזונגען, זענען אודאי זעהר שענע ליעדער, אָבער טאַקי נישט מעהר ווי ליעדער, וואָס זע־נען געזאָגט געוואָרען אויף אַ מ אָ ל, אויף „לעתיד לבא“, אַז משיח וועט קומען... מיר האָבען דערפיהלט, אַז אונזער הילף איז נאָר ביי אונז אין די הענד. אַז מיר אַליין וועלען זיך נישט העלפען, וועט אונז קיינער נישט העלפען. מיר האָבען פערשטאַנען, אַז אויב מיר ווילען לעבען, מוזען מיר זיין לייטענגלייך, אַזוי ווי מיר זענען געווען אַמאָל, אַמאָל... מיר האָבען זיך בעקענט מיט אונזער איי־גענער שענער היסטאָריע, מיט אונזער אייגענער שענער שפּראַך, און מיר האָבען דערזעהען, אַז מיר האָבען זיך אומזיסט געשעמט מיט דעם נאָמען איד, אַז מיר זענען אַ פאָלק גלייך מיט אַלע פעל־

קער, אונז פעהלט נאָר אַ לאַנד, איין אייגען לאַנד. האָבען מיר געמאַכט אַ גוואַלד פֿאַר דער גאַנצער וועלט: „לאַנד! לאַנד! גיט אונז לאַנד!“ מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צענויפֿפֿאָהרען אַלע אין איין אָרט, צענויפֿשמועסען זיך אַלע וועגען איין זאַך, און ס׳איז געבליבען, מיר זאָלען זיך קודם כל אויסצוואַגען, אָרומוואַשען זיך אַליין און אויסצוואַגען און אָרומוואַשען אונזערע קינדער. זיך אויסבילדען, ווערען מענשען, צוגרייטען זיך אַליין און דאָס גאַנצע פֿאָלק צו דער גרויסער אַרבייט, וואָס שטעהט פֿאָר. מיר האָבען אָנגעהויבען מאַכען אסיפֿות, קאָנגרעסען, זאַמלען געלד, גרינדען אַ פֿאָנד, לערנען אונזערע קינדער, עפֿענען חדרים, מאַכען שקאָלעס....

— שקאָלעס? שקאָלעס נע זשעלאַיעם! זנאַט נע זנאַיעם! שקאָלעס נע זשעלאַיעם! — האָבען אויסגעשריגען מיט אַמאָל עטליכע הונדערט רויטע אידלעך, און דער גאַנצער עולם האָט אָנגעהויבען צו רעדען, ליאַרעמען און פֿילדערען אויף אַלערליי קולות. דער האָט געשריגען: „נע זשעלאַיעם!“ און דער האָט געשריגען: „זשעלאַיעם! דווקא זשעליאַיעם!“ און אינאיינעם איז דאָס אויסגעקומען אַ מיש־מאַש, אַ ווילדער קאָנצערט: „זשעלאַיעם... נע זשעלאַיעם... זנאַט נע זנאַיעם... שקאָלעס נע זשעלאַיעם... דווקא זשעלאַיעם... אויף־צו־להכעיס נע זשעלאַיעם!“...

דאַס זעכסטע קאַפּיטעל.

(דער פרעמדער פאַרשוין שטעהט אויף פונ'ם טיש, און די רויטע אידלעך רעדען אַלע אינאיינעם. — זיי שפּאַרען זיך, אַמפּערען זיך, שרייען איבער איינס דאַס אַנדערע און צעגעהען זיך בשלום אַהיים.)

די רויטע אידלעך כל־זמן זיי שווייגען — שווייגען זיי, נאָר אַז זיי הויבען אָן צו רעדען, רעדען זיי פון פייער און פון וואַסער, און מיט הענד, און דוקא אַלע אינאיינעם; זיי שרייען, זיי ליאַרעמען, זיי גראַגערען, ווי די סאַראַקעס אין וואַלד, עס מאַכט זיך זיי נישט צו דאָס מויל; דער כח פון אַ מענשען איז דעמאָלט גאָר נישט אימשטאַנד זיי אָפּצושטעלען. וויפיעל דער אורח האָט זיי נישט געבעטען, מע זאָל איהם לאָזען רעדען, אויסלאָזען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבען, וויפיעל דער עולם האָט נישט געפּאַטשט מיט די הענד אין טיש און געשריגען: „ששששאַ! שששששאַט! שטילער! שטיל זאָל זיין!“ — עס האָט נישט געהאָלפען קיין שמע־ישראל, חאָטש טהו זיך אָן אַ מעשה! אַפילו די נגידים האָט מען אויך געהאָרכט, ווי המן דעם גראַגער. אונזער אורח האָט נעבאָך נעמוזט איבעררייסען זיין דרשה אין מיטען און מיט בזיונות אָפּטרעטען פונ'ם טיש און הערען, ווי די רויטע אידלעך פערטייטשען, צעקייען זיינע ווערטער, איטליכער נאָך זיין השגה און נאָך זיין פערשטאַנד.

— ער וויל שקאָלעס... שקאָלעס נע זשעלאַיעם... פון יענער זייט מייך... וואַסערע לאָקשען... עפּיס דערצעהלט ער ארץ־ישראל... מע באַראַף חברות... חבֿרות נע זשעלאַיעם... וואָס זאָגט איהר אויף זיין פּיסק?... כ'וואָלט אַ בעלן געווען זיין דאָרטען... שאַ, לאָז זיין שטיל... וואָס ביזט דו פאַר אַ מאַכער... ארץ־ישראל לאָזט מיך... אַז מע זאָגט משוגע, זאָל מען גלויבען... איהר זענט

מחילה א בהמה... פארך, אט האפסט דו א פאטש... חברות, חברות באדארף מען... ס'א משל, נו און געלט?... געלט?...

— איהר הערט? עס האלט שוין ביי געלט! — אזוי מאכען די נגידים און האפען זיך ביי די קעשענים. — דאס מיינט מען אונז, א פנים? קומט, לאמיר געהן אהיים.

— איין „אקעלע" וועט זיין ביי אייך היינט? — רופען זיך אן די חברה „שנויץ מיט ברויט" צו איינעם פון די נגידים.

— אודאי, ווי דען איז אנדערש? וואו זענט איהר נעכטען געוועזן?

— נעכטען זענען מיר געוועזן „איף" ביי'ם „חכם" ביז'ן ערשטען מנין.

— אזוי? ווער איז באגראבען געווארען? ווער האט געטאפט דעם טאטער? דערציהלט, דערצעהלט...

— אוי, פרעגט נישט, ס'איז געווען א רעכטע שרפה! פריהער האט דער „סטאטיק" געזונגען א „תכנת־שבת'על", ווי געוויינטליך, און דער „נשרף" האט געשוויצט; נאכדעם האט איהם דער „בעל־תכלית" געפאקט מיט פיער מלכים קעגען דריי טייז, גוט אפגע־שמיסען, געצויגען פון איהם די עצמות, א דרייערעל בלינד, א פינ־פערעל אויף צוויי, צוויי פינפערלעך אויף דריי, און דריי אויף מיינע דריי, — ביז ס'איז אויסגעגאנגען פאדעם, האט ער איהם געעפענט דאס בלעטעל, איז איהם פינסטער געווארען אין די אוי־גען. נאר בעסער פון אלע האט געמאכט דער „פראפעסאר": ער האט געקלאפט מיט די ווייבער אין „סטוקעלקע" — ט י א מ נ ע! האט צוגענומען ביי זיי וואו זיי האבען געהאט א פיערער, און א גוטען טאג מיט דער קאפאטע... קומט, לאמיר געהן, ווען מיר עפים מתקן זיין! איין עבירה די צייט, די נאכט שטעהט נישט...

— אפיקורסים! הולטייעס! — שרייען די רבנים און די אי־בעריגע כלי־קודש, וואס האבען זיך צענויפגעשלאגען בעזונדער אין א ווינקעלע. — טריפניאקעס גאר ווילען אונז פיהרען קיין ארץ

ישראל! „גלוחים“ ווילען אראפּברענגען משיח׳ן! אידען, וואָס שווייגט איהר?!... גוואלד! גוואלד! שמע ישראל!!!...

נאָר מעהר פון אלע האָבען זיך געשטעלט אקעגען די געלעהרטע פון די רויטע אידלעך, די חקרנים, די גריבלער, די פילאָזאָפען און פּאָליטיקער. זיי האָבען געפאָדערט, מע זאָל זיי געבען צו פערשטעהן „על פּי חקירה“, „על פּי שכל“, „על פּי היסטאָריע“, „על פּי פּאָליטיקע“ און „על פּי מענשליכקייט“, ווי אזוי איז דאָס מעגליך און וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, מע זאָל נעמען אַ פּאָלק פון רויטע אידלעך, וואָס זיצען זיך רוהיג שוין צוויי טויזענד יאָהר אויף דער זייט סמבטיון, וואָס מישען זיך נישט צו קיינעם, זאָ־טשעפּען נישט קיין פליעג אויף דער וואנט, — זאָל מען זיי פּלוצים אין מיטען דרינען זאָגען: „נעמט אייך, רויטע אידלעך, צענויף, פּאַקט אייך איין און פאָהרט אריבער דעם טייך סמבטיון און באַזעצט אייך דאָרטען ערגיץ אין אַ וויסט לאַנד, צווישען ווילדע טערקען“... וואָס וועלען זאָגען די אַלע איבעריגע פעלקער, און טאַקי דער טערק אַליין?... וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אזאַ מעשה, פרעגען מיר אייך, אַדרבה, בעווייזט אונז פון דער היסטאָריע, צי האָט זיך געטראָפען ווען אזאַ געשיכטע? דאָס איז איין מאָל אוועק; און צווייטענס, איז דאָך אַ פּאַטש אין פּנים פאַר דער ציוויליזאַציע, אַ חרפּה אַ בושה פאַר לייטען! די גאַנצע וועלט קוקט אַרויס, אַז אַט־אַט טהוט אַ שיין די זון, און עס ווערד ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך, אַלע לענדער וועלען ווערען איין לאַנד, אַלע פעלקער וועלען ווערען איין פאָלק, אַלע שפּראַכען וועלען ווערען איין שפּראַך, אַלע מענשען וועלען ווערען איין מענש...

— גוט מאָרגען, מזל טוב דיר! גוט פאַרקראָכען! וואָס הייסט אַלע מענשען וועלען ווערען איין מענש? — שפּרינגט אַרויס איינער אַ יונגער מיט ברילען, ווייזט אויס, אויך אַ געלעהרטער. — מילא, אַז פון אַלע פעלקער וועט ווערען איין פאָלק — דאָס פאַרשטעה איך נאָך...

— חאפט זיך נישט! — שלאגט איהם איבער נאך איינער א געלעהרטער מיט א גרויסער ליסינע אויפ'ן קאפ. — לאמיר אקארשט באטראכטען על פי חקירה מאקי נאך א מאל דאס אייגענע ווערטער צוריק: וואס ווערד אנגערופען א פאלק? וואס איז דער פשט פונ'ם ווארט „פאלק"? פון וואנען נעמט זיך דאס?

— א פאלק ווערד אנגערופען נאציאן, — גיט איהם צו פער־שטעהן יענער מיט די ברילען, — דאס ווארט נאציאן שרייבט זיך מיט א „טע", נישט מיט קיין „צע", און לייענען לייענט זיך דאס דווקא דורך א „צע", אט אזוי: Nation... היינט פארשטעהט איהר שוין?

— ס'איז זעהר נויטהיג — רופט זיך אן נאך איינער א גע־לעהרטער מיט גרויסע ברעמען — ס'איז זעהר נויטהיג, מע זאל וועגען דעם אנשרייבען א בעזונדער בוך...

— א „רעפעראט", — רופט זיך אן נאך איינער א יונגער גע־לעהרטער און איז צופריעדען, וואס איהם איז געראטען אריינצו־שטעלען אזא הויך ווארט.

— וואס איז אייך עפיס געפעלען א רעפעראט? — רופט זיך אן יענער, וואס מיט די ברילען, וואס איז איהם מקנא אויפ'ן ווארט „רעפעראט". — א בוך איז עפיס אנדערש, און א רעפעראט איז ווידער עפיס אנדערש. א בוך איז א טראקטאט, און א רעפעראט איז א רעפעראט.

— אלץ איינס! — שרייט יענער געלערטער שוין מיט כעס. — קיין שום חלוק נישט!

— ווי פון טאג צו נאכט! — שרייט דער אנדערער.

— האט קיין פאראיבעל נישט, — שרייט דער ערשטער — ס'איז קיין שום חלוק נישט!

— האט קיין פאראיבעל נישט, — שרייט דער אנדערער שוין אויף דייטש — פאן דיזען ביז דאזען איז א גרויסער „חולאק"!...

— אבער לאז שוין זיין גענוג! — מישט זיך אריין איינער פון די משכילים. — האסט דו געהערט איין אקציע, געלעהרענטע מענטשען זאלען זיך קיין מאל נישט קאנען אויסגלייכען! אז דער זאגט טאג, זאגט דער נאכט! איהר לעגט זיך בעסער אריין, עס זאל ווערען א חברה, עס זאל זיין אחדות ביי די רוימע אידלעך, מע זאל עפּיס אנהויבען טהון, — דאס איז אביסעל נויטהיגער פון אייערע חקירות מיט אייער פילאזאפיע, מיט אייערע טראקטאטען און מיט אייערע רעפעראטען!...

* * *

עס איז שוין געווען נאך האלבע נאכט, און די רוימע אידלעך האבען נאך אלץ גערעדט און געפלוידערט, געליארעמט און געגרא-גערט, אלע אינאיינעם און מיט הענד, ווי געוויינטליך. די רבנים האבען געשריגען: „אפּיקורסים! שקצים! הולטייעס! קאלבאס-ניקעס! זיי ווילען אונז ארפּברענגען משיח'ן!"... די געלעהרטע, די חקרנים, די פילאזאפען האבען נישט אויפגעהערט צו חקירה'ן, צו שפּארען זיך און אמפּערען זיך צווישען זיך. זיי האבען נאר געוואלט, מע זאל זיי בעווייזען טאקי באלד, אט-א-דא אויפ'ן ארט, ווי אזוי וועט דאס זיין, ווי אזוי וועט מען דאס נעמען א פאלק און מע וועט דאס אריבערפיהרען דעם ס מ ב ט י ו ן און בעזעצען אין ארץ-ישראל? עפּיס לעגט זיך דאס נישט אויף דעם מח! אט לאמיר נעמען די געשיכטע פון די אלע איבעריגע פעלקער...

— אלע איבעריגע פעלקער זענען ע פּ י ס אנדערש — חאפּט זיך ארויס נאך א געלעהרטער — און די רוימע אידלעך זענען וויע-דער עפּיס אנדערש!

— אלץ איינס! — שרייט יענער.

— ווי טאג צו נאכט! — שרייט דער אנדערער.

— האט קיין פּאראיבעל נישט, ס'איז קיין שום חלוק נישט!

— האט קיין פּאראיבעל נישט, פאן דיזען ביז דאזען איז א גרויסער „חולאק"!...

— אָבער איין עק מוז עס דאָך האָבען! — שרייען די משכּילים. — מע באַדאַרף זעהען עפּיס טהון לטובה פונ׳ם פאָלק. מיט אייערע חקירות וועט דאָס פאָלק נישט זאַט זיין. נו, אדרבה, טראַכט צו עפּיס איין אַנדער מיטעל, אַז עס געפעלט אייך נישט ארץ־ישראל. דאָס פאָלק וואַרט, דאָס פאָלק קוקט אַרויס אויף אייך, און איהר האָט אין זינען חקירה, פילאָזאָפיע, פּאָליטיקע!...

— אַ יושר, כּלעבען, — העלפען אונטער די אָרעמע לייט — מע זאָל טאַקי עפּיס אָנהויבען אונז אויך אין זינען האָבען, עפּיס טהון פון אונזערט־וועגען און פון אונזערע קינדערס וועגען...

נאָר קיינער הערט זיי נישט. אַלע ווילען רעדען, קיינער וויל נישט האָרכען. מע רעדט און מע רעדט אַזוי לאַנג, ביז מע הויבט זיך אָן ביסלעכווייז צעגעהן. פריהער פון אַלעמען רוקען זיך אַרויס פּאַוואָלינקע די נגידים, נאָך זיי די חברה „שנויץ מיט ברויט“, און, געהענדיג אַהיים, שיט מען מיט גלייכווערטלעך, מע בערעדט, מע שפּעט אָפּ, מע מאַכט חוזק פונ׳ם פרעמדען פּאַרשוין, וואָס איז אַריבער דעם ס מ ב ט י ו ן, און פונ׳ם רויטען בעל־אכסניה, און פון די רבנים, פון די געלעהרטע, פון די משכּילים און פון דער נייער חברה „רויטע ארץ־ישראל אידלעך“, פון אַלע רויטע אידלעך און פון דער גאַנצער וועלט...

דאָס זיעבעטע קאַפּיטעל.

(ראש חודש אלול געהט אַוועק, און בעל־הבית בלייבט בעל־הבית. — דער פרעמדער פאַרשוין פאָהרט אַוועק, און די רויטע אידלעך בלייבען רויטע אידלעך.)

אויף מאָרגען, אַז מען איז אויפגעשטאַנען פונ׳ם שלאָף, איז שוין דער אורח, דער פרעמדער פאַרשוין נישט געווען אין שטאָדט. די רבנים האָבען נישט געקאָנט אַריבערטראָגען אַזאַ איין אַפּיקורסות, אַז די רויטע אידלעך, וואָס האָבען ביז אַהער אַרויסגעקוקט אויף משיח׳ן, געזאָגט מיט כונה „אני מאמין" און געשריגען אויף אַ קול „לשנה הבאה בירושלים", — זאָלען פּלוצים גאָר אַליין פון זיך אָנ־הויבען טראַכטען מכח ארץ־ישראל?!... האָבען זיי זיך נישט געפוילט און זענען אַוועק גלייך צו „נאַטשאַלסטוואָ" און האָבען איינגעגעבען אַ פּאַפּיער אַזוי און אַזוי, דאָס און דאָס: „הנה זייט וויסען — אַזוי האָבען זיי געשריבען אין פּאַפּיער — אַז עפּיס איינער אַ פרעמדער, פון אַלדי שוואַרצע יאָהר, איז אַראָפּגעפאָהרען אַהער צו אונז אין שטאָדט אַריין און בונטעוועט דעם עולם... מיר האָבען עדות, די גאַנצע שטאָדט וועט געהן שווערען, אַז ס׳איז אמת... לכן בעטען מיר, אַזוי ווי פאַר׳ן לאַנד און פאַר „קאַזנאַ" איז דאָס געווים נישט קיין קליינער היזק — און „קאַזנאַ" איז דאָך ביי אונז טהייערער פון אַלסדינג, — זאָל מען זיך באַצייטענס אַרומקוקען, נעמען מיטלען, אַז מע זאָל די רויטע אידלעך חלילה נישט אַראָפּפיהרען פונ׳ם דרך הישר... און אַזוי ווי אונז איז נישט באַוואוסט, ו ו ע ר דער דאָזיגער נפש איז, פון ו ו א נ ע ן ער איז, ו ו אָ ס ער איז, און וואָס איז זיין ט ה ו ע כ ץ, זאָל מען איהם באַזוכען און זעהען, צי האָט ער שוואַרץ אויף ווייס... וואָרום ווערליג עס ווייזט אויס, באַדאַרף ער זיין אָדער אַזעלכער, וואָס האַנדעלט מיט פאַלשע אַסיגנאַציעס, אָדער אַ בורח, איין אַנטלאָ־

פענער פון ערגיץ, אדער איינער פון היינטיגע ווייסע־חברה'ניקעס, וואס רעדען אן, פיהרען אראפ פון וועג און פארפיהרען אין דער שאול־תחתיה אריין... קיין כשר'ע זאך איז דאס געוויס נישט"...

כך הוה, דער פרעמדער פארשוין איז נאך געשלאפען, בשעת צום רויטען בעל־אכסניה האט זיך בעוויזען עפיס א „קנעפעל" מיט א בלויער נאז און האט זיך אנגערופען צו איהם בזה הלשון:

— הער נאר אויס, ברודער, מיר האבען דיך תמיד געהאלטען פאר א שטילען, איין עהרליכען אידען; אויך וואלט זיך ניכער גערעכט אויף דיר א פגירה, איידער דו זאלסט האנדלען מיט טרפה סחורה, קאנטראבאנד...

דער רויטער בעל־אכסניה איז געווען א געניטער מענש און א חשוב ביי אלע „קנעפלעך", האט ער קודם כל געהייסען, מע זאל דערלאנגען א פלעשעל מיט צוויי גלעזלעך.

— אט הער וואס מע שרייבט אויף דיר! — מאכט צו איהם דאס קנעפעל און זאטעלט אן די נאז אויף צו לייענען דאס פאפיער. — און ווער, מיינסט דו, שרייבט דאס? טאקי אייערע פארשאלטענע רויטע אידלעך! ווען וואלטען מיר דען געוואוסט וואס ביי אייך טהוט זיך, ווען אייערע זאלען נישט שרייבען איינס אויף דאס אנדערע קיין מסירה'לעך?

— אדוני פריץ, וואס איז דיין באגעהר? — מאכט צו איהם דער בעל־אכסניה און גיסט אן ביידע גלעזלעך. — לאמיר קודם־כל זיין געזונד און לאמיר טרינקען לחיים; לחיים, פריצ'וני! — מאכט ער אויף אידיש. — לאז גאט געבען אלסדינג, וואס איך ווינש דיר... אצינד זאג מיר, וואס איז דיין באגעהר?

— זאג מיר נאר, סערדצע, — רופט זיך אן דאס „קנעפעל" — ווער האט זיך דאס אפגעשטעלט ביי דיר אויף היינטיגען שבת עפיס א מאדנער פארשוין? פון וואנען איז ער און וואס טהוט ער היע און וואס האט ער דא נעכטען עפיס גע'דרש'ענט?

— געזונד זאָלסטו דו מיר זיין און שטאַרק אויף אַלע אברים! — רופט זיך אָן צו איהם דער בעל אכסניה. — איך פארשטעה גאָר נישט איין וואָרט, וואָס דו רעדסט צו מיר; ס'איז עפּיס טערקיש! ערשטענס, ווייס איך אַליין נישט ווער דאָס איז; צווייטענס, איז ער שוין לאַנג אוועקגעפאָהרען; און דריטענס, האָט זיך ביי מיר קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט אזא פאַרשוין... איך ווייס גאָר נישט פון קיין פּותר און פון קיין חלום! לחיים, לחיים, לאָמירביידע זיין געזונד, ס'זאָל דיר אָנגעהן, פריץ, חאַטש האַלב, וואָס איך ווינש דיר!...

— אי, ביזט דו אַ מאַשעניק! — מאַכט צו איהם דאָס „קנעפּעל“ מיט אַ געלעכטער. — דיך האָט מען, אייגענטליך, שוין לאַנג באַ־דאַרפט אויפהענגען אויף אַ בוים; נאָר דיין גליק איז, וואָס איך האַלט פון דיר, דער רוח זאָל דיך וויסען, פאַר וואָס. איך ווייס דאָך, אַז דו לייגסט, ווי אַ הונט! פאָלג מיך, זיי זיך בעסער מודה, און באַוויין מיר דעם דאָזיגען נפש, איך וויל איהם אַ טאָפּ טהון ביי'ם דופק...

— אַך, מיט'ן גרעסטען כבוד! פאַר דיר איז דען פאַרהאַן ביי מיר אַ פאַרבאָרגענע זאַך? — זאָגט איהם דער בעל־אכסניה און לויפט אריין ־צום אורח און רייסט איהם אויף פונ'ם שלאָף.

— יהודה בלאַ! שטעהט אויף, טהוט אייך אָן, פּאַקט אייך צענויף, נעמט די פּיס אויף די פּלייצעס, און מאַכט אַ ויברח, אָבער טאַקי באַלד, וואָרום ס'איז מיט אייך נישט פרעהליך! איך הייס איינשפּאַנען די פוהר פון אייערטוועגען. מאַכט זשע נישט קיין שיהות און פאָהרט אייך געזונדערהייד בשם אלקי ישראל, איהר זאָלט זיך אפילו גאָר נישט ארומקוקען צוריק! און אַז גאָט וועט אייך ברענגען בשלום אהיים, זאָלט איהר, למען השם, בענשען גומל, וואָס איהר זענט ארויס טרוקען... פרעגט נישט קיין קשיות, לעגט אייך צענויף און אנטלויפט, איהר קענט נישט די רויטע איד־

לעך און איהר ווייסט נישט ווער אונזערע כלי־קודש זענען... פאַהרט געזונדערהייד און לאָזט גריסען איטליכען באַזונדער נאָר פריינדליך!...

* * *

פון דעמאָלט אָן איז ביי די רויטע אידלעך, דאַנקען השם־יתברך, שלום ושלוה, שאַ־שטיל, מחיה נפשות! איטליכער האָט אין זינען זיך, איטליכער איז פערנומען מיט זיינעם: דער קרעמער קוקט ארויס אויף קונים; דער בעל־הלואה שרייבט קוויטלעך „על־פי־היתר־עסקא"; די קליינע פּיאַווקעלעך נעמען „וואָכער"; דער בעל־מלאכה האָרעוועט מיט'ן בלוטיגען שוויים; די שוחטים שעכטען, די חזנים זינגען, די מלמדים קנעלען; די מאַרק־מענשען געהען אַרום מיט די שטעקעלעך אין גאַס און טראַכטען: וואו נעמט מען אויף שבת?... יונגעלייט, משכילים, שרייבען מאמרים אין די בלעטער; זיי קומען זיך צענויף אַלע שבת־צו־נאַכט, מאַכען אסיפות און מע שמועסט, וואו נעמט מען געלד אויף צו קויפען ערד אין ארץ־ישראל?... די נגידים דערהערען נאָר דאָס וואָרט „געלד", קומט אויף זיי איין אויסהאַפעניש. „ווייס איך! — זאָגען זיי. — קבצנים, שלעפּערס, מלמדים, יונגלעך ווילען אָפּקויפען ארץ־ישראל. נישטאָ ווער סע זאָל לאַכען!"... די „פּוסטעקראַטען", אָדער די חברה „שנויץ מיט ברויט", פּאָרטאַקעווען, באַמקען־צו די נגידים און מאַכען חוזק פון דער נייער חברה „רויטע ארץ־ישראל אידלעך", האַקען אין „אָקע", קלאַפּען אין „סטוקעלקע", שפּיעלען אין „דערדע", אין „זעכח און זעכציג", אָדער גאָר אין יענער שכל'דיגער שפּיעל, וואָס מע רופט זי „טערטעל־מערטעל"... אויך די געלעהרטע, די חקרנים, קלויבען זיך צענויף אַלע נאַכט, הערען נישט אויף צו חקירה'ן איבער דער פראַגע פון ארץ־ישראל, צי קאָן עס חלילה נישט אָנריהרען דעם פּראָגרעס, שאַדען דער ציוויליזאַציע?... איין חקירה ברענגט זיי אריין אין דער אַנדערער חקירה, איטליכע פראַגע שלעפּט צו זיך נאָך אַ פראַגע; מע רעדט, מע שאַרפט זיך די צינגלעך, מע

לופטערט די שפּראַך, מע אַמפּערט זיך און מע קריעגט זיך — עס לאָזט זיך גאָר נישט אויס ביי זיי קיין מאַטעריאַל. זיי זענען שוין פערקראָכען אַזוי ווייט, אַז זיי האַלטען שוין ביי דער חקירה: „וואָס איז פריהער בעשאַפען געוואָרען אויף דער וועלט — צי דאָס איי, וואָס פון דעם פּיקט זיך אויס אַ היהנדעל, צי די הוהן, וואָס לעגט איין איי?“... און „וואָס איז דער שכל, וואָס דאָס ווייסעכין מיט׳ן געלעכין ליגען שטענדיג אינאיינעם און מישען זיך קיין מאָל נישט צענויף?“... וכדומה אַזעלכע טיעפע חקירות. — און די אָרעמע לייט? גאָר נישט. אָרעמע לייט זענען זיך אָרעמע לייט, געהען זיך אויס שטילערהייד פון הונגער — ווער קאָן זיי חלילה פאַרוועהרען? שטאַרבען איז אַ גאָט־זאַך, מיר וועלען אַלע שטאַרבען... און די קינדער זייערע — אויך נישקשה. געהען זיך אַרום פראַנק און פריי, נאַקעט און באָרוועס, נישט געצוואָגען, נישט געקעמט, פּאַ־ליאָסקען זיך אין דער בלאָטע מיט אַלע חזירים. און, להבדיל, די רבנים? און די איבעריגע זייערע כלי־קודש? — לאָזט זיי גע־מאַך: זיי האָבען גענוג אַרבייט ביי׳ם ערוב, ביי׳ם פּסח׳דיגען בראַנ־פען, ביי דער מצה־שמורה און ביי די אַלע איבעריגע זאַכען, וואָס זענען שייך צו אידישקייט. גענוג פון זייערטוועגען, אַז זיי האָבען אין זינען בעוואָהרענען די רויטע אידלעך אויף סוכות מיט „קאָרע־פּירעך“ אתרוגים, חלילה נישט פון ארץ־ישראל.... הכלל, ס׳איז קיין עין הרע שטיל אויף יענער זייט טייך ס מ ב ט י ו ן, שטיל און רוהיג. אַ שטילע, אַ געדיכטע, אַ טונקעלע נאַכט האָט זיך אָנגע־רוקט אויף די רויטע אידלעך, זיי ווילען שלאָפען... ששש... ווייסט איהר וואָס? לאָמיר זיי נישט שטעהרען. לאָמיר זיך צגעגהן שטי־לערהייד, אויף די שפּיץ פינגער, און לאָמיר זיי צו־ווינשעווען אַ גוטע נאַכט מיט זיסע חלומות. — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ גוטע נאַכט, רויטע אידלעך, שלאָפט געזונד! — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צווייטער טייל.

דאָס אכטע קאַפּיטעל.

(די בעלי־הבתים פון דער מדינה, זייער שנאה צו די רויטע אידלעך. — דער קלאַפּ וואָס האָט זיי געטראָפען פּלוצים, אומגעריכט. — די חדושים וואָס זיי דערצעהלען זיך און וועגען דעם דאָזיגען אומגליק.)

די רויטע אידלעך זענען נישט די איינציגע, נישט קיין ציטעריגע אויף יענער זייט סמבטיון. פאַראַן אויך א חוץ זיי דאָרטען אנדערע פעלקער: אראַבער, פערסיאַנער, אינדיאַנער, טערקען, טאַטערען וכדומה, וואָס זאָגען, אז זיי זענען גאָר דער רעכטער ציטעם, זיי זענען די בעלי־בתים פונ'ם לאַנד, און די רויטע אידלעך — דאָס זענען נישט מעהר ווי איין אונטערשלאַק, א רעשטעל צו די צרות. און האָטש די רויטע אידלעך טענה'ן, אז זיי זענען דאָרטען אויך שטיקלעך מחותנים, ברענגען ראיות פון דער היסטאָריע, אז זיי זענען דאָרט „תושבים" גלייך מיט אלע, וואָס זיצען שוין דאָרטען פון כמה וכמה יאָהרען, — נאָר מע הערט זיי מיט זייערע טענות און מיט זייערע ראיות ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי, און זיי רעכענען זיך דאָרט פאַר פרעמדע, אָנגעוואָרפענע, איינגעבעטענע, צעגנויפגעלאָפענע פון אלדי שווארצע יאָהר... א סך הונדערטער יאָהרען האָבען די פעלקער געלעבט מיט די רויטע אידלעך בשלום ושלוה, גאָר פיינטשיק, היינו: מע האָט זיי געלאָזט, זיי זאָלען זיך דאָרט זיצען פראַנק און פריי אין די ערטער, וואו זיי זיצען שוין, און, אדרבה, קוים האָבען זיי זיך ערגיץ בעזעצט, זאָלען זיי שוין זיצען אין געהאַקטע וואונדען... אויך אין די שטעדט האָט מען זיי אָפּגעטראַכטען בעזונדערע גאַסען פון זייער כבוד וועגען, וואו זיי קאָנען זיך מהון וואָס זיי ווילען: עפענען קלייטלעך, האַלטען שענקלעך, פערקויפען בראַנפען, אויפקויפען תבואה,

סרסור׳ען, מעקלערען, האנדלען, וואנדלען, דרעהען, פערלייהען געלד, נעמען פראצענט וויפיעל עס לאזט זיך... און דערפון טאקי האט זיך גענומען די ערשטע שנאה, וואס מע האט געווארפען אויף זיי איין אומ׳חן, ווארום בשעת מע האט בעדארפט צו זיי האבען, איז מען מיט זיי געוועזן אדרבה ואדרבה, קוצעניר־מוצעני, ווי געוויינטליך, און נאכדעם, אז ס׳איז געקומען צום זמן, מע בעדארף צאהלען און ס׳איז נישטא מיט וואס, האבען די רויטע אידלעך אנגעהויבען צושטעלען די קוויטלעך, איינגעבען די וועכסלען; איז געווארען א גוואלד: „פיאווקעס! עקספלאאטאטערעס! געבראכט אהער זייער טאטענס ירושה! טונעיאדצעס! פאראזיטען! שאכער־מאכערס! מענשען וואס זעען נים און שניידען נים און עסען — עסען זיי! וואס בעדארף מען זיי? וואס בעדארפען מיר רויטע אידלעך? לאזען זיי זיך געהן אהין, פון וואנען זיי האבען זיך גענומען!...“ די רויטע אידלעך האבען דאס אלסדינג אויסגעהערט און האבען זיך געמאכט דערפון: „עט, זיי וועלען אזוי לאנג בײלען, ביז זיי וועלען אנשטומט ווערען; אז זיי וועלען באדארפען האבען, וועלען זיי ווידער קומען צו אונז“... די רויטע אידלעך זענען געגאנגען מיט דעם גאנג, אז איינגאנצען זייער כח איז די מטבע, אז א איד בעדארף אין זינען האבען פרנסה, א איד בעדארף מאכען געלד, און וואס מעהר איז בעסער... די רויטע אידלעך, וואס האבען ליעב אפשפעטען פון איטליכען בעזונדער, חוזק מאכען פון דער גאנצער וועלט, און אפילו פון זיך אליין, זאגען אויף זיך זעהר א גראב ווערטעל: „אלע מענטשען — זאגען זיי — ווערען איינגעטהיילט אין צוויי קאטעגאריעס: פארכעס און פארכעס. האט איהר קיין געלט נים, זענט איהר דאך גלאט א פארך; האט איהר געלט — זענט איהר אודאי א פארך, ווארום אז נים, וואלט איהר דאך קיין געלט נים געהאט... נאר ס׳איז גלייכער — זאגען זיי — א פארך מיט געלט, איידער אהן געלט, און אז מע עסט חזיר, זאל רינען איבער דער בארד, און דארט וואו געלט, זאגען

זיי, דאָרט איז כבוד, דאָרט איז יחוס, דאָרט איז תורה, דאָרט איז חכמה — מיט איינעם וואָרט: געלט איז די וועלט. איי, די איבעריגע פעלקער מאַכען פון אונז חוזק, זיי זאָגען: „לייבסערדאַקעס, שאַכער־מאַכערס, טונעיאַדצעס, פּאַראַזיטען, עקספּלאָאַטאַטערעס“? לאָזען זיי רעדען, ווער האָרכט זיי? מיר ווייסען דאָך יאָ ווער מיר זענען; מיר זענען פּאָרט די אויסדערוועהלטע, די מיוחסים ביי גאָט; מיר זאָגען פּאָרט „אתה בחרתנו מכל העמים“... וואָס פאַר אַ פּנים האָבען ביי אונז אַלע זייערע זאָגעכצען אָקעגען איין „ששי“, להבדיל, אין בית־המדרש? וואָס פאַר אַ ווערטה האָט דאָס אַקעגען איין פּסוק פון „אתה הראית“? לאָזען זיי רעדען, לאָזען זיי שרייבען; מיר האָבען איבערגעלעבט ערגערע המנ׳ס, מיר וועלען זיי, אם ירצה השם, אויך איבערלעבען. מיר וועלען זיך ווייטער פאָהרען צום רבי׳ן, חאַפּען שיריים, פּראַווען שלש־סעודות׳ען; איין מאָל פאַר אַלע מאָל — נישט געזאָרגט, חי געלעבט:

> דער רבי האָט געהייסען פרעהליך זיין,
> פרעהליך זיין,
> און טרינקען וויין,
> ביז׳ן ווייסען טאָג אַריין!“...

אַזוי האָבען די רויטע אידלעך זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגען אַ צייט מיט יאָהרען, ביז עס האָט זיך אָט דאָ ניט לאַנג מיט אַמאָל אָנגערוקט אויף זיי אַ געדיכטער אַ פינסטערער וואָלקען; עס האָט אַ זעץ געטהאָן אַ דונער, אַ פייער־רינער בליטץ האָט אויף איין אויגענבליק באַלייכט דאָס שרעקליכע פינסטערניש, און אַ האָגעל, אַ מורא׳דיגער האָגעל פון שטיינער האָט אויסגעבראָכען און איז געפאַלען אויף זייערע קעפּ, געטראָפען די אָרעמע לייט נעבאָך, וואָס זיצען צענויפגעשפּאַרט דאָרטען ערגיץ אונטער דער שטאָט, אויף די „קבצניוועקעס“... ווי פון אַ לאַנגען־לאַנגען שלאָף האָבען זיך דערמאָנט אויפגעהאַפּט די רויטע אידלעך,

זיך אויסגעווישט די אויגען און געפרעגט איינער ביי'ם אנדערען:
— הא? וואס? וואס איז דא געשעהען?...

— וואס איז דא געשעהען? — רופט זיך אפ איינער פון די רויטע אידלעך. — אט וועל איך אייך דערצעהלען וואס איז דא געשעהען; ס'איז דא געשעהען א שענע מעשה: אידישע משרתים פון א אידישער קלייט האבען זיך צעקריעגט מיט די פערסיאנער פריקאזטשיקעס פון א פערסיאנישער קלייט איבער א קונה א פערסיאנער. איז זיך מיישב א אידישער משרת, יצחק הייסט ער, און וויל אפרופען דעם קונה, איז זיך מיישב דער פערסיאנער פריקאזטשיק, פרשנדתא הייסט ער, און זאגט צו איהם, צום אידישען משרת, צו יצחק'ן הייסט דאס: „זשידאן!"... איז זיך מיישב דער אידישער משרת, יצחק הייסט דאס, און רופט זיך אן צום פערסיאנישען פריקאזטשיק: „חאמראוק!"... איז זיך מיישב דער פערסיאנישער פריקאזטשיק און זאגט צום אידישען משרת, צו יצחק'ן הייסט דאס: „איהר זענט אלע לייבסערדאקעס, פאנטשאַכעס, קנאבעל־פרעסער"... איז זיך מיישב דער אידישער משרת, יצחק הייסט דאס, און ענטפערט איהם אפ: „און איהר זענט אלע חזירים, שכורים, גראבע קעפ..." איז זיך מיישב יענער, דער פריקאזטשיק הייסט דאס...

— א מעשה אהן איין עק! — שלאגט מען איהם איבער אין מיטען. — איז זיך מיישב דער, איז זיך מיישב יענער! ס'איז גאר ניט דערפאר. געגומען האט זיך דאס גאר איבער א פריץ א פאמעשטשיק, וואס מע רופט איהם „אגג"; ער האט פארזעצט ביי אונזער גביר זיין מאיאנטעק מיט'ן וואלד, מיט דער מיהל, מיט דער קארעטע, מיט די פערדלעך, און האט געצאהלט אזוי לאנג פריצענט, ביז אונזער גביר האט איהם צורעכט געמאכט, צוגענומען ביי איהם זיין מאיאנטעק, מיט'ן וואלד, מיט דער מיהל, מיט דער קארעטע, מיט די פערדלעך, איהם געשטעלט אויף די פיס... האט דער פריץ געשוואָרען: ער מוז זיך נוקם זיין...

— א משל! גאר נישט דאס! — מישט זיך אריין א אידינע.— אט וועל א יך אייך דערצעהלען. פארהאן א פריצה, זעהר א רייכע, ושתי הייסט זי; האט זי א זוהנדעל פון א יאהר אכצעהן, האט ער אנגעמאכט חובות, גע'חתמ'עט וועכסלען. אוי, האט מען ארום איהם אפגעלעקט א ביינדעל!...

— שטראס־גראם! — מישט זיך אריין איין ארעם ווייבעל און רעדט מיט א קוויטש. — דעריבער געהען קאטשקעס בארוויס! אז ושתי'ס זוהנדעל חתמ'עט וועכסלען, באדארף מען מיר צעשלאגען מיין קלייט, צערייסען דאס בעטגעוואנט און נאך איבערשרעקען מיינע קינדער אויף טוידט! איהר פארשטעהט א מעשה? גענוג מע האט מיך אומגליקליך געמאכט אין קלייט, איז מען נאך געקומען צו מיר אהיים און מע האט...

דאס ארעמע ווייבעל צעלאזט זיך אויף א קוויטש און וויל אנהויבען דערצעהלען איהר אומגליק, ווי ער איז גרויס, דערלאזט מען זי ניט; די מאנסבילען שטופען זי אפ.

— צום רב, צום רב געהט קוויטשען! דארטען וועט איהר טענה'ן, ניט דא...

און דער עולם הערט ניט אויף צו דערצעהלען די „חדושים", וואס דא האט זיך געטהאן... אלע רעדען, אלע היצען זיך, מאכען מיט הענד, געהען ארויס פון די כלים, געבען־איבער אלסדינג, ווי אזוי ס'איז געווען, ווי אזוי ס'האט זיך אנגעהויבען, חאפען אויס איינס ביי דאס אנדערע די ווערטער פונ'ם מויל.

— וואס האבען זיי געהאט צו מיר? — בעקלאגט זיך א קאר־נאסע אידינע, וואס האנדעלט מיט אייער און האלט־אויס דערמיט א בלינדען מאן מיט זיעבען קינדער. — וואס האבען זיי געהאט צו מיר און צו מיינע אייער, א פולען קאשעק מיט אייער, וועה איז מיר, ווינד איז מיר! וואס וועל איך איצטער טהון; צרות מיינע גרוי—סע!...

— געהאַט איין קליידעל אַ שבת׳דיגס... — זיפצט אַ יונג ווייבעל און שאַרט דאָס מיסט, צווישען שמאַטעס, שערבלעך, פעדערען און שטיקלעך גלאָז, טאָמער וועט זי דאַרטען עפּיס געפינען. — די קישענס צעריסען, דאָס געפעס צעבראָכען, אפילו דאָס שטשערבאַטע יוך-טעפּעל, משטיינס געזאָגט, אויף פּיץ-פּיצלעך...

— בדיל-הדל געשטעלט! — דערצעהלט אַ קרעמער, אַ צעלניקער פון די „קבצניוועס", וואָס אין די גוטע יאָהרען האָט זיין קראָם בעטראָפען אַזוי פיעל, וויפיעל איין לייטישער מענש קאָן אויסטרינקען אין איין מינוט. — אויסגעמישט די סטיינגעלעך מיט בוימעהל, מיט גאָז, מיט סמאָלע און מיט שוועבעלעך, אַ מישמאַש, אַט אַזוי אַ!... (ער בעווייזט מיט ביידע הענד וואָס פאַר אַ מישמאַש.)

— דאָס איז נאָך בלאָטע! — רעדט איהם אוים דאָס הארץ אַ שניט-קרעמער. — נעמען גאַנצע שטיקער מאַטעריע און צעשניידען אויף אַט אַזעלכע פעדעמלעך — דאָס איז אַ קונץ, דאָס איז אַ בריה׳שאַפט!...

— איך בעט אייך, וואָס װעל איך איצטער טהון, אשטייגער, כדומה למשל, אָהן אַ וואַרסטאַט? — רופט זיך אָן איין אָרעם שוסטערעל מיט אַ געל פּנים, אַזוי ווי וואַקס.

— אם אין קמח אין תורה! — ענטפערט איהם אַ הינקענדיגער שניידער מיט פעדערען אין די פּאות. — וואָס טויג דיר אַ וואַרסטאַט, אַז סיי ווי סיי איז ניטאָ קיין אַרבייט? מע זאָגט, אַז די שטאָדט טראַכט פון אונזערטוועגען עפּיס מאַכען, נאָר עס געפעלט מיר ניט דאָס טראַכטען זייערס; עפּיס טראַכטען זיי מיר צו לאַנג — מי יודע וואָס זיי קאָנען אויסטראַכטען!...

— וואָס האָסט דו מורא? ערגער פון ערגער קאָן דאָך שוין ניט זיין! — ענטפערט איהם דאָס שוסטערעל און בעווייזט איהם מיט די אויגען אויף איין אָרעמער אידינע, וואָס שטעהט אין מיטען גאַס צעגויפגעלעגט די הענט, דרעהט מיט׳ן קאָפּ און רעדט צו זיך

אַליין מיט אַ הייזעריג קול: „אדוני גאָט! אדוני גאָט! אדוני גאָט! גאָט, גאָט, גאָט!...“ אין דער בהלה איז ביי איהר פערפאַלען געוואָרען אַ קינד, איז זי אַראָפּ פונ׳ם זינען... קינדער, ווייסעחברה׳ניקעס, לויפען אונטער אַלע מאָל, קרימען זי איבער, דער טהוט זי אַ ריס, דער — אַ צופּ. עלטערע דערזעהען און געבען זיי אַ וויסטען סוף:

— אוועקט, שקצים, עכברושים, הולטייעס, ניט געדאַכט זאָלט איהר ווערען!

יונגוואַרג טרעטען־אָפּ, צעלויפען זיך, ווי די איבערגעשראָקענע סאַראַקעס, און געהען־צו צו דער שוהל. דאָרט שטעהט אַ רעדעל רויטע אידלעך. איינער אַ יונגערמאַנטשיק דערצעהלט נסים, ווי אַזוי דער זיידע זיינער, אַ איד פון קיין עין הרע עטליכע און אַכציג יאָהר איז נצול געוואָרען פונ׳ם אומגליק נאָר דורך זיין יראת־שמים, דורך זיין פרומקייט. דער יונגערמאַנטשיק רעדט מיט הענד, און דער גאַנצער עולם הערט זיך צו.

— אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען די חתונה,— אַזוי דערצעהלט דער יונגערמאַן — בין איך באַלד אוועקגעלאָפען צום זיידען זאָל לעבען. איך קום צולויפען ניט טוידט ניט לעבעדיג, איך טהו אַ קוק — דער זיידע זאָל לעבען זיצט זיך גאַנץ רוהיג איבער אַ ספר, אָנגעטהאָן אין טלית ותפלין, גלייך ווי גאָרנישט געוועזן. „זיידעניו, זאָג איך, גאָט איז מיט אייך, טהוט אויס טלית ותפלין, קומט גיכער, לאָמיר אַנטלויפען כל זמן זיי זענען נאָך נישט דאָ!“ — „געה, מאַכט ער צו מיר גאַנץ רוהיג, געה, מיין קינד, געה, איך וועל בלייבען דאָ“. „וואָס רעדט איהר, זיידעניו, זאָג איך, גאָט איז מיט אייך! טאָמער חלילה דערגעהט דאָס צו אייך? קומט, זיידעניו, גיכער, גיכער!“ — „פון גאָט, מאַכט ער צו מיר, אַנטלויפט מען ניט; אויב ס׳איז מיר באַשערט שטאַרבען נישט מיט מיין טוידט, וועט מיך דער מלאך־המות געפינען אומעדום; איהם נאַררט מען

נישט אַפּ... געה, זאָגט ער, מיין קינד, געה געזונדערהייד!"... און שטעלט אייך פאָר, אזוי ווי איך געה ארויס פונ'ם זיידען זאָל לעבען, באַנגעגען איך...

פּלוצים טהוען זיך אַ שאָט רויטע אידלעך פון שוהל, דאָס רעדעל ווערד צעשלאָגען, און דער יונגערמאַנטשיק רייסט איבער די מעשה אין מיטען. אלע לאָזען זיך געהן ארויף אַ בארג, אהין, אויפ'ן בית־עלמין, שטיל, אָהן ווערטער, אראָפּגעלאָזט די קעפּ; אלטע אידען שעפּטשען, זאָגען פּסוקים און וויינען, וויינען שטילערהייד... וואָס זאָל דאָס זיין? אַ לויה? אַ בר־מינן? ווער איז געשטאָרבען?... קיינער ניט געשטאָרבען. דאָס טראָגט מען די הייליגע שטיקלעך פאַרמעט פון די צעריסענע ספרים — „מקבר זיין" אויפ'ן הייליגען אָרט, ווי דער מנהג איז...

— ראה ה' — זעה, גאָטעניו! והביטה — און טהו אַ קוק — אזוי זאָגט דער רב צו זיך אליין און צוויי טרערען קויקלען זיך איבער זיינע גרויע באַקען און ווערען פערפאַלען אין דער באָרד — זעה, גאָטעניו, וועמען האָסט דו דאָ, משטיינס געזאָגט, געשטראָפט? פאַר וועמען האָסט דו באַוויזען דיינע גרויסע גבורות?!...

און פון אויבען האָט אראָפּגעקוקט דער פייעריגער קוגעל, די זונן, געבאַקט, געבּרענט, געבראָטען, געסמאַליעט דעם גרויסען פינסטערען פלעק אויף דער ערד, וואָס מע רופט דאָס מיט'ן נאָמען „ד י ק ב צ נ י ו ו ק ע ס"...

דאס נייעטע קאפיטעל.

(די גרויסע אסיפה אין בית־המדרש. — די נגידים שטעלען זיך צום צעטעל. — די יונגע ליוט שמועסען מכח עמיגראציע. — עס האלט ביי מאכען א קאמיטעט. — „קאמיטעטען נע זשעלאיעם!")

ס'איז א חוק ולא יעבור ביי די רוימע אידלעך נאך פון פארציימען: בשעת עס קומט אויף זיי א צרה, א בהלה, א גזירה, א שרפה, א מגפה, חאפען זיי זיך אויף אלע ווי איין מענש, קומען זיך צענויף אין שוהל אריין און האלטען זיך איין עצה, זוכען מיטלען, וואס טהוט מען, מע זאל מבטל זיין דעם גזר־דין און פטור ווערען פון דער צרה? קודם כל טהוען זיי תשובה; זיי רעכענען, אז פריהער פון אלעמען זענען זיי אליין שולדיג. אומזיסט שטראפט ניט גאט. בעדארף מען זיך מיט איהם איבערבעטען, דאס הייסט: דאוונען, זאגען תהלים, גוזר תענית זיין, פאסטען; און גאט איז דאך א פאטער, אז מע רופט צו איהם, ענטפערט ער... די דאזיגע צרה אבער, וואס איז געקומען פלוצים אויף די רוימע אידלעך, איז געווען אזוי ניי און אזוי אומגערעכט, אז עס האט זיי פריטשמעליט, פערטומעלט, אראפגענומען די קעפ. זיי זענען געווען ווי אין דער היהנערפלעט, נישט געוואוסט וואס טהוט מען, וואוהין געהט מען, צו וועמען שרייט מען? דער אומגליק איז געווען אזוי גרויס, אז די „שטאדט“ האט ניט געווארט ביז מע וועט שיקען רופען פון קהל; די נגידים האבען זיך אליין געשטעלט צום צעטעל, בעלי־בתים זענען ארומגעגאנגען מיט זעק פון שטוב צו שטוב, און איטליכער האט געגעבען וואס ער האט געקאנט: א ברויט, א בולקע, א ביסעל מעהל, זאלץ, פעפער, ציבעלעס. נאר אזוי ווי א לעבעדיגען זאק איז שווער אנצושטאפען, האבען די רוימע אידלעך פון די „קבצניווקעס“ אויפ'ן דריטען טאג אנגעהויבען ביסלעכווייז אויסגעהן פון הונגער. האבען זיך אריינגעמישט מענשען

און האָבען געמאַכט אַ גוואַלד: וואָס שווייגט מען ! ? און ס'איז געבליבען, מע זאָל מאַכען אַ גרויסע אסיפה אינ'ם גרויסען בית־המדרש פון אַלע פּאַרנעמסטע בעלי־בתים אין שטאָדט, און אויף די אָרעמע רויטע אידלעך איז געוואָרען אַ נייע הויט; אַ פרישע נשמה האָט מען אין זיי אַריינגעזעצט, אַז זיי האָבען דערהערט, אַז די נגידים האָבען געגעבען צו וויסען דעם רב, אַז זיי, די נגידים, וועלען זיין אויף דער אסיפה, אָם ירצה השם, געווים, אָהן אַ שום תירוץ, און זיי, די נגידים, ווילען, אדרבה, מע זאָל טאַקי עפּים זעהען צוטראַכטען, עפּים טהון פון די אָרימע לייט'ס וועגען. זיי, די נגידים, האָבען געזאָגט בפירוש, אַז זיי זענען מוסכם צו מיט־העלפען ווי וויט מעגליך, און אפילו טאָמער בעדאַרף קאָסטען עפּים געלד, אַהרט זיי אויך נישט. אַבי נישט קיין סך, געוויינטליך, וואָרום קיין סך, וואָס איז שייך, קאָן מען נישט, אַלסדינג בעדאַרף זיין ביים גאַנג, מיט אַ מאָס, מיט אַ חשבון, ובפרט געלד, איהר פערשטעהט ?...

נאָר ביז די דאָזיגע ווערטער זענען אָנגעקומען אויף די „קבצנ־יווקעס“, איש מפּי איש, איינער פונ'ם אַנדערען, האָבען זיי זיך געקויקעלט און געוואַכסען, ווי אַ קויל שניי, וואָס ווייטער גרעסער און גרעסער, און ס'איז אַרויס אַ קלאַנג צווישען די אָרעמע לייט, אַז די נגידים האָבען צוגעזאָגט גילדענע בערג, עס מעג זיי קאָסטען מי יודע וויפיעל, דאָס לעצטע העמד וועלען זיי אוועק־געבען, זיך לאָזען שניידען די פינגער פאַר זייערע אָרעמע ברידער !...

און אויף די „קבצנ־יווקעס“ איז געוואָרען ששון ושמחה, און עס האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אָרעמע לייט אין שטאָדט אַריין, אידען און ווייבער מיט קליינע קינדער אַ סך, און האָבען בעלעגערט דאָס גרויסע בית־המדרש פון אינווייניג און פון דרויסען. אין יענעם טאָג האָט זיך יעדער אָרעמאַן פון די רויטע אידלעך געפיהלט, ווי איין אבן־טוב, ווי אַ ציטעריג קינד, אַ בן־יחיד'על, וואָס מע פּעס־טעט דאָס, מע גלעט דאָס, מע קייכעלט דאָס, מע טראָגט דאָס

אויפ'ן קאפ, מע שלאפט נישט איבער דעם קיין נעכט — א קליינינ־קייט, א ווערטעלע אויסצורעדען: רויטע אידלעך, און ארעמע לייט דערצו, און נאך פון די „קבצניוקעס"?! ס'איז, אפנים, היינט זייערע זיבעך יאהרען!... עס האט געהאט דעם זיבעטען חן אנצוקוקען, ווי אזוי די ארעמע לייט זענען געווארען ביי זיך גרויס, נישט צו־צוטרעטען! עפים איינער א שטאדט־בעל־הבית האט זיך געפרובט מאכען מיט זיי א שמועס, האט מען איהם אפגעשאטען מיט פייער, ווי איינער רעדט: „דרך ארץ, דו פארך, ווער ביזט דו און ווער זענען מיר? דו ביזט א פראסטער בעל־הבית, און מיר זענען ארעמע לייט, פון די קבצניוקעס!..."

שפעטער, אז אלע פארנעמסטע בעלי־בתים האבען זיך צענויפ־געזאמעלט אין גרויסען בית־המדרש און עס זענען געקומען די נגידים מיט די רבנים, דיינים און די איבעריגע שבעה טובי עיר, איז דער שמש ארויף אויף דער בימה און האט אויסגעקלאפט דריי מאל: „שא, שטילער, ס'זאל זיין שטיל, שאט, שטיל זאל זיין!" נאכדעם איז אויפגעשטאנען איינער פון די רבנים און האט געהאלטען זעהר א לאנגע דרשה, געבראכט פסוקים א גוזמא, צענויפגעטשעפעט איין פסוק מיט'ן אנדערען, אויסגעוויזען על פי מדרש און על פי קבלה, אז דאס איז דער אמת'ער „קץ", דאס הייסט, אז איצט בעדארף קומען משיח, ער מוז קומען, אניט איז פאסקודנע, פע, ער מוז, ער מוז קומען!... און אזוי ווי די רויטע אידלעך שטעהען איצט אין א צרה, און ווער שמועסט די ארעמע לייט פון די „קבצניוקעס", וואס זענען געבליבען ווי אויפ'ן וואסער, — בעדארף די שטאדט זעהען, מע זאל זיי העלפען איטליכער מיט וואס ער קאן, ווער מיט איין עצה, ווער מיט געלד...

— נו, אדרבה, פארקעהרט, אדרבה! — רופען זיך אן עטליכע נגידים מיט א מאל. — אדרבה, פארקעהרט, אדרבה, מיר אליין ווע־לען אויך מיטהעלפען ווי ווייט מעגליך, און אפילו טאמער בא־דארף קאסטען עפים געלט, אהרט אונז אויך נישט, אבי נישט

קיין סך, נעוויינטליך, ווארום קיין סך, וואס איז שייך, קאן מען נישט, אלסדינג באדארף זיין ביי'ם גאנג, מיט א מאס, מיט א חשבון, ובפרט געלט, איהר פארשטעהט?...

עס איז שווער צו פערשטעהן, וואס איז די מעשה, וואס איצ־טיגם מאל זענען די נגידים געווען אזוי גוט, אזוי ווייך, חאטש לעג זיי צו א מכה? פון זייער רעדען האט מען ארויסגעזעהען, גלייך ווי זיי וואלטען זיך פיהלען, אז זיי זענען אין עפּיס שולדיג, אז זיי האבען עפּיס פערזינדיגט קעגען די ארעמע רויטע אידלעך... די נגידים זענען געווען אזוי אויפגעלעגט, האפערדיג, אז זיי האבען דערלאזט יונגע לייט, „משכילים", זאלען זיך ארייננמישען מיט זייע־רע עצות, וואס מע שרייבט אויף די בלעטער.

— פארהאן נאר איין מיטעל — זאגען די משכילים — איין־און־איינציג מיטעל אויף צו העלפען די ארעמע לייט: ע מ י ג ר א ־ צ י ע...

— וואס הייסט דאס „מיגעראציע"? — פרעגען די נגידים.

— עמיגראציע — זאגען די יונגע לייט — הייסט עמיגרירען, פאהרען, אוועקפאהרען, ארויספאהרען פון דאנען און באזעצען זיך אין אנדערע לענדער!

— וואוהין? — פרעגען די נגידים. — אין וואסערע לענדער?

— וואוהין? — זאגען די יונגע לייט. — קיין הודו, קיין כוש, קיין בבל, און איבערהויפּט קיין מצרים, ווייל ערד איז אין מצרים פארהאן א סך, נאר מענטשען ווינציג; אלסדינג איז דארטען בזול הזול, העכער האלב אומזיסט. אזוי שרייבט מען אין די בלעטער...

איין אנדערס מאל וואלטען זיך די יונגעלייט פאר אזא מעשה נישט געגארט; זיי וואלטען געהאפּט א מיאוס'ען פסק פון די נגידים פאר אזא העזה זיך ארייננצומישען צווישען עלטערע. נאר דער געדאנק פון עמיגראציע איז זיי שטארק ארייין אין נאז אריין: עס שמעקט מיט פּ ט ו ר ווערען פון די ארעמע ל י י ט — עפּיס א קלייניגקייט?...

— ס'איז טאַקי אפשר אַ שטיקעל פּלאַן, כלעבען! — זאָגען די נגידים. — אדרבה, פאַרקעהרט, פאַר וואָס זאָל מען טאַקי ניט זעהען? מצרים איז נישקשה פון אַ לאַנד מצרים...

— וואָס רעדט איהר? — פּרובט זיך דער רב איבערשפּאַרען. — איהר האָט פאַרגעסען, אַז מיר זאָגען אַלע יאָהר ביי'ם סדר: „עבדים היינו לפרעה במצרים?"

— מילא, וואָס מע זאָגט אין דער הגדה! — ענטפערען איהם די נגידים מיט אַזאַ טאָן, אַז מע זאָל שוין מעהר ניט איבערשפּאַרען. — וואָס גלייבט איהר דאָס מצרים צו יענעם מצרים, וואָס אין דער הגדה? ס'איז שוין היינט ארץ־ישראל, ניט מצרים...

די יונגע לייט זענען שטאַרק צופריעדען, וואָס די נגידים האַלטען מיט זיי, רוקען זיי זיך צו נעהענטער און דערצעהלען, וואָס מע שרייבט אין די בלעטער וועגען דער דאָזיגער עמיגראַציע און וועגען קאָמיטעטען; מע בעדאַרף זעהען קודם כל, סע זאָל ווערען אַ קאָמיטעט...

— ברוך הבא, אַ נייעס, אָט האָסט דו דיר שוין קאָמיטעטען! — כאַפּט זיך אַרויס אַ רויט אידעל קעגען די יונגע לייט. — וואָס טויג מיר קאָמיטעטען — שמעטען? איהר שמועסט בעסער מכח אַכצעהן און דרייצעהן: וואו וועט מען נעמען געלט אויף אַריבערפּעקלען, קיין עין הרע, אַזוי פיעל אָרעמע לייט?

— געלט? — זאָגען די נגידים. — געלט איז בלאָטע! מע וועט זיך פאַרשרייבען חודש־געלט איטליכער וויפיעל ער קאָן, נישט קיין סך, געוויינטליך, וואָרום קיין סך, וואָס איז שייך, קאָן מען נישט, אַלסדינג בעדאַרף זיין ביי'ם גאַנג, מיט אַ מאָס, מיט אַ חשבון, ובפרט געלט, איהר פאַרשטעהט?...

— עמיגראַציע... מצרים... קאָמיטעטען... חודש־געלט... — אַזוי האָבען געשריגען די רויטע אידלעך אַלע אינאיינעם, איינער איבער'ן אַנדערען, געפּילדערט, געהיצט זיך, געמאַכט מיט הענד, ווי דער שטייגער איז; און אַז ס'איז אַנגעקומען אין דרויסען אַרויס

צו די אָרעמע לייט, אַז מע שמועסט דאָ מכּת עמיגראַציע קיין מצרים, מכּת מאַכען קאָמיטעטען און מכּת פערשרייבען זיך חודש־געלד, איז געוואָרען צווישען זיי חושך — חושך!

— וואָס איז דאָס? — מאַבען זיי געשריגען. — דערויף האָט מען אונז אהער געבראַכט, מע זאָל מאַכען קאָמיטעטען, וואַרפען גאַל־קעס, קינדערשפּיעל? וואָס טויג אונז צערעמאָניעס, „מיגראַציעס", קאָמיטעטען, צוזאַגעכצען, גילדערנע פייגעלעך? איהר גיט אונז היינט, פאַר מאָרגען לאָז זיך גאָט זאָרגען! שיקט אונז אָפּ קיין מצרים, קיין גושן, שיקט אונז אָפּ צום רוח אליין, אבי היינט, טאַקי באַלד. וואָרום אַחיים צוריק אויף די „קבצניוועקעס" קאָנען מיר נישט קומען; אונזערע ווייבער און קינדער וואַלגערען זיך אויף דער הוילער ערד אונטער גאָט'ס הימעל, געהען־אויס פון הונגער. און איהר וועט דאָ מאַכען אויף אונז קאָמיטעטען? אָבער גאָר לאָ! נו! זשעלאַיעם, קאָמיטעטען נע זשעלאַיעם!!...

מיט דעם דאָזיגען געשריי האָבען זיך אַ סך אָרעמע לייט אריינגעחאַפּט אין בית־המדרש אריין, און ס'איז געוואָרען אַזאַ ליאַרעם, אַזאַ טאַרעראַם, אַז מע האָט געקאָנט טויב ווערען. תּחילת האָט מען נישט פערשטאַנען, וואָס איז דער געשריי; נאָר אַז מע האָט דערהערט די ווערטער: „נע זשעלאַיעם, קאָמיטעטען נע זשע־לאַיעם", זענען די נגידים געוואָרען אויפגעטראָגען און האָבען זיך ארויסגעשטעלט:

— תּרבות! דרך ארץ! אַזעלכע שלעפּערס, ווי איהר זייט! די שטאָדט איז זיך צענויפגעקומען אהער צוליעב אייך, מע טראַכט פון אייערטוועגען, מע ברעכט זיך די מחות, ווי אַזוי בעסער אייך צו העלפען, ווי אַזוי גיכער אייך ארויסצושיקען פון דאַנען, — האָט איהר נאָך איין עזות צו רעדען? אַהיים, שלעפּערס! דאָרטען וועט איהר זאָגען דעות, דאָרט, אויף די „קבצניוועקעס"!!!... — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס לעצטע קאפּיטעל.

(מאטעריאל פאר'ן היסטאריקער צו דער געשיכטע פון די רויטע אידלעך. — א בריוועל פון איין עמיגראנט, וואָס איז פערוואָרפען געוואָרען קיין מצרים. — א סוף צו די רויטע אידלעך.)

דער היסטאָריקער, וואָס וועט קומען אמאָל בעשרייבען די געשיכטע פון די רויטע אידלעך אין די שפּעטעריגע דורות, אז ער וועט האלטען ביי דעם קאפּיטעל, וועט ער זיך אָפּשטעלען: ער וועט א סך מעשיות ניט וועלען גלויבען, און א סך זאכען וועט ער פערשווייגען. ער וועט זיך שעמען ארויסשטעלען אזעלכע פאקטען, וואָס קאָנען פאָרקומען סיידען צווישען ווילדע מענשען. ער וועט ניט וועלען גלויבען בשום אופן, אז צווישען אידען, וואָס רופען זיך „רחמנים בני רחמנים", האָבען זיך געפונען אזעלכע, וואָס האָבען זיך בענוצט מיט'ן אומגליק פונ'ם פאָלק און פון יענעמס צרות זיך געמאכט א פּרנסה, איבערגעפיהרט א סך קהל'ש געלד, געמאכט האפּ־לאפּ, אראָפּגעקוועטשט זיך אין בייטעל אריין, קיין רחמנות נישט געהאט אויף אידיש בלוט... גוואלד, ווער געשריגען! — וועט זאָגען דעמאָלט דער היסטאָריקער. — וואָס איז דאָס געווען פאָר מינים אידען דעמאָלט, וואָס האָבען זיך בעגאנגען מיט זייערע אָרעמע ברידער א סך ערגער, ווי מיט בהמות? וואָס איז דאָס געווען פאָר מינים מענשען, וואָס האָבען געטריבען די אָרעמע עמיגראנטען, ווי מע טרייבט שאָף אויפ'ן יאריד? וואָס איז דאָס געווען פאָר ברואים, וואָס האָבען דערלאָזט אָרעמע קראנקע ווייבער מיט פּיצלעך קינדער וואלגערען זיך אויף דער הוילער ערד אונטער גאָט'ס הימעל, אין רעגענס און אין קעלט? וואָס איז דאָס געווען פאָר מינים קאָמפּאניעס אזעלכע, וואָס האָבען ארויסגעלאָזט מודעות אין אלע בלעטער, אז זיי נעמען זיך אונטער, כלומרשט פאָר א קליין געצאָהלט, איבערפיהרען גאנצע משפחות פון די רויטע אידלעך

איבער'ן ים, ברענגען זיי און בעזעצען אינ'ם ג ל י ק ל י כ ע ן פ ר י י ה ע ם ל א נ ד מצרים, און נאָכדעם האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זיי האָבען גאָר אויסגענאַרט די עט־ליכע גילדען און איבערגעלאָזט די אָרעמע עמיגראַנטען אין מיטען וועג, אויף גאָט'ס בעראָטה, ערגיץ אין דער מדבר?... וואָס איז דאָס געוועזען פאַר מינים פּראַנטען, וואָס האָבען געשאָטען מיט געלד, פּערנאַרט, אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין אָרעמע מיידלעך, זיי צוגעזאָגט גילדענע בערג, און נאָכדעם זיי פּערקויפט צו די „ישמעאלים" מיט גרויסע, גרויסע רוחים?... „אוי, ברידער! — וועט דער היסטאָריקער זאָגען מיט די ווערטער פון מ ע נ ד ע ל י מ ו כ ר ־ ס פ ר י ם, וואָס האָט זיך געקויפט איין אייביגען נאָמען ביי אונז, אויף ד ע ר זייט טייך סמבטיון.— אוי, ברידער!... אויף פעטש פון אַנדערע וויין איך און זאָג: נישקשה! גוטע און שלאָפע לײדען אָפט אין דער וועלט, מעגליך אפשר, יענע וועלען נאָך אַ מאָל חרטה האָבען; נאָר אַז געפּאַטש־טע פּאַטשען זיך אַליין, אַז צעדראַפּעטע דראַפּען איינער דעם אַנ־דערען, וויין איך און האָב — אוי־וועה! — נאָר נישט וואָס צו זאָגען... דערמאַן איך מיך אין יענע געבאָך, פון אייך אַליין גע־פּייניגטע, „געפאַנגענע", רייסט מיר דאָס האַרץ; עס וויינט און שרייט: אוי, מיין משונה דערשלאָגענע, מיין ווילד געפאַלען פאָלק ישראל!!"... דער היסטאָריקער, וואָס וועט קומען אַ מאָל בעשריי־בען די געשיכטע פון די רויטע אידלעך, וועט זיך נים איין מאָל רייסען ביי די האָר, אַז ער וועט לייענען די קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס זענען אָפּגעדרוקט אין די בלעטער פון יענער צייט, אָדער גלאַט אַזוי בריוולעך, וואָס די רויטע אידלעך האָבען געשריבען צו זיך אַהיים פונ'ם „גליקליכען, פרייהען" לאַנד מצרים אין יענער צייט. אָט האָט איהר איינס פון די דאָזיגע בריוולעך:

„מיינע ליעבע און געטרייהע! איך שרייב אייך אַ בריוועל, נישט מיט טינט, נאָר מיט בלוטיגע טרערען, פון דעם דאָזיגען גליק־

ליבען לאַנג, ברענען זאָל דאָס אויפ'ן פייער! עס וואָלט געמענט איינגעזונקען ווערען, אזוי ווי קורח, איידער איך האָב דאָס גאָר דערקענט. הלואי וואָלט איך זיך אין דערהיים אויסגעבראָכען אַ פוס, איידער איך האָב מיך געריהרט פון דעם אָרט, און אַז איך בין שוין יאָ ארויסגעפאָהרען, וואָלט איך בעסער אין וועג איינגענומען אַ מיתה משונה, איידער איך בין געקומען אַהער, אין דעם וויסטען מצרים! איך זאָל אייך וועלען באַשרייבען אַלע אונזערע גרויסע צרות, וואָס מיר האָבען איבערגעטראָגען אין וועג פונ'ם ערשטען טאָג ביז אַצינד, וועט ניט סטייען ניט קיין פאַפיער, ניט קיין פענעס פון דער גאַנצער וועלט! אינ'ם טייך סמבטיון איז געווים נישטאָ אזוי פיעל וואַסער, וויפיעל טרערען מיר און אונזערע ווייבער האָבען פארגאָסען ביז היינטיגען טאָג. די אַגענטען, וואָס האָבען אונז געבראַכט אויף דער שיף, האָבען צוגענומען ביי אונז די פעקלעך (דאָרט זענען געלעגען אונזערע טלית־ותפלינ'ס), און מעהר האָבען מיר זיי נישט געזעהען אין די אויגען. ס'איז געווען ערב שבת, האָבען אונזערע ווייבער געוואָלט בענשען ליכט, איז ניט געווען אויף וואָס, האָבען זיי אונז גענוג באַוויינט, זייערע קללות זאָלען נאָר פאַלען אויף די קעפ פון די קאָמיטעטען. און נאָכדעם האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורעם־ווינט מיט סכנת נפשות, עס האָט אונז געוואָרפען העכער הייזער, איטליכע חוואַלי איז די גרויס ווי אַ מויער, מיר האָבען זיך שוין אָפגעזעגענט מיט'ן לעבען, געמיינט, ס'איז איין עק! דריי וואָכען האָבען מיר זיך אַזוי אָפגעמוטשעט, ס'איז ניט געקומען קיין געקעכטס אין אונזער מויל אַריין, מיר האָבען געזעהען פאַר זיך נאָר הימעל און וואַסער, ביז מיר האָבען זיך קוים־קוים דערשלאָגען צו אַ ברעג, און אַז מיר זענען אַראָפּ פון דער שיף קראַנקע, צעבראָכענע, אויסגעמוטשעטע, הונגעריגע, האָט מען אונז אָפגעהאַלטען אַ טאָג מיט אַ נאַכט אין דרויסען אויפ'ן רעגען, און פונקט דעמאָלט האָט זיך מיין אסתר רייזעל'ן פאַרגלוסט געהן צו קינד, זי איז געלעגען געוואָרען און געהאַט אַ

יונגעל; דאָס יונגעל איז געשטאָרבען, און זי איז געווען, ניט היינט געדאַכט, טוידט קראַנק, ס'איז ניט געווען אפילו קיין לעפעל יוך אָדער אַביסעל איינגעמאַכטס אויף דערקוויקען די נשמה. ערשט אויפ'ן אַנדערען טאָג האָט מען זיך אויף אונז דערבאַרמט, מענטשען פון אַ קאָמיטעט זענען געקומען און האָבען אונז איבערגעשריבען אַלעמען ביי'ם נאָמען, און מע האָט אונז אַוועקגעפיהרט פון דאָרמען, און מע האָט אונז פאַרטריבען אין אַ שטאַל, און דאָרט האָט מען אונז געטהיילט בולקעס מיט מאַראַנצען, איטליכען אַ בולקע מיט אַ מאַראַנץ, און פון דאָרטען האָט מען אונז ווידער אַוועקגעטריבען, איבערגעשריבען איטליכען ביי'ם נאָמען און אַרויפגעזעצט ווידער אויף אַ שיף, און מע האָט אונז געפיהרט אַנדערהאַלבען מעת־לעת, און די זונן האָט געבאַקען, געבערענט ווי אַ גיהנם, ביז מע האָט אונז געבראַכט צופיהרען און אַראָפּגעוואָרפען אין איין אָרט פון גאָלע זאַמד, נישט קיין הייזער, נישט קיין ביימער, נישט קיין גראָז, נאָר זאַמד און הימעל, הימעל און זאַמד, און דאָ האָט מען געוואָלט, מיר זאָלען זיך באַזעצען, מע האָט אונז געגעבען אַרבייט — שלעפען קלעצער פונ'ם ים און בויען הייזער, גראָבען ערד און פלאַנצען ביימער, און מע האָט געשטעלט איבער אונז איין אויבערהאַר, אַ משוגענעם כעסן, וואָס באַלד עפּים — פלעגט ער געבען פעטש; האָבען מיר דאָך מסתמא געמאַכט אַ ויצעקו, האָט מען עטליכע פון אונז געבונדען, געשלאָגען מכות־רצח... קוים מיט'ן לעבען זענען מיר פון דאָרטען זיך צעלאָפען, דער אהער, דער אהין, וואוהין די אויגען האָבען געטראָגען, און מיר האָבען זיך צוגעשלאָגען עטליכע משפחות אין איין ערטעל אריין, טאַקי דאָ אין מצרים, וואו עס וואָלט אונז אפשר זיין נישקשה, וואָרום מע קאָן דאָ מאַכען אַ לעבען, דהיינו: מע גיט אונז אַרבייט — שטעהן ביי דער מאַשין, דרעהען די ראָד פון כאור הבוקר ביז שפּעט אין דער נאַכט, און מע באַקומט דערפאַר אַ זילבערנעם טאָלער, און קינדער אַ האַלבען טאָלער. הכלל, ס'איז גאָר

קיין מעשה ניט. איטליכער הייסט דאָ „מיסטער“, פערד געהען אין ברילען און מענטשען טראָגען פּאַפּיערענע מאַנישקעס. דער חסרון אָבער, וואָס מע ווייסט ניט פון קיין שבת און פון קיין יום־טוב, און וואָס מע פאַרשטעהט ניט דאָס לשון זייערס, וואָרום מע רעדט דאָ זעהר שטשיפּעליאַווע, דער רוח ווייסט זיי, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך! קיין רחמנות איז ביי זיי נישט פאַרהאַן, איהר מעגט אויסגעהן אין גאַס פאַר הונגער, וועט זיך קיינער ניט אָפּשטעלען אפילו, וואָרום סע איז אַ טאַרעראַם, אַלע לויפען, אַלע אַרבייטען, און ווער סע קאָן ניט אַרבייטען און וויל האַנדלען, קאָן ער האַנדלען מיט וואָס ער וויל, מיט אַלטע מלבושים, אַרומטראָגען שוועבעלעך, שוחוואַכס אָדער קנעפּ, און קאָן זיך „מאַכען דערפון אַ לעבען“ (אַזוי געהט דאָ די שפּראַך...). נאָר איך מעג זאָגען „גם זו לטובה“, וואָרום אַנדערע מאַכען דאָ אַ סך ערגער פון מיר. אָט האָב איך ניט לאַנג באַגעגענט יענקעל דעם פעטער מרדכי׳ס, בין איך נבהל ונשתומם געוואָרען! איך האָב איהם כמעט ניט דערקענט — אַזוי שטאַרק האָט ער זיך איבערגעביטען! אָנגעטהאָן האָט ער זיך ווי אַ משוגענער קאַטערינשטשיק, אין אַ קורץ ווייטיקעל מיט אַ לאַנגען סטאָן און מיט אַ הויכען ספּאָדיק אויפ׳ן קאָפּ, ווי אַ לאָקשענטעפּעל. „יענקעל, זאָג איך, ס׳איז דו?“ — „ווער דען?“ — זאָגט ער. — פאַרשטעהט זיך, ס׳איז איך, חאָטש איך הייס שוין היינט ניט יענקעל, איך הייס גאָר מיסטער דזשעק“... „וואָס מאַכסט דו עפּיס, זאָג איך, מיסטער דזשעק, ווי געהט דאָס דיר אינ׳ם דאָזיגען לאַנד?“ — „גומער ערגער, זאָגט ער; די ערשטע צייט איז געווען זעהר ניט פרעהליך, נאָר איצט, דאַנקען גאָט, מ אַ ך א י ך אַ ל ע ב ע ן“... „דהיינו, זאָג איך, וואָס איז דיין טהועכץ?“ — „מיין טהועכץ איז, זאָגט ער, איך וואַש גרעט“. „וואָס הייסט, זאָג איך, דו וואַשט גרעט?“ — „אָט דאָס הייסט, זאָגט ער, איך האָב מיך אויסגעלערענט וואַשען און פּרעסען“. „אָט דאָס הייסט ביי דיר געמאַכט אַ לעבען? אז אַך

און וועה, זאָג איך, איז צו מיר, אַז מיין פעטער מרדכי'ס זוהן באַדאַרף זיין אַ פּראַטשקע, און נאָך אין מצרים דערצו!"... פון איהם בין איך געוואָהרע געוואָרען וואָס מאַכען די איבעריגע אונזערע חברה, די רויטע אידלעך, וואָס האָבען זיך צוגעשלאָגען אַהער; אַלע „מאַכען, ברוך השם, אַ לעבען": משה שפּרינצע'ס האָט זיך אויסגעלערענט פּאַרזוימען לעכלעך צו אונטערהויזען, בערעל דאָבי'ס שלאָגט פלעקלעך אין די אַבצאַסען, מענדעל מינדי'ס באַקט בייגעל, מאָטעל ראַציל'ס פּאַרקויפט בעזעמער, עטליכע געהען אַרום דערווייל אַזוי אָהן אַרבייט, בעטען נדבות; און די איבעריגע ווייסט ער אַליין אויך ניט, וואו זיי זענען אַהינגעקומען, אפשר זענען זיי שוין נישטאָ... מיר האָבען זיך ביידע גוט אויסגעוויינט, אויסגערעדט איינער דעם אַנדערען די הערצער, זיך געגעבען די האַנט „תקיעת־כף", אַז מיר זאָלען זיך זעהען חאָטש איין מאָל אין וואָך, ווען אונז זיין אַביסעל גרינגער, ווארום דאָס בענקען וואָס מיר בענקען אַהיים איז אַזוי גרויס, אַז ממש עס עקט זיך אונז דאָס חיות! מיר דאַכט, איך וואָלט זיי מוחל געוועזן זייערע אַלע גליקען, איך וואָלט זיי אַוועקגעשענקט אַלע זייערע טאַלערס פאַר איין קוק אויף די קבצניוקעס! אוי, וואו נעם איך פליגעל, וואָלט איך באַלד צו אייך אַריבערפליהען, מיינע ליעבע און געטרייהע! מיר לאָזען אייך גריסען גאָר פריינדליך, און מיר בעטען אייך, דאָס הייסט, איך און אסתר רייזעל זאָל לעבען, איהר זאָלט דאָרט לאָזען גריסען איטליכען באַזונדער גאָר פריינדליך, און איהר זאָלט זיי זאָגען, אַז מיר פאַרגעסען זיי ניט אפילו אויף אַ מינוט, און דעם פעטער יאָסי מיט דער מוהמע סאָסי זאָל איהר למען השם לאָזען גריסען, און דעם פעטער שעיה מיט דער מוהמע חיה, און די קינדער זייערע איטליכען באַזונדער גאָר פריינדליך, און מיין שוועסטער ביילי און די מוהמע קיילי זאָלט איהר אַחוץ לאָזען גריסען פון אונזערטוועגען און פון אונזערע קינדערס וועגען, איטליכען באַזונדער גאָר פריינדליך, און איהר זאָלט זיי זאָגען למען השם, זיי זאָלען זיך

ניט דערוועגען ריהרען פונ׳ם אָרט, וואָרום זיי וועלען חרטה האָבען און וועלען זיך פאַרשעלטען דאָס געביין, אַזוי ווי פּעסי די אַלמנה, וואָס האָט געהאַט דעם פּסק מיט איהרע צוויי מיידלעך נעבאָך, און נאָך אַ סך אַזעלכע ווי זי, וואָס האָבען זיך געלאָזט איינרעדען, אַז מע וועט דאָ גליקליך מאַכען זייערע טעכטער, מע וועט זיי גע־בען חתנים מיט אַ סך נדן און מיט שענע מתנות, און צום סוף האָט מען זיי פאַרפיהרט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, געפּענטעט אין קייטען און פאַרקויפט צו די „ישמעאלים" פאַר קנעכט, מע זאָגט, פאַר זעהר אַ סך געלד... למען השם ולמען השם, איהר זאָלט זיך ניט לאָזען איינרעדען פון קיינעם, טאָמער קומט צו אייך עמיצער פון די דאָזיגע „פראַנטען" מיט ווייסע מאַנישקעס און מיט גילדע־נע זייגערס און זאָגען אייך צו הרים וגבעות, ובפרט מיט אייערע מיידלעך זאָלט איהר זיין געהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ׳ם אויג! הלוואי וואָלט איך מיך אויך ניט געלאָזט איינרעדען קיין נאַריש־קייטען, קאָמיטעטען, עמיגראַציעס, וואָלט איך געווען באַוואָהרענט חאָטש מיט דעם, וואָס איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר וועלען מיינע ביינער קומען צו קבר־ישראל, צווישען מיינע ליעבע און גע־טרייהע אויף די קבצניוועקעס... און מיר בעטען אייך, דאָס הייסט, איך און מיין אסתר רייזעל זאָל לעבען, נאָך אַמאָל, איהר זאָלט נישט פאַרגעסען לאָזען גריסען פון אונז און פון אונזערע קינדער דעם פעטער יאָסי און די מוהמע סאָסי, דעם פעטער שעיה און די מוהמע חיה, און מיין שוועסטער ביילי און מיין מוהמע קיילי, און זייערע קינדער, איטליכען באַזונדער גאָר פריינדליך, און למען השם ולמען השם, זיי זאָלען זיך ניט דערוועגען ריהרען פונ׳ם אָרט..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזעלכע בריוולעך האָבען די רויטע אידלעך בעקומען פון זייערע פאָטער און מוטער, שוועסטער און ברידער, פריינד און גוטע פריינד — לרוב, און חאָטש די ידיעות זענען געווען כמעט אַלע

אַזעלכע טרויעריגע, איינע טרויעריגער פון דער אַנדערער, פון דעסט־
וועגן האָבען זיי ארויסגעקוקט אויף בעסערע ידיעות; זיי האָבען
נישט פערלאָרען זייער בטחון, זיי האָבען געהאַט אַ האָפּענונג, אַז
זיי וועלען נאָך הערען, אם ירצה השם, פון דאָרטען גוטע בשורות
מיט ישועות ונחמות... אויב זייערע האָפּענונגען זענען מקוים
געוואָרען — דאָס וועלען מיר וויסען שפּעטער, אַז גאָט וועט אונז
שענקען דאָס לעבען און מיר וועלען אַמאָל אויף אַ ציקאַוועסט זיך
דורכפאָהרען אַהינצו, זעהען וואָס מאַכען דאָרט, אינ'ם נייעם גלות
מצרים, אונזערע ברידער, די רויטע אידלעך... איין זאַך קאָן איך
אייך זאָגען פאַר קלאָר, אַז די רויטע אידלעך, וואָס זענען געבליבען
אין דער היים, זענען גאָר ניט די רויטע אידלעך וואָס פריהער,
וואָרום ווי באַלד עס איז געשעהען דער קלאַפּ, איז ביי זיי געוואָ־
רען איין איבערקעהרעניש; זיי האָבען זיך נאָך די קלעפּ עפּים
ווי אויסגעניכטערט, ווי אויפגעוואַכט פון אַ לאַנגען־לאַנגען שלאָף
און האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן זייער לאַגע, פערשטעהן, אַז
ווייטער קאָן דאָס אַזוי ניט זיין, אַז מע בעדאַרף עפּים אָנהויבען
טראַכטען. און אַז זיי האָבען אָנגעהויבען טראַכטען, האָבען זיי
ערשט דעמאָלט צעקייט די ווערטער פון יענעם פאַרשוין, וואָס
איז אַראָפּגעפאָהרען צו זיי פון יענער זייט טייך סמבטיון און האָט
זיי דערצעהלט אַ מעשה מכח אַ לאַנד, איין אייגען לאַנד, מכח ארץ־
ישראל — און דער עולם האָט זיך שטאַרק אַ נעם געטהאָן צו דעם
דאָזיגען ענין, מיט היטץ, מיט פייער, ווי דער שטייגער איז פון
די רויטע אידלעך... נאָר איהר ווילט דאָך וויסען וואָס איז געוועזן
דער פּועל יוצא? וואָס איז דערפון ארויסגעקומען? צי האָבען די
רויטע אידלעך טאַקי עפּים מתקן געווען, טאַקי עפּים געטהאָן אויך?
אָדער מען איז אָפּגעקומען נאָר דערמיט, וואָס מע האָט גערעדט און
גערעדט און ווידער אַמאָל גערעדט?... צי האָט מען זיך שוין
אַמאָל אויסגעגלייכט דאָרט מיט דעות, אָדער איטליכער איז זיך
געבליבען ביי זיינעם? צי האָט מען זיך שוין דערערדט אַמאָל ביי

זיי צו א סוף? אָדער אַז ס'איז שוין געקומען צום שפּיץ, האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול: „נע זשעלאַיעם!“ ?... אָט דאָ לאָזט זיך אַראָפּ דער פאָרהאַנג, און מיר געזעגענען זיך אָפּ מיט די ווייטע אידלעך אויף אַ היבשע צייט.

משוגעים. אַ בעשרייַ־
בונג פון אַ דורכפאָהרער.

געשריבען אין יאהר 1900

משוגעים

דאס ערשטע קאפּיטעל.

(אַ דורכפאָהרער ענטדעקט דאָס נייע לאַנד. — די רויטע אידלעך הערען זיך אָן מיט מעשיות און ווערען פערקאָכט. — איינער פון זיי לאָזט זיך אַהין אוועק. — ער קומט צוריק און גיט אַרויס זיין בעשרייבונג בעזונדער אין אַ ביכעל. — ער רעכענט דערפון גליקליך ווערען.)

א צייט מיט יאָהרען האָבען די רויטע אידלעך געמיינט, אַז מיט זיי לאָזט זיך אויס די וועלט. פון איין זייט דער טייך סמבטיון, פון דער אַנדערער זייט די הרי חושך און אין מיטען די רויטע אידלעך — און איין עק, וואָס בעדאַרף מען נאָך? גערעדט האָט מען, אַז אויף יענער זייט סמבטיון איז א סברא, אַז סע איז יאָ פאַרהאַן עפּיס א לאַנד, נאָר אפילו אז יאָ, איז נאָך אַ ספק, צי עס געפינען זיך דאָרטען אידען; חאָטש אַפילו, אַז מע זאָל וועלען שמועסען דאָס אייגענע ווידער צוריק, מוז מען רעכענען, אַז סע איז געוויס דאָרטען פאַרהאַן אידען, וואָרום, ערשטענס, ווי געשיקט זיך דאָס א לאַנד אָהן אידען? און, צווייטענס, וואו זענען אַהינגעקומען די „עשרת השבטים“?... נאָר פּלוצים עפּיס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז איינער אַ דורכפאָהרער, מע ווייסט ניט ווער און פון וואַנען, האָט דערצעהלט, אַז ער איז דאָרט אַליין געוועזן אין יענעם לאַנד. אַיי, ווי אזוי האָט ער געקאָנט אריבער דעם סמבטיון, וואָס אַלע ווייסען, אַז אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער מיט שטיינער, א חוץ שבת? בלייבט א קשיא... דער דורכפאָהרער האָט דער־

צעהלט, אַז ער איז דאָרטען געוועו, אַז ער האָט אַליין געזעהען מיט זיינע אויגען די דאָרטיגע אידען און האָט מיט זיי גערעדט; ער זאָגט, אַז זיי זענען גאָר נישט פּאַחאַזשע אויף אונזערע אידען; ערשטענס, זענען זיי אַלע מיט שווארצע האָר, און, צווייטענס, זענען זיי גאָר אַנדערע מינים אידען; זיי פיינען זיך אויס מיט זייערע גוטע מדות און זיי לעבען אַלע דאָרטען גליקליך, וואָס גליקליכער קאָן שוין ניט זיין, דהיינו: זיי האָבען פּרנסה מיט'ן פולען מויל, נישטאָ דאָרטען קיין אָרעמע לייט, אַלסדינג איז דאָרטען וואָלוועל, בזול־הזול, עס וואַלגערט זיך ביי זיי ממש גאָלד אין די גאַסען...

— דו הערסט וואָס ער זאָגט? — רופט זיך אָן איינער צום אַנדערען און דערלאַנגט איהם א שטורך מיט'ן עלענבויגען.

— עט, מילא, וואָס ער זאָגט, עס רעדט זיך אַזוי — מליצה.

— א משל! מע שמועסט, אַז סע וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסען, זאָגט ער גאָר מליצה!

— אַז סע וואַלגערט זיך גאָלד, פאַר וואָס זשע הויבט דאָס קיינער ניט אויף?

— ביזט א בהמה, פאַרשטעהסט ניט פון דאַנען אהין: אַז מע זאָל דאָס ווידער אויפהויבען, וואָלט זיך עס ניט געוואַלגערט אין גאַס...

די רויטע אידלעך, וואָס זענען בטבע שטאַרקע בעלי־גוזמא, ווי מיר ווייסען שוין פון אונזער פריהעריגער מעשה*, האָבען מעהר נישט בעדאַרפט; זיי האָבען נאָר דערהערט „גאָלד“, האָבען זיי שוין ווייטער נישט געוואָלט הערען. באָלד איז אויסגעוואַכסען ביי זיי אינ'ם כח־הדמיון גאַנצע בערג מיט גאָלד און זילבער, מיט דימענטען, מיט בריליאַנטען, מיט אַלדאָס גוטס: „אָט א לאַנד,

---

* זעה די „רויטע אידלעך“, איין אויסגעטראַכטע מעשה פון שלום־עליכם.

וואו מע קאָן זיך גוט אָפּלעבען, אָפּשטערבען דאָס ביסעל יאָהרען! —
אזוי האָבען זיי געזאָגט איינס דאָס אנדערע מיט א זיפץ. — מע
פאַרשפּאַרט האַרעווען, ווערען אויסגעריסען, זיך ברעכען דעם מח.
ניט שטאָ אויף שבת, געהסט דו אַרוים אין מאַרק און קלויבסט זיך
אוים וואָס דיין האַרץ גלוסט. ווילסט גאָלד — נעם גאָלד; ווילסט
זילבער — נעם זילבער. הכלל, דו האָסט הענט — נעם און גענוג!..."
עס האָבען זיך אפילו געפונען אזעלכע אפּיקורסים, וואָס האָבען
געוואָלט אָפּלייקענען אינגאנצען די מעשה, זיך געפּרובט איבער־
שפּאַרען:

— ווייס איך וואָס? בהמות, נאַראָנים! מע דערצעהלט זיי
פּזמונות, נעכטיגע טעג, א קוה איז געפלויגען איבער'ן דאַך און
געלעגט איין איי!

— סטייטש, מיר האָבען אָבער אליין געהאָרכט, אז ס'איז דאָ
געווען א דורכפאָהרער, וואָס האָט אליין גערעדט מיט די דאָרטיגע
אידען; א סימן, זיי זענען אלע מיט שווארצע האָר...

— א סימן, די מוהמע איז מיט א נאָז. שפּייט איהם אָן א
פולען פּנים, דעם דורכפאָהרער! פרעגט איהם, ווי אזוי איז ער
אריבער דעם סמבטיון, אז א גאנצע וואָך ווארפט ער מיט שטיינער?
— אָט זעהט איהר דאָך!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

בקיצור, דאָס גאָלד מיט'ן זילבער, וואָס אויף יענער זייט
סמבטיון, האָבען אָנגעמאַכט צווישען די רויטע אידלעך א גערודער
נישט אויף קאַטאָוועס. א סך פון זיי האָבען דאָס גוט ארויפגע־
נומען אויף דער מחשבה, געטרוימט וועגען דעם בייטאָג און ביי־
נאכט, נישט געקאָנט איינליגען, זיך געקאַטשעט פון איין זייט אויף
דער אנדערער, געזיפצט, געקרעכצט און אלץ געטראַכט: „אוי,
רבונו־של־עולם, וואָס איז ביי דיר פאַר א קונץ נעמען מיך און אריבער־
טראָגען אהין האַטש אויף איין טאָג!" די בעלי־בטחון, די פרומע,
האָבען דאָס געהאַט אין זינען בשעת דאַוונען: „אָבינו מלכנו —

טאַטע זיסער, האַרציגער, געטרייער! צוליעב דיין גרויסען נאָמען און צוליעב אונזערע עלטערען, וואָס האָבען זיך אָן דיר פערזיכערט, בעוויז דיין גענאָד, טהו עפּיס א נס מיט אונז, אזוי ווי דו קאָנסט!..." וואָס פאַר א נס האָבען זיי געוואָלט: צי גאָט זאָל זיי ברענגען אהין, אין יענעם לאַנד, צי ער זאָל זיי ברענגען דאָס לאַנד אהער — דאָס האָבען זיי אַליין נישט געוואוסט אקוראט; זיי האָבען נאָר חשק געהאַט צום גאָלד מיט'ן זילבער, וואָס דאַר־טען. דאַכט זיך, מעהר יושר, כלעבען, עס זאָל ליגען ביי זיי אין קעשענע, איידער עס זאָל זיך וואַלגערען אין גאַס!... נאָר נעמען אויפהויבען זיך און אוועקפאָהרען אהין האָט קיינער קיין חשק ניט געהאַט; ערשטענס, וואוהין פאָהרט מען? גלאַט נעמען און פליהען הענדום־פענדום אין דער וועלט אריין? און צווייטענס, וואָס טהוט מען מיט'ן סמבטיון? ווי אזוי שווימט מען אריבער דעם טייך, וואָס וואַרפט מיט שטיינער? אמת, קיינער האָט נישט געזעהן, נישט דעם סמבטיון, נישט די שטיינער, וואָס ער וואַרפט פון זיך; נאָר א וועלט איז דאָך ניט משוגע. מסתמא אז מע זאָגט שטיי־נער — איז שטיינער...

נאָר פאַר צוויי יאָהרען, אין דער צייט, האָט זיך געטראָפען א מעשה. עפּיס איינער פון די רויטע אידלעך, א גייציג אידעל, נישט קיין פראָמאָך, מיט'ן נאָמען משה (כמעט דער איינציגער מענש, וואָס הייסט מיט זיין אייגענעם נאָמען, אָהן א שום צונעמע־ניש), איז פּלוצים אין א שענעם פריהמאָרגען ארויסגעגאַנגען מיט'ן שטעקעלע אין מאַרק אריין און איז שוין מעהר צוריק נישט געקור־מען; און אָט אזוי איז ער נעלם געוואָרען, מע האָט נישט געוואוסט וואוהין. מע האָט איהם אויסגעזוכט אין אַלע מייזעלעכער, וואו ערגיץ א בוידעם, וואו ערגיץ א קעלער; מע האָט איהם געזוכט העט־ווייט הינטער דער שטאָדט, אויף יענער זייט מיהלען, מע האָט איהם געזוכט נעבען דער באָד, ביי'ם ברעג טייך — נישטאָ; פאַר־פאַלען, ווי אין וואַסער אריין! אין דער היים האָט ער איבער־

געלאָזט נעבאך א ווייב א יוגענד, איין אייביגע עגונה מיט קינדער, לעבעדיגע יתומים, אָהן א שטיקעל ברויט. דער עולם האָט שטאַרק רחמנות געהאַט. מע האָט געאַרבייט, מע האָט נישט אויפגעהערט צו ברעכען זיך דעם קאָפּ: וואו האָט ער געקאָנט אהינקומען? א מענטש איז דאָך ניט קיין שפּילקעלע. רבנים האָבען צעשיקט בריוולעך אין אַלע שטעדט מיט אַלע זיינע סימנים: אז ער הייסט משה און איז א רויטער, פון מיטעלמעסיגע וואוכס. דאָס הייסט, ער איז נישט קיין שטאַרק הויכער, נישט גאָר קיין נידעריגער. און נאָך צוויי וויכטיגע סימנים האָט ער: ער רעדט פונ'ם שלאָף און עסט נישט קיין קעז... די דאָזיגע סימנים האָט מען אוועקגעשיקט אויך אין אַלע אידישע בלעטער, מע האָט אָפּגעדרוקט גרויסע ברייטע מודעות און מע האָט צוגעזאָגט, אז דער, וואָס וועט אָנווייזען אויף דעם פערפאַלענעם, וועט דערפאַר, אם ירצה השם, געווים האָבען עולם הבא... דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפען. ביז די צייט איז געקומען און דער שאַדען האָט זיך אָפּגעזוכט, דאָס הייסט, דער פערפאַלענער איז אין א יאָהר אַרום אַליין געקומען צוריק מיט'ן שטעקעלע אהיים. מע קאָן זיך פאָרשטעלען די שמחה פון זיין ווייב און קינדער, אז איין מאָל אין א שענעם פריהמאָרגען שטעהט מען אויף, מע טהוט א קוק — ער איז דאָ!...

דעם ערשטען ברוך-הבא האָט ער געהאַט, געוויינטליך, פון זיין ווייבעל „די עגונה". זי האָט איהם אָפּגעשפּיעלט א וויוואַט, ווי ער איז ווערטה געוועזן; נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען בעקומען שלום-עליכםס פון קרובים, פון שכנים און פון גלאַט בעקאַנטע.

— ויבוא הפּליט — געקומען דער אנטרונענער! שלום-עליכם, פון וואַנען קומט דאָס א איד? דערצעהלט, וואָס הערט זיך עפּיס אויף דער וועלט? ווי טהייער איז קאָרן?...

— לאַכט, לאַכט! — מאַכט ער צו זיי. — ווען איהר זאָלט וויסען, וואו איך בין אויסגעוועזן און פון וואַנען איך קום אָן און

וואָס איך האָב געזעהען, וואָלט איהר מיט מיר אַנדערש גערעדט.

— דהיינו, לאָמיר האָרכען? אפשר פון יענער זייט סמבטיון?

— גלייך ווי איהר זענט געווען דערביי. אוי, איז דאָס אַ לאַנד!

— טאַקי באמת, צי דו טרייבסט קאַטאָוועס?

— איך זאָל אַזוי לעבען מיט אייך אינאיינעם, ווי איך זאָג אייך אמת.

— הערסט, הײנט וואָס זשע שווייגסט דו?

— וואָס זשע זאָל איך שרייען?

עס האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, איז די גאַנצע שטאָדט געוואָהר געוואָרען, אַז „משה דער פאַרפאַלענער" האָט זיך געפונען; ער קומט אָן פון יענעם גליקליכען לאַנד, וואו עס וואַלגערט זיך גאָלד און זילבער, און דערצעהלט זיך אָן אַזעלכע חדושים, אַז מע קאָן משוגע ווערען. מע האָט דערהערט אַזאַ מעשה, האָט מען אוועקגעוואָרפען האַק און פאַק, שער און אייזען און מע האָט זיך געלאָזט צו איהם, ווי צו אַ גוטען אידען; מע האָט איהם געשטעקט שלום־עליכםס פון אַלע זייטען, שוין נישט אויף קאַטאָוועס, און דוקא מיט גרויס רעספּעקט. מע האָט איהם שטאַרק מקנא געווען אויף זיין נאַטור, געלויבט און גע'חידוש'ט זיך אויף איהם, ווי אַזוי ער האָט קיין מורא נים געהאַט מאַכען אַזאַ וויימע נסיעה איינער אַליין. און מע האָט איהם געבעטען, ער זאָל חאָטש דערצעהלען אַלסדינג, ווי אַזוי און וואָס און ווען, און טאַקי באַלד אָט־אָ־דאָ, און צי ס'איז טאַקי אמת, וואָס מע זאָגט גאָלד? דער עולם איז געוואָרען אַלע מינוט גרעסער און גרעסער, עס זענען צו־געקומען אַלע מאָל נייע פּאַרשוינען, וואָס האָבען באַגעהרט און געפאָדערט, ער זאָל זיי דערצעהלען די גאַנצע מעשה, ח אָ ט ש נ אָ ך אַ מ אָ ל פ ו נ ׳ ם אָ נ ה ו י ב ב י ז ׳ ן ס ו ף — אַלסדינג, ווי אַזוי און וואָס און ווען. ער איז אפילו פאַרטיג גע־

ווען זיי דערצעהלען אלסדינג, נאר דא האט זיך אריינגעמישט זיין ווייבעל.

— טאמער ווייסט דו, וואס איז מען זיך דא צענויפגעקומען, אויף וועמענס בייז וואונדער? מע וויל הארכען נייעס? איז מען ניט קראנק צו דארען אביסעל, איך האב מעהר געווארט!...

דאס איז געווען איין איידעל אנצוהערעניש, אז דער עולם זאל זיך צעגעהן. די רויטע אידלעך זענען טאקי גרויסע גדלנים, האנאריסטע לייט, נאר דארטען, וואו מע בעדארף, זענען זיי ביי זיך נישט אזוי גדול'דיג, קליינע מענשעלעך, מאכען זיך תמ'עוואטע, גלייך ווי ניט זיי מיינט מען. זיי זענען נישט אפגעטראטען פון איהם, געשלעפט איהם פאר דער צונג, ער זאל זיי נאר דערצעהלען און דערצעהלען.

אונזער פארשוין האט פערשטאנען, אז היינט איז זיינע זיעבען יאהר, אז היינט איז ער דער מיוחס אין שטעדטעל, האט ער פון זיי געצויגען די עצמות, געשלעפט אדערען.

— וואס זאל איך אייך זאגען, ברידער, איז דאס איין ערטעל! איז דאס אידען! זיגט נאט האנדעלט מיט אידען האט ער נאך אזוינע אידען ניט באשאפען. ס'איז, זאג איך אייך, הערט איהר, מאדנע מינים באשעפענישען, וואס מע זעהט זיי גאר נישט! ס'איז, זאג איך אייך, הערט איהר...

— אבער איין עק זאל דאס האבען! דערצעהל אונז עפּיס, דערצעהל ווי א מענטש. מיר ווילען וויסען דעם שפּיץ!

— איך ווייס ניט, כלעבען, פון וואס איך זאל אייך אנהויבען פריהער? איך זאל וועלען דערצעהלען אייך אלסדינג, וואלטען מיר באדארפט אוועקזיצען אט־א־דא חאטש דריי טעג. — וואס זאג איך דריי טייג? דרייסיג טעג מיט דרייסיג נעכט! מע זאל דאס וועלען באשרייבען, וואלט מען געקאנט אנשרייבען אט אזא בוך! (ער בעווייזט וואס פאר א מין בוך, פון דער ערד ביז כמעט דער סטעלי.)

שאַט, קינדער! ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך בין געפאַלען אויף אַ גלייכע זאַך. אוי, בין איך אַ חכם!

— דאָס ווייסען מיר! אודאי ביזט דו אַ חכם! נאָר לאָמיר שוין הערכען וואָס, אַבי גיכער!

— איך בין געפאַלען אויף אַזאַ איין עצה: באַדאַרף איך אייך דערצעהלען איטליכען באַזונדער, אָנהויבען אַלע מאָל פון „מה טובו"? אַמעהר, נעם איך און געב דאָס אַרויס אַלסדינג אויף פּאַפּיער, דאָס הייסט, איהר פאַרשטעהט? איך באַשרייב דאָס אין אַ ביכעל, דעמאָלט קאָן זיך דאָס יעדער איינציגער איבערלייענען פון אָנהויב ביז'ן סוף! ווארום דאָס, וואָס מע קאָן אַרויסשרייבען מיט דער פען, וועט איהר קיין מאָל נישט אַרויסרעדען מיט דער צונג. אָבער איאַ, ס'איז אַ גלייכער איינפאַל? דער עיקר — איהר זאָלט מיך ניט קוועטשען, איך זאָל קאָנען זיצען און שרייבען.

— סאַ משל! אויף ווען וועט דאָס אַרויסקומען — אם ירצה השם, אויף חול המועד פורים?

— חס וחלילה! וויפיעל, מיינט איהר, באַדאַרף דאָס ביי מיר געדויערען, דאָס אָנשרייבען מיט'ן אָפּדרוקען? — נישט מעהר ווי אַ חדשים צוויי אָדער דריי.

— אַ חכם פון דער מה נשתנה אַרויס! ביזט משוגע, צי חסר דעה! וואָס רעדסט דו? דו ווייסט וואָס דו רעדסט? — האָבען זיך די רויטע אידלעך צעשריגען אויף איהם, גלייך ווי ער וואָלט געווען ביי זיי אַ גערונגענער פון קהל. — חדשים? ווער איז דאָס אימשטאַנד צו וואַרטען חדשים? מען איז דאָך נישט מעהר ווי לעבעדיגע מענטשען! אַ קשיא, טאָמער שטאַרבסט דו גאָר ביז דעמאָלט אַוועק?

— בקיצור, ווי איהר ווילט אייך! — האָט זיך שוין זיין ווייבעל אַרויסגעשטעלט פאַר איהם. — מיין מאַן איז אייך נישט משה־מחויב; ער האָט זיך ניט אונטערגענומען ביי אייך פאַר קיין דערצעהלער. עלעהיי, לאָז זיך אייך דאַכטען, עס האָט איהם אָפּגענו־

מען דאָס לשון און ער קאָן נישט רעדען!... געהט אייך געזונ־טערהייד!

דער עולם האָט ארויסגעזעהען, אַז מע וועט דאָ גאָר נישט מאַכען, איז מען זיך צעגאַנגען, און אונזער חברה־מאַן האָט געהאַל־טען וואָרט: ער האָט איינגעקויפט פּאַפּיער און טינט און פּענעס א גוזמא, און האָט זיך אַוועקגעזעצט בעשרייבען די גאַנצע נסיעה זיינע אין אַ בעזונדער מעשה־ביכעל, וועלכעס ער האָט אַ נאָמען געגעבען: „דאָס גליקליכע לאַנד, אָדער איין אָרט פון משוגעים". דאָס ביכעל איז פאַרטיג גע־וואָרען, האָט ער דאָס אַוועקגעגעבען אין דרוק אריין, מע זאָל דאָס אָפּדרוקען אויף זיינע אייגענע הוצאות אין אַ גרויסען צאָהל עקזעמפּלאַרען (איך האָב מורא, אויב נישט עטליכע טויזענד שטיק!). ער האָט זיך געהאַט אַזאַ רעכענונג: דאָ, אין זיין שטאָדט אליין, געפינען זיך, קיין עין הרע, אַ צוואַנציג טויזענד רויטע אידלעך; לאָמיר שמועסען, אַשטייגער, אַז נאָר איינער פון צעהן וועט קויפען אַ ביכעל, האָט איהר שוין אַ קיימאַ־לן פון צוויי טויזענד ביכלעך; היינט וואו זענען די איבעריגע שטעדט? די רויטע אידלעך זענען דאָך פאַרהאַן עטליכע מיליאָן, קיין עין הרע! אדרבה, עטליכע טויזענד וועט גאָר קלעקען אויף איין צאָהן; מע וועט דאָס מוזען נאָכדעם אָפּדרוקען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, מע וועט דאָס פערצוקערען, און ער וועט זיך מיט גאָט'ס הילף צעפיהרען די הענד, — מאַכען דערפון אַ מאַיאָנטעק...

כך הוה. דאָס ארויסגעהן פון'ם בוך האָט זיך אביסעל פער־צויגען; עס האָט געדויערט אביסעל מעהר פון צוויי חדשים, און מעהר פון דריי, און מעהר פון פיער, און מעהר פון זעכס. עס האָט זיך געטראָפען אַ סיבה: ס'איז אויסגעגאַנגען פאַרעס, נישט געסטייעט קיין אותיות אין דער דרוק! מע האָט געמוזט צו־וואַר־טען עטליכע חדשים, ביז מע וועט אויסגיסען נייע אותיות... אונ־זער מחבר האָט זיך דאָס אביסעל דעמאָלט אָנגעגעסען מיט צרות —

אויפ'ן פוד! פון איין זייט דאָס ווייב פּיקט אין קאָפּ: „וואָס איז דאָס פאַר איין עובדה — ביכלעך גאָר אין מיטען דרינען? פריש און געזונט און משוגע!" פון דער אַנדערער זייט די רויטע אידלעך רייסען ביי די פּאָלעס: „גוואַלד, דאָס ביכעל! דאָס ביכעל!" און דער דרוקער, וואָס איז צום אָנהויב געווען זיס ווי צוקערלעקאך, האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבען דולען אַ ספּאָדיק: „געלטעניו! געלט! געלט! געלט!" ער האָט זיך נעבאַך פער־זעצט און פער'משכונ'ט פון קאָפּ ביז די פיס, געוואָרען אַ בעל־חוב ביז איבער די אויהערען, און גאָט האָט אַ נס געטהאָן — די „משוגעים" זענען אַרויס פון דרוק!

די „משוגעים" זענען אַרויס פון דרוק, און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטהאָן, ווי נאָך מצה־וואַסער. מע האָט איהם בעלעגערט די שטוב, איטליכער האָט געוואָלט וואָס פריהער. זיין ווייבעל האָט דערזעהען אַזאַ מחיה, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט זיך אַריינגעמישט.

— דו האָסט דען שכל אויף אַט אַזוי פיעל, דו לעקיש איינער? אַז גאָט האָט אונז יאָ צוגעשיקט אַזאַ גליק, וואָס טרעפט זיך איין מאָל אין הונדערט יאָהר, פאַר וואָס זשע זאָלען מיר נישט אָפּלעקען אַ ביינדעל, ווי עס געהער צו זיין? מכות וואָלט איך זיי פאַרקויפט אַזוי וואָלוועל די סחורה! אַ קניהע ערד וואָלטען זיי ביי מיר אויסגעשלאָגען אַט־אַ־דאָ־אָ, אויסציהען וואָלטען זיי זיך פאַר מיינע אויגען!...

עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי שעה צייט און דער עולם האָט אָנגעהויבען ווערען וואָס וויימער אַלץ שיי־טערער און וויינציגער, ביז ס'איז נישט געבליבען קיין לעבעדיגער מענש, — די רויטע אידלעך זענען מיט אַ מאָל אָפּגעקיהלט געוואָ־רען. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז גאָר אַ פּשוט'ע מעשה: די שטאָדט איז געוואָהר געוואָרען דעם אינהאַלט פונ'ם ביכעל איש מפּי איש, און דוקא אָהן אַ טעלעפאָן; איינער האָט איבערגעגעבען

דעם אנדערען די גאַנצע מעשה אין קורצען, — היינט צו וואָס בעדאַרף מען נאָך געהן אויסגעבען געלד, קויפען ביכלעך?... דאָס איז נומער איינס. והשנית, האָט מען אַ טעות געהאַט אין השבון:

— ווייס איך! אַ נעכטיגער טאָג! — האָבען זיי גע׳טענה׳ט. — ווער מיר גאָלד? וואָס מיר זילבער? עפּיס משונה מאָדנע אידען, משוגעים באַשרייבט ער דאָרטען! אוראי איז כדאי געווען אַזוי פיעל צו וואַרטען אויף אַזאַ מעשה!

— ס׳איז גאָר אינגאַנצען די מעשה אַ ליגען; דאָס האָט ער אויסגעטראַכט פונ׳ם קאָפּ!

— עס האָט זיך איהם, אַפּנים, גע׳חלומ׳ט, אַז ער איז אריבער דעם סמבטיון?

— טפו אויף זיין קאָפּ און אויף זיינע הענט און פיס!...

בקיצור, מע האָט דאָס ביכעל מעהר אין די הענד אַריין נישט געוואָלט נעמען. די עטליכע, וואָס האָבען יאָ געקויפט, האָבען זיי דאָס געבראַכט צוריק צום מחבר און האָבען געפאָדערט פון איהם, ער זאָל זיך נעמען זיין סחורה צוריק, און פונ׳ם געלד, וואָס זיי האָבען בעצאָהלט, שענקען זיי איהם אוועק די העלפט; דאַכט זיך, עהרליך? מיט יושר?... איינער האָט זיך מיישב געווען און האָט איהם אריינגעוואָרפען דורכ׳ן פענסטער צוריק דאָס ביכעל אינאיינעם מיט אַ גע׳פגר׳טער קאַץ, און די גאַנצע שטאָדט האָט פון דער חכמה אַזוי אָנגעקוועלט, אַזוי געלאַכט, אַז מען איז שיער נים צעזעצט געוואָרען פאַר געלעכטער.

מע קאָן זיך דען פאָרשטעלען די ביטערע פינסטערע לאַגע פון אונזער מחבר? די צרות, וואָס ער האָט נעבאָך איבערגעטראָגען פון זיין ווייב, וואָס האָט איהם שיער נישט אויפגעגעסען לעבע־דיגערהייד? די אַנגסטען מיט די יסורים פונ׳ם דרוקער, וואָס איז נעבאָך דורך איהם ניזוק ונהרג געוואָרען? און זיין האַרצוועהטיג מיט די בזיונות, וואָס ער האָט געהאַט פון די רויטע אידלעך?

ער איז געוואָרען ביי זיי אוים „משה דער פארפאלענער״; זיי האָבען איהם געקרויינט מיט א נייעם נאָמען: „דער משוגע׳נער ביכעל־מאכער״ — ס׳איז געווען בוזי־בזיונות!

* * *

איינס פון די דאָזיגע ביכלעך איז על־פי נס אריינגעפאלען צו אונז אין די הענד אריין, און מיר האָבען דאָס דורכגעלייענט פון אלף ביז תיו און האָבען געפונען, אז ס׳איז גאָר נישט אזוי שלעכט, ווי די רויטע אידלעך מיינען. מהאי טעמא דרוקען מיר דאָס איבער דאָ וואָרט ביי וואָרט, און מיר בעטען דעם עולם, אז טאָמער וועט דאָ עמיצער געפינען עפּיס א זאך, וואָס וועט זיי אויסוויייזען פריקרע, ערטערווייז אביסעל צו פיעל גוזמא׳דיג, איבערגעחאַפּט די מאָס, אָדער אזוי מחילה נאריש, טפּוש׳עוואטע, זאָלען זיי צו אונז קיין טענות ניט האָבען, נאָר צום מחבר אליין. אויף איהם, אויפ׳ן מחבר הייסט דאָס, מעגען זיי זאָגען וואָס זיי ווילען: אזוי ווי עה חערט ניט, אזוי וועט איהם ניט שאַדטע;...

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

(זיין אָנקומען אין שטאָדט אַריין. — דאָס ערשטע בעגעגעניש. — די שוהל. — מע טהוט איהם אָן אַ קאַפּעליש. — מע שלאָגט זיך פאַר'ן אורח, איטליכער וויל איהם צו זיך אויף שבת.)

אָנגעקומען אינ'ם לאַנד פון די משוגעים — אַזוי הויבט ער אָן די בעשרייבונג פון זיין נסיעה — בין איך פּונקט אום פרייטאָג פאַרנאַכט, שוין אַרום ליכט־בענשען, און מחמת איך האָב מיך זעהר געאײלט אויף שבת, האָב איך גאָר קיין צייט נישט געהאַט זיך צוקוקען צו דער שטאָדט און צו איהרע שענע, ריינע, ציכטיגע, אויסגעפּלאַסטערטע גאַסען און צו די שענע, הויכע, ליכטיגע מויערען. איך בין געפלויגען פייל אויס'ן בויגען; עס האָט מיר כסדר געבאָמבעלט אין קאָפּ: „וואו וועל איך דאָ מקבל שבת זיין? וואוהין וועל איך מיך דאָ צושלאָגען, אין אַ פרעמדער מדינה, און צו וועמען וועל איך מיך דאָ קעהרען און ווענדען אָהן אַ שום רע־קאָמענדאַציע?“... די ערשטע מחשבה מיינע איז געווען: אַ שוהל. „לאָם איך נאָר צושלאָגען זיך צו אַ שוהל, — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט — וועט שוין אַלץ זיין רעכט: צווישען אידען, נישקשה, ווערד מען נישט פאַרפאַלען“...

דעם ערשטען אידען, וואָס איך האָב באַגעגענט, האָב איך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטהאָן:

— ווייסט איהר נישט, פעטער, וואו איז דאָ ערגיץ אַ שוהל? דער איד...

נאָר איך מוז דאָ פריהער אָפּמאָהלען וואָס פאַר אַ מין איד דאָס איז געווען. אַ הויכער, מיט שוואַרצע האָר, אַ שוואַרצע באָרד, דעם קאָפּ פאַרריסען אַרויף מיט גדלות, אָנגעטהאָן אין שוואַרצען, מיט אַ הויכען שוואַרצען גלאַנצענדיגען ספּאָדיק אויפ'ן קאָפּ, כמו אַ לאָקשענטאָפּ.

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט, פּעטער, — זאָג איך צו איהם — אויב איהר זענט, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ איד, נאַט אייך אָפּ שלום־עליכם.

— עליכם־שלום! — מאַכט ער צו מיר און קוועטשט מיך ביי דער האַנד זעהר פריינדליך. — עליכם־שלום! מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען?

— צי ווייסט איהר נים, — זאָג איך — וואו איז דאָ ערגיץ אַ שוהל, אָדער אַ בית־המדרש?

— קוממ, — מאַכט ער צו מיר — איך געה מיט אייך. פון וואַנען איז אַ איד?

— פון וואַנען? פון ווייטען. — זאָג איך. — אַזש פון יענער זייט סמבטיון, הינטער די הרי־חושך.

— אַך, אפשר פון די רוסישע אידלעך? — מאַכט ער צו מיר און נעמט מיך ווידער אַ מאָל אָן ביי דער האַנד. — עס טהוט מיר זעהר־זעהר הנאה, וואָס איך זעה מיך מיט אייך. זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, איהר זענט דאָך דאָ, הייסט דאָס, אַ פרעמדער, איין אורח, קאָן איך אייך אפשר פאַרבעטען אויף שבת?

— מהכתיתי, — זאָג איך — פאַר וואָס ניט? איך האָב גע־רעכענט זיך צושלאָגען צו אַ שוהל און דורכ'ן שמש שוין איינבע־טען זיך ערגיץ אויף שבת.

— איינבעטען? — מאַכט ער מיט אַ געלעכטער. — ביי אונז פאַרשפּאַרט מען זיך איינבעטען; ביי אונז איז מען צופריעדען, אַז גאָט שיקט צו איין אורח.

— און ביי אונז — זאָג איך —איז איין אַנדער מנהג: ביי אונז לאָזט דער שמש ניט אַרויס דעם עולם פון שוהל, ביז מע צענעמט נישט די אָרעמע לייט אויף שבת.

— אַזוי? — מאַכט ער צו מיר מיט אַזאַ פּנים, גלייך ווי איך וואָלט איהם דערצעהלט, אַז ביי אונז געהט מען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף.

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט, — רוף איך מיך אָן צו איהם — נאָך ווענען האָט איהר דאָס יאָהרצייט: נאָך אַ טאַטען, צי נאָך אַ מאַמען?

— וואָס איז דען? — מאַכט ער צו מיר. — וואָס איז אייך עפּיס איינגעפאַלען, אַז איך באַדאַרף היינט האָבען יאָהרצייט?

— גלאַט, — זאָג איך — איך שמועס עס אַקעגען דרינען, וואָס איהר געהט דאַווענען.

— וואָס הייסט? — מאַכט ער צו מיר. — ס'איז דאָך היינט פרייטאָג־צו־נאַכטס!

— איך ווייס גאַנץ גוט, — זאָג איך — אַז ס'איז פרייטאָג־צו־נאַכטס, דערפאַר פרעג איך טאַקי, וואָרום ביי אונז אַזעלכע, איך בעט איבער אייער כבוד, פּראָנטעס, ווי איהר, געהען זעלטען פרייטאָג־צו־נאַכטס אין שוהל אַריין.

— אַזוי? — מאַכט ער צו מיר. — וואָס זשע דען טהוען זיי שבת?

— איך ווייס — זאָג איך — וואָס זיי טהוען? זיי געפינען זיך שוין מסתמא איין אַרבייט: מע האַפּט אַ קערטעל, אַז קיינער זאָל ניט זעהען...

— וואָס חאַפּט מען? — מאַכט ער צו מיר.

— אַ קערטעל — זאָג איך — חאַפּט מען: איין „אָקעלע“, אַ „סטוקעלקע“, אַ „באַנטשאָק“, אָדער גאָר אַ „טערטעל־מערטעל“.

— וואָס הייסט דאָס — זאָגט ער — „טערטעל־מערטעל“?

— כלומפּרשט! — זאָג איך. — וואָס מאַכט איהר זיך געפּגר'ט? מע שפּיעלט דען נישט ביי אייך אין קאָרטען?

— אָך, קאָרטען? — מאַכט ער צו מיר. — ביי אונז שפּיעלט מען שוין נישט אין קיין קאָרטען; ביי אונז איז פאַרהאַן אַ סך בעסערע פאַרגעניגענס דערפון... אָט איז אונזער שוהל.

— וואו? — מאַך איך צו איהם.

— אָט דאָס איז זי! — זאָגט ער צו מיר און פיהרט מיך צו

צו א הויכען טויער, א שענעם, מיט ווייסע מירמעלשטיינערנע זייד לען, מיט א מחיה'דיגען גאַרטען ארום און ארום, און בעלייכט, בע־ גאָסען פון אויבען ביז אראָפּ מיט א מין משונה־מאָדנע ליכטיגקייט, אז מע קאָן בלינד ווערען.

„אָט דאָס הייסט ביי זיי א שוהל?" — טראַכט איך מיר און איך דערמאָן מיך אָן אונזער גרויסען בית־המדרש, וואָס שטעהט אָנגעבויגען „כורעים" שוין פון היבשע עטליכע יאָהר, אונטער־ געשפּאַרט מיט סטופּעס, וואָס יונגלעך קונדסים קלעטערען דורך זיי אויפ'ן דאַך; די ווענט זענען הויל, נאַקעט, ארומגעגריזעט פון די ציעגען, און דער ריח לאָזט זיך הערען פון דער ווייטען...

ביי דער טהיר באַגעגענט אונז איינער א הויכער מיט גאָלדענע קנעפּ, עפענט אונז אויף די טהיר און טהוט זיך א בויג בשעת מעשה, ווי איינער רעדט: „ברוך הבא, א איד, סקאָצעל קומט!"

אריינגעקומען אינוועניג, בלייב איך שטעהן פארגאַפט. די שוהל איז פון אויבען ביז אראָפּ איינגעטונקען אין גין־גאָלד, און פון דער ליכטיגקייט, וואָס גיסט זיך פון אלע זייטען, פינקעלט, שעמע־ רירט אין די אויגען. איינער מיט א שווארצען לאַקשענטאָפּ אויפ'ן קאָפּ, מיט א לאַנגער זשיפּעצע מיט קנעפּ און מיט א מגן־דוד צוגעשפּילעט צו דער זייט, געהט־צו צו מיר שטילערהייד און טהוט מיר א וואונק, איך זאָל געהן מיט איהם.

— מע האָט מיר געזאָגט וועגען אייך, — מאַכט ער צו מיר — זייט זיך מטריח מיט מיר אויף איין מינוט.

— ווער, זאָג איך, זענט איהר? קודם־כל נאַט אייך אָפּ שלום־ עליכם.

— עליכם שלום! — מאַכט ער צו מיר. — איך בין דער שמש פון דער שוהל.

„דער שמש! א שענער שמש! — טראַכט איך מיר. — איין אויסגעפּוצטער מיט א מגן־דוד, פּונקט ווי, להבדיל, ביי אונז, פעהלט ניט א האָר: אָהן א צעפּיצעלטער קאפּאָטע, אָהן אויס־

גערדרעהטע שטיוועל, אָהן אַ פּליסענעם קארטוז, אָהן אַ נאָז מיט טאַבעקע"...

— וואוהין פיהרט איהר מיך? — זאָג איך צו איהם. — ווייזט מיר בעסער איין אָרט, וואו איך קאָן אָפּלעגען אָט דאָס פּע־קעל מיינס.

— קומט, קומט, — מאַכט ער צו מיר און נעמט צו ביי מיר דאָס פּעקעל און פיהרט מיך אריין אין אַ באַזונדער ליכטיג חדר'על, צו אַ ווייסען מירמעלשטיינערנעם וואשקאַסטען, דערלאַנגט מיר אַ שטיקעל זייף מיט אַ קלאָר־ווייס האַנטיכעל און לעגט מיר פאָר, איך זאָל מיך מטריח זיין אַביסעל איינוואַשען זיך.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת? — קלעהר איך מיר. — וואַשען די הענט — דאָס פאַרשטעה איך; דערוויף איז פאַרהאַן ביי אונז אויך אַ האַנטפאַס אין שוהל מיט אַ גרויסער פּאַמעניצע ביי דער טהיר. נאָר אין אַ שוהל זאָל מען זיך באַדאַרפען וואַשען גאָר און זייפען — דאָס פאַרשטעה איך שוין ניט!"

— ווער האָט אייך געזאָגט וועגען מיר? — רוף איך מיך אָן צום שמש.

— דער הערר שניידער.

— וואָסער שניידער?

— אָט דער, וואָס איהר זענט מיט איהם געגאַנגען.

— אַזוי? — זאָג איך. — איז ער סך־הכל אַ שניידער? אַ „בעל־מלאכה", הייסט דאָס? הײנט וואָס איז מיט איהם אַזוי דער יחוס, וואָס ער געהט אַזוי אויסגעפּוצט און דעם קאָפּ פאַר־ריסען אַרויף, גלייך ווי, איך בעט איבער אייער כּבוד, עפּיס רעכטס?

— ער איז גבאי ביי אונז אין שוהל. — מאַכט צו מיר דער שמש מיט גדלות.

— אַזוי? — זאָג איך. — איז דאָס, אַפנים, אַ שניידערשע שוהל ביי אייך?

— ניין, — מאכט ער — ס׳איז ניט קיין שניידערשע, ס׳איז א א י ד י ש ע שוהל.

— איך וויים, —זאָג איך — אז ס׳איז א אידישע, ניט קיין גוישע. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קומט צו אייך א שניי־דער א גבאי? מע האָט, אפנים, נישט געקאָנט געפינען קיין אַנ־דערען אויף אויסצוקלויבען? ווי זאָגט מען: במקום שאין איש איז הערינג פיש...

— א שניידער איז דען קיין איד ניט? — מאכט ער צו מיר און עפּענט אויף א שאָפּקעלע און נעמט ארויס פון דאָרטען א הױ־בען שווארצען ספּאָדיק און בעט מיך, איך זאָל אויסטהון מחילה מיין וועג־מיצעל און זאָל אָנטהון אָט דעם „צעלענדער“.

— משוגע, — זאָג איך — צי חסר דעה בין איך? וואָס הייסט, פּלוצים אין מיטען דערינען וועל איך מיך אָנטהון, ווי א מאַרשאַ־לאָק? א קאָמעדיאַנטשיק?

— איהר מוזט אָבער אָנטהון א „צעלענדער“. — מאכט ער צו מיר מיט א פריינדליך שמייכעלע. — ביי אונז געהען אַלע אין צעלענדערס; אַנדערש קאָן מען ניט אריינטרעטען צו אונז אין שוהל אריין.

— איטליכע שטאָדט האָט זיך איהר משוגענעם, — זאָג איך — און ביי אייך זענען, אפנים, אַלע משוגעים? ס׳איז דאָך ביי אייך סדום, איהר זענט דאָך עפּיס דאָ, ווי איך בין א איד, ווילדע מענטשען, פּראָים!

— איהר מוזט אָבער אָנטהון דעם „צעלענדער“, — מאכט ער צו מיר נאָך אַמאָל, שוין מיט אזא ניגון, ווי איינער רעדט: „ווילט איהר אזוי — איז גוט, אלא ניט — געהט אייך געזונטערהייד“. און דאָ וועדר שפּעט, שוין שבת, וואָס טהוט מען? געהן זוכען ערגיץ איין אַנדער שוהל? „טאַ, אויך די איינגענע מעשה, — טראַכט איך מיר, — אז איך האָב מיך שוין אריינגעחאַפּט צווישען משוגעים, העלפט עפּיס חכמות?“ איך טהו אָן דעם „צעלענדער“ און, געהענ־

דיג פארביי דער גלעזערנער טהיר, האפ איך א קוק אויף מיין נע־שמאלט און קוים וואס איך האלט מיך איין פאר געלעכטער.

— ווי געפעלט אייך — רוף איך מיך אן צום שמש, געהענדיג — ווי געפעלט אייך אט דער שמייגער מיט'ן קוימען?

דער שמש אבער ענטפערט מיר נישט דאס אנדערע ווארט; ער באזועצט מיך גאנץ אויבען־אן און איז מיך מכבד מיט א סידור'על. איך הויב מיך אן ארומצוקוקען, וואו בין איך אין דער וועלט? שענע געפאליטירטע בענק שטעהען אלע מיט'ן פנים אהין. אויף דער ערד ליגען אויסגעבעטע שענע ווייכע קאוויארען, נישטא וואו אויסצושפייען. דער עולם — אויסגעזועצט, ווי די מחותנים, אנ־געטהאן שבת'דיג, אלע מיט שווארצע הויכע „צעלענדערס" אויף די קעפ, מע זיצט און מע שווייגט — וואס איז דאס פאר א פאלק? איך טהו א ווונק צום שמש, ער געהט־צו צו מיר אויף די שפיץ־פינגער.

— זאגט מיר, איך בעט אייך, וואו איז דא ערגיץ ביי אייך מזרח?

— מזרח? — מאכט ער צו מיר און טהוט מיר א וויז מיט'ן האנד ארויף, אז אהין איז מזרח.

— איך וויים אליין, — זאג איך צו איהם — אז מזרח איז אהין, קיין מזרח זייט, נישט קיין פצון זייט; איך פרעג אייך, וואו איז ביי אייך דא דער אויבען־אן?

— וואסער אויבען־אן?

— בראש פאושטעהען זיי גיט וואס מע רעדט צו זיי! וואו זיצען דא ביי אייך די נגידים, דער תפארת פון דער שטאדט?

— אלע איינס! — מאכט ער צו מיר.

— וואס הייסט, זאג איך, אלע איינס? ביי אייך איז, אפנים, הפקר ציבעלעם? וואו ווער סע וויל, דארט זעצט ער זיך?

— וואו ווער סע וויל, דארט זעצט ער זיך, — מאכט ער צו מיר מיט מיינע ווערטער.

„משוגעים! — זאָג איך צו זיך אַליין, און צעלאַך מיך. — מע זאָל ביי אונז זאָגען אַ נגיד, ער זאָל זיך זעצען אין שפּיעגעל־באַנק, נישט גאַנץ אויבען־אָן, — איך ווייס? די וועלט וואָלט גענהאַט צו טהון! אָדער, אשטייגער, אַ קבצן זאָל האָבען די העזה אַרויפקריכען אין מזרח, וואָלט געוועו הימעל עפען זיך. פאַר־אַ־יאָהרען האָט זיך געטראָפען ביי אונז אַ מעשה, עס האָט זיך פאַרקויפט אַ מזרח־שטאָדט אין אַלטען בית־המדרש, האָט זי ישראלי דער קצב געדונגען, איז געוואָרען אַ רעש צווישען די נגידים: „סטייטש, מיר וועלען דערלאָזען אַ קצב זאָל זיך רוקען אין מזרח? אָבער גאָר לאָ!" די נגידים האָבען זיך צענויפגעלעגט און האָבען די שטאָדט אָוועקגעקויפט. באַדאַי זי זאָל שטעהן לעדיג, אָבי דער קצב זאָל האָבען אַ מכה, נישט קיין מזרח!..."

פּלוצים דערהער איך, עס טהוט אַ זעץ פון אויבען עפּיס אַ מין געזאַנג, אַ מישמאַש פון פאַרשיעדענע קולות, וואָס איך האָב אויף מיין לעבענסטאָג אזעלכעס נישט געהערט. עס גיסען זיך אַלערליי זיסע שטימען, נידעריגע און נאָך נידעריגערע, הויכע און נאָך העכערע, און אַלע אינאיינעם גיסען זיך צענויף אין איין גע־זאַנג און רינען, אזוי ווי אַ מין בוימעהל, ממש עס צעגעהט זיך אין יעדען אבר. איך וואָלט געמעגט שווערען, אז איך הער אַ קול פון אַ פיידעל, פון אַ פלייט, פון אַ טרומייט און פון אַ באַס — אַ גאַנצע קאַפּעליע כלי־זמר... און עס וואַכסט אויס, ווי פון אונטער דער ערד, עפּיס אַ מין שלאַק אין אַ טלית'על, מיט אַ ווייסען כּפּאָריק אויפ'ן קאָפּ. אפנים, דאָס איז זייער חזן? — ער מאַכט עפּיס מאָדנע אָנשטעלען, בויגט זיך און בוקט זיך און הויבט אָן צו זינגען „מה טובו".

„סאַ משל! — זאָג איך צו זיך אַליין. — פרייטאָג־צו־נאַכטס גאָר פון מה טובו! וואו איז דער ערב שבת'דיגער „הודו לה' כי טוב?" וואו איז דער „ידיד נפש אב הרחמן?" וואו איז עפּיס מנחה? — ווילדע מענטשען!"

תיכף נאָכ'ן חזן בעווייזען זיך אויף דער סצענע נאָך אַ צוויי־דריי נפשות מיט שווארצע קוימענס אויף די קעפּ; צווישען זיי דערקען איך מיין הויכען שניידער — אַפּנים, דאָס זענען די גבאים פון דער שוהל? — און איינער מיט אַ שווארצען פּיערעקעכיגען ספּאָדיק און מיט אַ ווייסען קאָלנער; זיי זעצען זיך אוים אַלע פּיער אויבען־אָן, ווי די טאָקען, איינס אַקעגען דאָס אַנדערע, און דער חזן עפענט אויף אַ געמבע, פליהט איבער פון „מה טובו" גלייך צו „לכו נרננה" (ווי געפעלט אייך אַזאַ שפּרונג?). איך דערהער, אַז עס האַלט ביי „קבלת שבת", טהו איך דאָך מסתמא אַ זאָג דעם „לכו נרננה" אויף אַ קול מיט אַ ניגון, ווי איך בין געוואָהנט געוואָרען. איך מיין, אַז דאָ וועט שוין דער גאַנצער עולם אָנהויבען צו דאַוונען — ווער? וואָס? וועמען? אַ וואָרט וויל קיינער ניט זאָגען! דער חזן הויבט אָן און די זינגערלעך לאָזען אוים, און דער גאַנצער עולם קוקט אין די סדורים'לעך, ווי אַ האָהן אין בני־אָדם, שעפּטשעט שטילערהייד. מע האָט מורא, טאָמער וועט מען חלילה דערהערען פון זיי אַ וואָרט עברי...

אַז ס'איז געקומען צו די „לכה־דודי'ס", האָט דער חזן אַליין שוין, אָהן משוררים, אַנידערגעלעגט אַ „מזמור־שיר־ליום־השבת'על", און דוקא אויפ'ן אידישען שטייגער, מיט אונזער פּראָסטען אידישען נוסח — סע זאָל אַ רוח אין זיין טאַטען אריין! ער האָט זיך דאָס אַביסעל צעלאָזט — אַ כפּרה דוד־משה, אַ כפּרה משה־יוסי, אַ כפּרה אפילו דער גרויסער הערש־בער... שפּעטער, אַז ער איז אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, האָט ער זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צום עולם (שטעלט אייך פאָר אַ מין חזן: איהר זאָלט זאָגען אַ סימן פון אַ באָרד, אויסגעפּוצט ווי אַ מויד, אָהן אַ שום קנאָפּ אין גאָרגעל, אָהן אַ שום פּעטשיילע אויפ'ן האַלז און אָהן אַ טראָפּען שוויים!), דער שמש מיט'ן מגן־דוד האָט איהם אונטערגעטראָגען אַ גאָלדענעם בעכער מיט וויין, און דער שענער חזן האָט געמאַכט קידוש, און דוקא הויך אויפ'ן קול. דאָס ערשטע מאָל

אויף מיין לעבען הער איך, אז אין א שוהל זאל מען מאכען קידוש — איך האב געמיינט, איך וועל פלאצען פאר געלעכטער! נאכ'ן קידוש האט מען נאך עפּיס געזונגען, און דער עולם האט זיך אנגע־הויבען צעגעהן שטיל, אהן א „גוט שבת", געקוועטשט זיך איינס דאס אנדערע די הענט, געזאגט איינער דעם אנדערען: „לשנה הבאה בירושלים" (א משל!) און איבערגעוואונקען זיך מיט די אויגען גאר פריינדליך. געגאנגען איז מען איינציגווייז, נישט געחאפּט זיך, נישט געשטופּט זיך — מאדנע אידען!

נאכ'ן דאוונען איז דער שמש צוגעגאנגען צו יענעם, וואס מיט'ן פיערעקעכיגען ספּאדיק און מיט'ן ווייסען קאלנער, און האט איהם איינגערוימט א סוד אויפ'ן אויהער. נאכדעם איז ער צוגע־גאנגען צו מיר און נאך איהם די דריי גבאים מיט מיין הויכען שניידער בתוכם.

— דאס איז אונזער הערר ראבינער, — מאכט צו מיר דער שמש שטילערהייד — אונזער רב.

„נישקשה פון א רב'על! — טראכט איך מיר. — אט דאס פּסק'עט שאלות?"

— שלום עליכם! — מאכט צו מיר דער רב און קוועטשט מיך ביי דער האנט, און נאך איהם געבען מיר אפּ שלום די איבעריגע צוויי גבאים.

— עליכם שלום אייך, — זאג איך — וואס מאכט איהר גוטס?

— מה שמכם? — מאכט צו מיר דער רב.

— וואס עפּיס אויף לשון־קודש? — זאג איך. — איהר רעדט אפשר נישט קיין דברי־חול אים שבת? מיין נאמען איז משה. פארהאן ביי אונז דריי משה'ס: איינער א הויכער, רופט מען איהם „משה דער קליינער"; איינער א קורצער, רופט מען איהם „משה דער גרויסער"; און מיך רופט מען גלאט משה.

אלע דריי גבאים מיט'ן שמש קוקען זיך איבער און שמייכ־לען איינס צום אנדערען.

— איך האָב געהערט, — מאַכט צו מיר דער רב — אַז איהר קומט אָן פון אַ וויימער מדינה, פון יענעם לאַנד, וואו עס געפינען זיך די רויטע אידלעך. וואָס מאַכען עפּיס דאָרטען אונזערע ברידער נעבאָך?

— וואָס זאָלען זיי מאַכען? — זאָג איך. — ווער סע האָט די קלינגערס, דעם איז גוט, ווי זאָגט מען: המבדיל בין קודש לחול, ווער עס האָט געלט, דעם איז וואויל, און ווער עס האָט ניט קיין געלט, דער ליגט נייען איילען אין דער ערד, איך בעט איבער אייער כבוד, און באַקט בייגעל. און ווער שמועסט די לעצטע צייט, זינט עס האָבען זיך אָנגעהויבען ביי אונז די „בהלות“, איז נאָך ערגער: מע לויפט וואוהין די אויגען טראָגען, איינער ווייסט ניט פון׳ם אַנדערען. אָט בין איך פאַרפאַהרען אַהער, פרעגט מיך, ווי אַזוי — ווייס איך אַליין ניט. די ערשטע צייט איז אפילו געווען ביי אונז דאָרטען „קאָמיטעטען“, וואָס האָבען באַדאַרפט זאָרגען פון אונזערטוועגען, נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזט פון זיי, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ בוידעם...

איך האָב גערעדט און גערעדט, זיי דערצעהלט אַלסדינג, וואָס ביי אונז טהוט זיך, און די גבאים מיט׳ן רב מיט׳ן שמש זענען געשטאַנען און האָבען מיך באַטראַכט, ווי עפּיס אַ זעלטענעם פּאַרשוין. וואָס מע זעהט דאָס גאָר ניט! ביי איטליכם מאָל, וואָס איך האָב דערמאָנט די רויטע אידלעך, ווי אַזוי זיי ווערען נעבאָך פאַרשווארצט, האָבען זיי געזיפצט, רחמנות געהאַט; איך האָב געזעהן, אַז עס עקט זיך זיי דאָס חיות...

— איך מיין, — מאַכט צו מיר דער רב מיט אַ פריינדליך שמייכעלע — אַז איהר באַדאַרפט זיין רעכט מיעד פון׳ם וועג און הונגעריג?

— גלייך ווי איהר זענט געווען דערביי, — זאָג איך.

— מיר וועלען נאָך צייט האָבען, מאַכט ער, צו שמועסען;

אצינד קומט, זייט מוחל, צו מיר, איך פארבעט אייך צו מיר אויף שבת.

— האט קיין פאראיבעל ניט, הערר דאקטאר, — רופט זיך אן צו איהם דער הויכער שניידער — דער איד איז מיינער, איך האב איהם שוין פארבעטען צו זיך נאך געהענדיג מיט איהם אהער אין שוהל אריין.

— שאדע! — מאכט דער רב דער דאקטאר.

— ווען — זאג איך — זארגט זיך איין ארעמאן? אז ער האט צוויי חתונות אין איין טאג.

דער רב דער דאקטאר, יענע צוויי גבאים און דער שמש לאכען. נאר איך זעה, אז זיי זענען שטארק מקנא דעם שניידער, וואס ער האט מיך פארבעטען פריהער, אויסגעכאפט די מציאת — א גליק האט איהם געטראפען!...

„משונה־מאדנע אידען! — אזוי טראכט איך מיר, געהענדיג מיט מיין שניידער צו איהם אויף שבת.— קיין מזרח איז ביי זיי ניט פארהאן... דעם אויבען־אן טרעטען זיי אפ יענעם... נגידים און קבצנים איז ביי זיי גלייך... א דאקטאר איז ביי זיי א רב, א שניידער איז א גבאי און א שמש טראגט א הויכען ספאדיק... איין אורח איין ארעמאן איז ביי זיי נאר איין אבן טוב, א איד איז ביי זיי א גאנצער אנטיק. מע שלאגט זיך פאר א אידען — ריינע משוגעים!“...

דאָס דריטע קאַפּיטעל.

(ביי׳ם שניידער אין שטוב. — דאָס ווייב גיט איהם אָפּ שלום. — די טעכטער רעדען לשון־קודש. — ער ווערד געוואָהר פון משונה־מאָדנע זאַכען. — ער רעדט וועגען ארץ־ישראל.)

אריינגעקומען צום שניידער אין שטוב אריין, האָט מיר מיט אַ מאָל אַ זעץ געטהאָן אין פּנים אריין אַ מאָדנע מין ליכטיגקייט, אַ פּריוויליכקייט און אַ היימליכקייט, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט באַשרייבען. באַגעגענט האָט אונז טאַקי זיין ווייב, די שניידערין, אָנגעטהאָן ווי אַ „מאַדאַם“, נישט מיט קיין פּערעל, ווי ביי אונז אַ נגידית, נאָר גלאַט אַזוי אויסגעפּוצט, שען און ציכטיג. נעבען דער „מאַדאַם“ זענען געשטאַנען צוויי מיידלעך, דעם שניידער׳ס טעכטער, שענע, אַזוי ווי גין־גאָלד, מיט שווארצע האָר און מיט שווארצע פייעריגע אויגען.

— גאָט האָט אונז צוגעשיקט איין אורח. — רופט זיך אָן צו זיי דער שניידער מיט אַ גדולה. — איך האָב אייך געבראַכט אַ אידען, איינעם פון אונזערע וויטע־וויטע ברידער, וואָס מע רופט זיי מיט׳ן נאָמען „די רויטע אידלעך“.

— שלום עליכם! — רופען זיך אָן צו מיר אַלע דריי ווייבער און געבען מיר די האַנד, פּונקט אויף דעם שטייגער, ווי ביי אונז מאַנסבילען.

— עליכם שלום, — זאָג איך צו זיי — דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען טרעפט זיך מיר, אַז, איך בעט איבער אייער כבוד, נקבות זאָלען גאָר אָפּגעבען שלום!

דעם שניידער׳ס צוויי טעכטער האָבען צווישען זיך עפּיס אָנגעהויבען צו שמועסען אויף אַ מין מאָדנע שפּראַך, וואָס איך וואָלט געמיינט שווערען, אַז ס׳איז אונזער לשון־קודש; נאָר זיי האָבען גערעדט אַזוי גיך, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען איין וואָרט אפילו.

דער שניידער האָט א וואונק געטהאָן צו דער שניידערין, און די „מאַדאַם" האָט מיך אַריינגעבעטען אין'ם אַנדערען חדר, וואו ס'איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט א טיש מיט כל טוב, און געבעטען מיך, איך זאָל „פאַרנעמען א פּלאַץ".

— האָט קיין פּאַראיבעל נים, — זאָג איך — מיין פּלאַץ וועט מסתמא נישט אַנטלויפען; איך בין א איד, וואָס קאַטאָרי בין געוואָהנט געוואָרען מאַכען קידוש, איך קאָן נישט יוצא זיין מיט אייער שענעם חזן מיט'ן ספּאַדיק, וואָס האָט אָפּגעמאַכט אין שוהל קידוש פאַר אַלע אידען.

— אָך! — מאַכען זיי צו מיר און טראָגען מיר אונטער א שענעם זילבערנעם בעכער מיט א פלאַש וויין און שטעלען זיך אַוועק הערען, ווי איך מאַך קידוש.

אָפּגעמאַכט קידוש, רוף איך מיך אָן צום בעל־הבית:

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? ס'איז א רעכט ביסעל משקה אָט דאָס אָ! איך האָב שוין לאַנג אַזא גלעזעל וויין נים געטרונקען. עס צעגעהט זיך אין אַלע אברים!

— דאָס איז טאָקי אונזער וויין, — רופט זיך אָן צו מיר דער שניידער מיט גדלות.

— וואָס הייסט, —זאָג איך — איהר האַלט א ווינשענק אויך? אויב אַזוי, איז שוין רעכט: אַפּנים, אַז פון שניידערייי אַליין קאָן מען אַזוי נים לעבען?

— ניין, — מאַכען זיי צו מיר מים א פריינדליך שמייכעלע — איהר האָט אונז נים פאַרשטאַנען, וואָס מיר האָבען אייך געזאָגט; אונזער וויין — מיינען מיר א י ד י ש ע ן וויין.

— ס'אַ משל! — זאָג איך. — וואָס דענן, נסך וועט איהר מיר געבען?

— אָך, ניין! ס'איז אונזער אייגענער אידישער וויין פון אונזערע אייגענע אידישע וויינגערטנער, וואָס ביי אונז אין ארץ־ישראל.

— ביי איך — זאָג איך — אין ארץ־ישראל? ארץ־ישראל איז דאָך דערוויל דעם טערק׳ס!

— ארץ־ישראל — רופט זיך אָן צו מיר דער שניידער מיט ברען־ענדיגע אויגען — ארץ־ישראל איז אונזערס; ארץ־ישראל איז געווען אונזערס און עס וועט זיין אונזערס!

— אָמן הלואי! — מאַך איך צו איהם. — ביי אונז זאָגען מיר אויך אַלע מאָל לשנה הבאה בירושלים. נאָר לאָז פריהער קומען משיח, וועלען מיר אַלע, אם ירצה השם, געהן קיין ארץ־ישראל. דערוויל האָט נאָך דאַרמען דער טערק צו שאַפען, און מיר זענען נאָך אַלץ די אייגענע שלעפּערס, דרעהען זיך ארום פון שמוני׳ן צו בוני׳ן און זוכען דעם נעכטיגען טאָג...

איך האָב געזעהן, אַז דער שניידער וויל מיר עפּיס אָפּענטפער־ען; נאָר די שניידערין האָט איהם אָפּגעהאַלטען און האָט אַ זאָג געטהאָן צו איהם מיט אַ שמייכעלע:

— דעם שמועס לאָז איבער אויף נאָך וועטשערע; לאָז דער אורח זיך געהן וואַשען, ער קעהר אודאי וועלען עסען.

„נישט קיין נאַרישע אידינע, — קלעהר איך מיר — חאָטש אַ שניידער׳ס אַ ווייב!“

— לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר, ווי איהר זענט גערעכט! — זאָג איך צו איהר. — קיין טאַנץ, זאָגט מען, געהט ניט פאר׳ן עסען...

גאַנץ פיין געוואַשען זיך, זעצען מיר זיך צום טיש. מיך בע־זעצען איז איהם אויסגעקומען פונקט נעבען זיין ווייב. שניידער בלייבט שניידער... ס׳איז מיר אויסגעקומען אביסעל פריקרע, אי־בער דער טבע, נאָר דאָס פריינדשאַפט פון די בעלי־בתים צו מיר איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבען צו פיהלען דאָ גאַנץ היימיש. איין זאַך האָט מיר נאָר אויסגעוויזען אביסעל ווילד — דאָס, וואָס דעם שניידער׳ס טעכטער רעדען צווישען זיך אויף זייער

שפּראַך, וואָס איז שטאַרק פּ אַ ח אָ נ ש ע אויף אונזער לשון־קודש.

— האָט קיין פּאַראיבעל נים, — רוף איך מיך אָן צו מיינע בעלי־בתים — וואָס איך וועל אייך פרעגן; ווער עס פרעגט, דער בלאָנזעט נים: אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדען דאָס אייערע מיידלעך?

— אויף א ו נ ז ע ר שפּראַך, אויף העברעאיש, — זאָגען זיי צו מיר. — איהר פאַרשטעהט דען ניט קיין לשון־קודש?

— צי איך פאַרשטעה, — זאָג איך — איז קיין חדוש ניט; איך פאַרשטעה איינינע ווערטער; אַ חדוש איז נאָר, וואָס ז י י פאַרשטעהען! ווי קומט דאָס, וואָס מיידלעך רעדען ביי אייך אויף לשון־קודש?

— וואָס הייסט, וואָס איז דאָס חדוש? — רופען זיך אָן די מיידלעך. — העברעאיש איז דאָך א ו נ ז ע ר שפּראַך! מע האָט אונז געלערענט אין חדר אַלע אַנדערע שפּראַכען און העברעאיש פריהער פון אַלסדינג.

— וואָס איז שייך, — זאָג איך — מיידלעך לערנען ביי אייך אין חדר? עפּיס הער איך פון אייך אַלע מאָל, איך בעט איבער אייער כבוד, ווילדע זאַכען. און וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר חדרים אַזעלכע, וואָס מע לערענט דאָרט שפּראַכען נאָר, לשונות?

— סע רעדט זיך אַנוי חדרים! — מאַכט דער שניידער. — דאָס זענען, אייגענטליך, אונזערע אידישע שקאָלעס, אידישע גימנאַזיעס, סעמינאַריעס.

— אידישע גימנאַזיעס? סעמינאַריעס? — זאָג איך. — איהר מאַכט פון מיר חוזק. גלאַט ס'איז אַ קונץ, איהר האָט דערטאַפּט אַ אידען און פיהרט איהם אין באָד אריין.

— חס ושלום! — מאַכען זיי צו מיר. — וואָס הייסט, מיר ווע־לען לאַכען פון אַ פרעמדען מענשען? אַט וועט איהר זעהן, אַם

דישע גימנאַזיעס מיט אונזערע אידישע גערטנער, מיט אונזער'ע אי־דישע גמילות־חסדים־הייזער, מיט אונזער אידישער באַנק, מיט אונ־זער...

— אַ אידישע באַנק? — זאָג איך און שפּרינג אונטער אויפ'ן בענקעל. — טאַקי אַ באַנק, וואָס מע נעמט דאַרטען געלט? איז דאָך עס טאַקי, אַפּנים, איין אמת, וואָס מע זאָגט, אַז עס וואַלגערט זיך דאָ ביי אייך גאָלד אין די גאַסען?

— אין די גאַסען? — זאָגען זיי צו מיר. — ניין! קיין גאָלד וואַלגערט זיך נישט ביי אונז אין די גאַסען; נאָר געלויבט איז גאָט, מיר האָבען אַלסדינג, וואָס מיר באַדאַרפען...

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, — זאָג איך — וואָס איך שלאָג אייך איבער אין מיטען די רעד. דער שמש פון דער שוהל האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זענט אַ... אַ... בעל־מלאכה.

— אַ שניידער, — מאַכט ער צו מיר און גלעט זיך ביי דער באָרד מיט גרויס גדלות — איך בין אַ שניידער, מיין פאָטער איז געווען אַ שניידער און אַלע מיינע ברידער זענען געווען שניידערס. אונזער אַרבייט האָט אַ שם.

— און פּרנסה — זאָג איך — האָט איהר, ווי איך פאַרשטעה, דוקא נישקשהדיג?

— גאָט צו דאַנקען, — זאָגט ער — חוץ דאָס הויז, האָב איך נאָך צוויי הייזער.

— אייגענע?

— וואָס דען, פּרעמדע?

— ריינע? נישט קיין פאַרזעצטע?

— אודאי. ווי דענן אַנדערש?

— נו, און איהר אַרבייט נאָך היינט אויך מיט דער נאָדעל?

— אוּדאי. איך האָב געאַרבייט, איך אַרבייט און וועל אַר־בייטען.

— אויב אַזוי, — זאָג איך — פאַרשטעה איך אייך ניט, וואָס

איהר זענט פאר מענטשען; האבען הייזער איינענע, נישט קיין פארזעצטע, און זיצען שטשאבען מיט דער נאדעל, — דאס קומט שוין אוים ביי מיר, האט קיין פאראיבעל ניט, פריש און געזונט און משוגע! נאך איין זאך האב איך אייך געוואלט פרעגען: ווי קומט דאס, וואס איך זעה נישט ביי אייך קיין דיענסט? אין אייער גראד, קיין עין הרע, זאל מען נישט האלטען האטש איין דיענסט אין שטוב?

— אונזערע דיענסטען — רופט זיך אן צו מיר די שניידערין — זענען שבת און יום־טוב פריי, אזוי ווי ביי אונז אין דער תורה שטעהט געשריבען...

— אין דער תורה? — זאג איך. — ס'איז מיר א חדוש, וואס איהר ווייסט די תורה בעסער ווי איך; איך בין, דאכט זיך, מעביר די סדרה אלע פרייטאג, און איך געדענק עפים נישט אין דער תורה, אז דיענסטען זאל מען גאר לאזען אויף שבת פריי?

— וואס רעדט איהר? — מאכט צו מיר איינע פון איהרע טעכטער און טראגט מיר צו א תנ"ך'על און ווייזט מיר אן אויף א פסוק אין דער סדרה „ואתחנן", וואו עס רעדט זיך וועגען שבת: „...למען ינוח — בכדי עס זאל רוהען, עבדך — דיין קנעכט, ואמתך — און דיין דיענסט, כמוך — אזוי ווי דו"...

— סא משל! — זאג איך. — מע זאל וועלען מקיים זיין אלס־דינג, וואס אין דער תורה שטעהט! איך פארשטעה ניט איין זאך: ווייבאלד אז איהר לאזט די דיענסטען פריי, ווער זשע דערלאנגט אייך צום טיש?

— די קינדער, — מאכט צו מיר די שניידערין — מיינע קינדער זענען אזוי ערצויגען, אז זיי טהוען אלסדינג; זיי קאנען קאכען און באקען און וואשען און פרעסען. איהר זעהט אט די קווי־לעטשען? דאס איז מיין עלטערער טאכטער'ס ארבייט.

— אז אייער טאכטער — זאג איך — איז יא אזא געראטענע,

קומט דאָך איהר א חתן א רעכטען; אפשר וואָלט איך איהר גע־רעדט א שדוך פון אונזערע מקומות?

— אָ? — רופט זיך אָן צו מיר דאָס עלטערע מיידעל מיט א געלעכטער. — איך דאַנק אייך זעהר, איך בין שוין א כלה.

— האָסט דו עפּיס אַ פיינעם חתן? — מאַך איך צו איהר.

— אָ! — רופט זי זיך אָן, ווערד רויט ווי פייער און טראָגט מיר צו א „מעדאַליאָן" מיט א „פּאָטרעט" פון עפּיס א פאַרשוין מיט „פּאַליעטען".

— וואָס איז דאָס — זאָג איך — פאַר א „ידנעראַל"?

-- דאָס איז א אינזשעניער פון ארץ־ישראל, — מאַכט צו מיר דער שניידער מיט גרויס גדלות, — ער דינט דאָרט ביי דער באַהן, וואָס מיר בויען ביי אונז אין ארץ־ישראל.

— וואָס פאַר א מחותן — זאָג איך — זענט איהר מיט ארץ־ישראל? און ווי קומט איהר אַהין?

— מיר פאָהרען אַהין — זאָגט ער — אַלע זומער. דאָרט איז פּאַרהאַן...

— איך וויים — זאָג איך — וואָס דאָרט איז פאַרהאַן. איך וויים! דאָרטען איז פאַרהאַן די פאַרוויינטע וואַנד („כותל מערבי"), דער „מוטער רחל'ס קבר", די „מערת־המכפלה"; ציעגען, זאָגט מען, עסען דאָרטען באָקסערען און אַלטע אידען פאָהרען אַהינצו שטאַר־בען...

— עהע־הע! — רופט זיך אָן דער שניידער מיט א געלעכ־טער, און אַלע קוקען אויף מיר און לאַכען. — עס זעהט אויס, אַז איהר קומט טאַקי צו פאָהרען פון הינטער די הרי־חושך; איהר וויימט גאָר ניט, וואָס אין ארץ־ישראל טהוט זיך. דאָס איז אַלץ געווען אַ מ אָ ל, אַ מ אָ ל!...

— וואָס הייסט אַמאָל? — זאָג איך. — נו, און היינט?

— היינט — זאָגט ער — האָבען מיר שוין דאָרטען, ברוך השם, אונזערע עטליכע הונדערט קאָלאָניעס, גאַנצע דערפער אייגע־

נע, וויינגערטנער און וויינקעהלערס, אלערליי געשעפטען, פאברי־קעס, שיפען און באהנען אייגענע...

— טע־טע־טע! — רוף איך מיך אן צו איהם. — איהר הויבט שוין אן, מיין ליעבער שניידער, דאכט מיר, פארקריכען אין „אלף השׁשׁי" אריין; איך האב מורא, אז אט נאך אביסעל, וואכסט אויס ביי אייך א פאפיערענע בריק... לאז מען בעסער געבען אביסעל „מים־אחרונים־וואסער", וועלען מיר בענטשען. איך וועל אייך זאגען דעם אמת, עס דרעהט זיך מיר אזוי דער קאפ פון אייערע מעשיות, אז איך מוז מיך געהן צולעגען...

נאכ'ן בענטשען האט מען מיך אריינגעפיהרט אין א באזונדער ציכטיג חדר, וואו ס'איז שוין געוועזן צוגעגרייט פון מיינעטוועגען א נאכטלעגער מיט אלע שאלעמויזען.

אזוי ווי איך האב מיך אריינגעלעגט אין בעטעל אריין, אזוי בין איך אנשלאפען געווארען, און עס האט זיך מיר געפלאנטעט א גאנצע נאכט משוגעים, ארץ־ישראל־אידען מיט טערקישע שאלען, מיט מיידלעך, וואס געהען אין „צעלענדערס" און רעדען לשון־קודש, און איך אליין בין גאר א מין „ידנעראל" מיט „פאליעטען", און איך פיהר די רויטע אידלעך אויף א פאפיערענע בריק... איך לויף, און די רויטע אידלעך לויפען מיר נאך... פלוצים פיהל איך, ווי די בריק ברעכט זיך... אט־אט פאלען מיר, חס ושלום, אלע אריין אין ים אריין... איך שריי „שמע ישראל" און... חאפ מיך אויף — אהא, גרויסער טאג, ס'איז שוין צייט אין שוהל אריין...

דאָס פיערטע קאַפּיטעל.

(ער האַפּט זיך אויף פונ'ם שלאָף. — אַ שוואַרצער בחור. — שבת־דיגער טיי. — ער רעדט צו דער וואַנט. — זיי געהען אין שוהל אַריין. — אַלע מאָל נייע חדושים.)

— וואו בין איך?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס עס איז מיר געקומען אויף דער מחשבה. איך האָב מיך אויפגעחאַפּט פונ'ם שלאָף און האָב מיך אָנגעהויבען ארומקוקען, וואו בין איך אין דער וועלט? דאָס ליכטיגקייט, דאָס ריינקייט, דאָס ציכטיגקייט, וואָס ביי זיי איז! איהר זאָלט געבען אַ רענדעל פאַר אַ וואַנץ... וואו גיסט מען דאָ אָפּ נעגעלוואַסער?

איך טהו אַ קוק נעבען מיין בעטעל — שטעהט אַ וואַש־קאַסטען אַ ווייסער, אַ שפּיעגעלדיגער, מיט אַ קראַן; איך טהו אַ ריהר דעם קראַן — ברענגען זאָלען זיי אויפ'ן פייער! — סע שפּריצט מיט וואַסער פון אַלע זייטען, אַ גאַנצע באָד!... פּלוצים הער איך, עמי־צער קלאַפּט מיר פון יענער זייט טהיר.

— ווער איז דאָרטען? ווער קלאַפּט?

— טראַך־טאַרעראַך!

— מיט'ן קאָפּ אין וואַנט! — זאָג איך און עפען אויף די טהיר — עס שטעהט עפּיס אַ גרויסער שוואַרצער בחור'עץ, אָנגעטהאָן שבת'דיג, און גיט מיר אָפּ שלום־עליכם און פרעגט מיך:

— ווי אזוי זענט איהר געשלאָפען?

— וועמענס עסק איז דאָס? — זאָג איך. — ווער זענט איהר?

— איך בין דאָ — זאָגט ער — איין ארבייטער ביי'ם הערר שניידער. ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל אייך אויפוואַרטען דאָ

ביז איהר וועט אויפשטעהן פונ׳ם שלאָף און געהן מיט אייך אין שוהל אריין, אויב איהר האָט חשק געהן דאַווענען.

— אַזוי? — זאָג איך. — ביזט דו, הייסט דאָס, איין ארבייטער־יונג בײ׳ם שניידער? זאָג זשע מיר, איך בעט דיך, וואָס איז מיט דיר אַזוי די גדולה, וואָס דו האָסט זיך אַזוי אויסגעסטראָצעלט, אויסגעפּוצט?

— פאַר וואָס ניט? וואָס האָב איך, זאָגט ער, צו זאָרגען? הענט, ברוך השם, האָב איך, מיין באַדערפעניש פאַרדיען איך מיר, קיין ווייב און קינדער האָב איך ניט, נאָר איין אַלטען בלינדען טאַטען, וואָס זיצט ביי מיר...

— סע פאַרשטעהט זיך, — זאָג איך — ביזט גערעכט, הולי קבצן! וויפיעל נעמסט דו אַ וואָך ביי׳ם שניידער, ניט אום שבת דערמאָנענדיג?

— אַ פיפציגער, — מאַכט ער — און אַ חוץ האָב איך אַ קליינעם חלק אין געשעפט.

— וואָס? וואָס בעלעבעטשעסט דו? — מאַך איך צו איהם.— איך פרעג דיך, וויפיעל נעמסט דו אַ וואָך?

— איך זאָג דאָך אייך אַ פיפציגער, אַ חוץ פּריצענט אין געשעפט.

ווער עס האָט ניט געזעהען אין יענער מינוט אונז ביידען שטעהן איינס אַקעגען אַנדערען, דער האָט קיין שענס ניט געזעהען.

— פופציג קאַרבען אַ וואָך? — זאָג איך. — וועה איז מיר! ביי אונז אַזאַ בחור׳על ווי דו, אַז גאָט העלפט איהם, ער פאַרדיענט דריי קאַרבען אַ וואָך, הויבט מען איהם שוין אָן צו רעדען כלות. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, עס הויבט מיר שוין אָן באַנג צו טהון, וואָס מיין טאַטע האָט מיך נישט געלערענט שניידעריי.

— וואָס דען איז אייער מלאכה? — מאַכט ער צו מיר.

— מיין מלאכה? — זאָג איך. — מיין טאַטע איז ניט געווען

קיין בעל־מלאכה. א י ך בין נישט קיין בעל־מלאכה און מיינע ק י נ ד ע ר וועלען נים זיין קיין בעלי־מלאכות, אם ירצה השם, מיט גאָט׳ס הילף.

— וואָס־זשע דען זענט איהר?

— וואָס־זשע דען בין איך? אַ איד בין איך.

— איך מיין — זאָגט ער — וואָס איז אייער טהועכץ? מיט וואָס באשעפטיגט איהר זיך? פון וואָס לעבט איהר?

— פון וואָס איך לעב? — זאָג איך. — פון וואָס גאָט גיט, פונ׳ם ווינט לעבט מען.

— וואָס הייסט — זאָגט ער — פונ׳ם ווינט?

— אָט דאָס הייסט! — זאָג איך. — מע דרעהט זיך ארום מיט׳ן שטעקעל אין מארק, טאָמער וועט גאָט צושיקען דאָס, יענס, לאָקש, בוידעם, ציבעלעס — גאָט פיהרט אויס...

— און טהון, הייסט דאָס, טהוט איהר גאָר נישט?

— וואָס הייסט — זאָג איך — גאָר נישט? מע טהוט אַלס־דינג, וואָס מע קאָן.

— וואָס־זשע קאָנט איהר?

— אָט וועל איך דיר באַלד — זאָג איך — געהן דערצעהלען וואָס איך קאָן... זאָג מיר בעסער, נשמה מיינע, וואָס טהוסט דו, נים אום שבת דערמאָנענדיג, מיט אַזוי פיעל געלט, וואָס דו פאַר־דיענסט, און פאַר וואָס האָסט דו נים חתונה?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, — מאַכט ער — אַז איך האַלט ביי זיך איין אַלטען טאַטען אַ בלינדען...

— מילא איז וואָס? — זאָג איך. — איז שוין עק־וועלט? בכן, טאָר מע נים חתונה האָבען?

— „כבוד־אָב“! — מאַכט ער צו מיר און שטשירעט די צייהן. — „כבוד־אָב“ איז נישט קיין קליינינגקייט. מיין אַלטער, זאָל מאריך ימים זיין, לעבט זיך אָפּ ביי מיר אויף דער עלטער, ווי

א גראַף; גאַנצע טעג ליגט ער ביי מיר אין גאָרטען און אַרבייט בעסער פון אַ זעהענדיגען.

— ווי קומט צו דיר -- זאָג איך — אַ גאָרטען?

— איך האָב — זאָגט ער — אַ שטוב מיט אַ גאָרטען. דאָס האָב איך בירושה טאַקי פון מיין אַלטען.

— אויב אַזוי, — זאָג איך — מעגסט דו איהם טאַקי אָפּגעבען כבוד; ער האָט דאָס ביי דיר עהרליך פאַרדיענט. איך וואָלט אַ בעלן געוועזען ביי דיר מאָרגען, אם ירצה השם, אָנקוקען דיין שטוב און זעהען, ווי דיין טאַטע בעאַרבייט בלינדערהייד דיין גאָרטען.

— איך בעט אייך טאַקי, — מאַכט ער צו מיר — עס וועט זיין ביי מיר דער גרעסטער כבוד, און מיין אַלטער וועט זיך מחיה זיין.

— וואָס איז ער געוועזען, דער טאַטע דיינער? — זאָג איך צו איהם. — אויך אַ שניידער?

— ניין, — מאַכט ער — מיין אַלטער איז געוועזען כל ימיו אַ גערטנער.

— אַ גערטנער?

— אַ גערטנער.

— וואָס איז דאָס — זאָג איך — פאַר אַ פּרנסה?

— דאָס איז אַ מלאכה, — זאָגט ער — ווי אַלע מלאכות. מיין אַלטער איז דערויף אַ גרויסער ספּעציאַליסט: זעען, זעצען, פלאַנצען בוימער — דערויף איז ער איין בריה. ער האָט אָפּגעהאָרעוועט אַלע זיינע יאָהרען, צענויפגעשלאָגען אַ שטיקעל קאַפּיטאַל, און אויף דער עלטער האָט ער געקויפט אַ שטוב מיט אַ שטיקעל ערד און האָט בעאַרבייט און פאַרפלאַנצט אַ גאָרטען. ער האָט אַזוי ליעב די דאָזיגע אַרבייט, אַז אפילו איצט, בלינדערהייד, טרעט ער נישט אַרויס פון׳ם גאָרטען. ער איז קלאָר אין יעדען בוימעלע, ער ווייסט איטליכס צווייגעלע, איהם איז באַקאַנט יעדעס גרעזעלע — אַ קלייניגקייט, אַ מענטש האָט פאַרבראַכט דאָס גאַנצע לעבען אַרום

גרינוואַרג, צווישען בוימער און צווישען בלומען! ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אויף דער עלטער אַוועקפאָהרען אַהין, קיין ארץ־ישראל, איז ער, ניט פאַר אייך גערעכט, געפאַלען אויף די אויגען...

„נאַ דיר אַזאַ מין השגה! — טראַכט איך מיר. — אַ איד זאָל גאַר ליעב האָבען גרינוואַרג, בוימער און בלומען!... און אַ פּראָסטער איד אַ גערטנער האָט חשק אויף דער עלטער פאָהרען קיין ארץ־ישראל!"....

— וואָס ווילט איהר טרינקען, — מאַכט ער צו מיר — פרישע טיי, קאַווע אָדער אַ שאָל שאָקאָלאַדע?

— אַ דאַנק, — זאָג איך — איך בין דיר מוחל די פרישע טיי מיט דער קאַווע און מיט'ן שאָקאָלאַד; שבת טרינק איך טיי פונ'ם אויפ'ן־אויבען, און ביי אייך איז דאָך מסתמא אַ זודיגער סאַמאָוואַר לכבוד שבת?

— חס וחלילה! — זאָגט ער. — ביי אונז איז אין דער־וואָכען אויך נישטאָ קיין סאַמאָוואַר.

— וואו זשע נעמט איהר זודיג וואַסער?

— פונ'ם קראַן.

— פון וואָסער קראַן?

— פון דער וואַנט.

— פון וואָסער וואַנט?

— קומט, — זאָגט ער — וועל איך אייך ווייזען.

און ער פיהרט מיך אַריין אין קעך אַריין (ריין, ציכטיג, זויבער, האָטש שפּיעגעל זיך!) און מאַכט צו מיר:

— זעהט איהר אָט דעם קראַן? דאָס איז אַ קראַן פון קאַלט וואַסער, און דער אַנדערער קראַן גיט אונז היים וואַסער, אַלע מאָל וויפיעל איהר ווילט.

— און דער דריטער קראַן — זאָג איך — וואָס איז פאַר אַ קראַן?

— דער דריטער קראַן — זאָגט ער — איז אַ קראַן פון עלעק־טריע.

— וואָס איז דאָס — זאָג איך — פאַר אַ שלאַק?

— דאָס גיט פייער, ליכטיגקייט. — מאַכט ער צו מיר און וויל אַ דרעה טהון עפּיס אַ שרייפעל.

— אום שבת? — זאָג איך. — אום שבת ווילסט דו זיך שפּיע־לען מיט פייער? קום שוין בעסער אין שוהל אַריין! עס קעהר שוין זיין גוט שפּעט.

— אַט וועל איך אייך באַלד זאָגען, וואו מע האַלט. — מאַכט ער צו מיר און געהט־צו צו דער וואַנט און טהוט אַ דרעה אַ רעדעל: טררררר! — און טראָגט־צו צום אויהער עפּיס אַ טרייבעל און רעדט צו דער וואַנט: „נומער צוויי און צוואַנציג טויזענד אכטהונדערט זעכס און זעכציג!... די שוהל?... איך בעט דעם שמש אויף אַ מינוט!... דער שמש?... זייט אַזוי גוט, וואו האַלט מען ביי אייך?... הא?... אַ דאַנק“...

איך שטעה און קוק איהם אָן, ווי אַ משוגע'נעם.

— שוין באַלד אויסנעמעניש, — מאַכט ער צו מיר — קומט!

— פון וואַנען ווייסט דו? — זאָג איך. — האָסט געהאַט אַ ידיעה פון דער וואַנט?

— איך האָב געפרעגט דעם שמש.

— וואו האָסט דו דאָ אַ שמש?

— איך האָב גערעדט מיט'ן שמש דורכ'ן טעלעפאָן.

— טעלעפאָן? — זאָג איך. — וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר?

— טעלעפאָן — מאַכט ער צו מיר — ווייסט איהר נישט? טעלעפאָן — דאָס איז דאָך דער טעלעפאָן, וואָס מע רעדט אויף איהם!

— וואָס הייסט — זאָג איך — מע רעדט אויף איהם? ווי אַזוי רעדט מען דאָס אויף איהם?

— ווי אזוי רעדט מען? — זאָגט ער. — אָט וועל איך אייך געבען צו פאַרשטעהן. איך טהו אַ דרעה אָט־דאָ מיט'ן רעדע־לע, דערהערט מען דאָרט, געהט יענער און דרעהט דאָרטען, דער־הער איך דאָ, הויבט מען אָן רעדען; און אז מיר רעדען אָפּ, טהו א י ך אַ דרעה, נאָכדעם טהוט ע ר אַ דרעה — און איין עק.

— טפו זאָלסט דו ווערען! — מאַך איך צו איהם. — האָסט דו געזעהן אַ שניידערוק גיט צו פאַרשטעהן! דרעה איך, דרעהסט דו, דרעהט יענער... איך וויל וויסען דעם שכל, וואָס דאָ שטעקט!

— דעם שכל — מאַכט ער צו מיר — פונ'ם טעלעגראַף ווייסט איהר?

— סאַ משל! — זאָג איך. — דער טעלעגראַף איז עפּיס אַנ־דערש! דעם טעלעגראַף פאַרשטעהט אַ מינדסט קינד! טעלעגראַף איז פאַרהאַן אומעדום! אַ טייערע מציאה!

— פונקט דאָס אייגענע — מאַכט ער — איז דער טעלעפאָן: דאָרט איז מיט אַ דראָט און דאָ איז מיט אַ דראָט. דער חלוק איז נאָר, וואָס דאָרטען קלאַפּט מען און דאָ רעדט מען.

— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך. — און איך האָב געמיינט מי יודע וואָס! קום, לאָמיר געהן אין שוהל אריין.

געהענדיג מיט מיין בחור'ע אין שוהל אריין, האָב איך ערשט דערזעהן די שטאָדט, ווי שען זי איז, די געפּלאַסטערטע גאסען, ווי ריין זיי זענען, און די הויכע ווייסע ליכטיגע מויערען מיט די גרי־נע בוימער, וואָס ארום זיי. איך האָב מיר קיין מאָל גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלען אזא מין ריינקייט, אזא ליכטיגקייט. „הלואי וואָלט געוועזן ביי אונז אינוועניג חאָטש האלב, ווי ביי זיי אין דרויסען!“ — אזוי האָב איך מיר געקלעהרט. — „נאָר וואו איז דאָ זייער גאָלד און זילבער, וואָס מע זאָגט, אז עס וואַלגערט זיך דאָ אין די גאסען?“

— וואָס זוכט איהר? — מאַכט צו מיר דער בחור.

— דעם נעכטיגען טאָג, — זאָג איך.

— פארפאלען, — מאכט ער צו מיר — איהר וועט איהם שוין אייביג ניט געפינען!

— א דאנק דיר — זאג איך — פאר דער עצה; איך האב גאר נישט געוואוסט, אז דו ביזט נאך א חקרן אויך צו די צרות.

— פון א חקרן בין איך — זאגט ער — נאך ווייט, נאר עפיס אין די קליינע אותיות פארשטעה איך אביסעל.

— האסט געלערענט — זאג איך — אין חדר אמאל?

— איך לערען היינט אויך.

— וואס הייסט, דו לערענסט היינט אויך? ביזט דאך — זאג איך — איין ארבייטער, ווען האסט דו צייט לערנען?

— פארנאכט, — מאכט ער צו מיר — אלע פארנאכט קלויבען מיר זיך צענויף, בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות, גערטנער, אלע אידי־שע ארבייטער אין שוהל אריין און דארטען לערענט מען מיט אונז לייענען און שרייבען און רעכענען און גימנאסטיק.

— גימנאסטיקע? — זאג איך. — וואס איז דאס פאר א שלאק?

— גימנאסטיקע — זאגט ער — הייסט לויפען, שפרינגען, טאנצען, ברעכען זיך, קלעטערען. דאס לערענט מען ביי אונז פון קינדרווייז אויף אין אלע אידישע חדרים.

— פארמאלנע משוגעים! — זאג איך. — טאנצען, שפרינגען, דראפען זיך אויף די גלייכע ווענט? איהר ווייסט וואס אייך פעהלט נאך? — מאך איך צו איהם.

— וואס? — פרעגט ער מיך.

— געהן — זאג איך — מיט'ן קאפ אראפ, מיט די פיס ארויף!...

דאס פינפטע קאפיטעל.

(דעם רב'ס דרשה. — אקאדעמיעס אין ארץ־ישראל. — מע שמועסט וועגן די רויטע אידלעך. — יקום פורקן מיט איין ארגעל. — א אי־דישער מי־שברך. — א נייער משוגע'נער.)

געקומען אין שוהל אריין זענען מיר שוין נאך קריאת־התורה. אויבען, אויף דער בימה, איז געשטאנען דער שענער רב זייערער מיט'ן ווייסען קאלנער און מיט'ן פיערעקעכיגען ספאדיקעל און האט געהאלטען א דרשה. דער עולם איז געזעסען אויף די ערטער, אלע מיט הויכע שווארצע „צעלענדערס" אויף די קעפ און מיט ווייסע שארפעלעך אויפ'ן האלז. פונקט אזא מין טראגט מיר אונטער דער שמש מיט'ן מגן־דוד.

— וואס איז דאס פאר א פעטשיילע? — פרעג איך איהם.

— ס'איז א טלית, — מאכט ער צו מיר גאנץ ערנסט.

— א שענער טלית! — זאג איך. — עפים אויף געלעכטער, אפנים, א מין קינדערשפיעל!...

„וואס קאן ער זיי דא דרש'ענען? — טראכט איך מיר. — און וואס פאר א מוסר קאן ער זיי דא זאגען? מע זאל ניט טראגען אום שבת?... צי מע זאל ניט קוקען ארויף, אויף די ווייבער?"...

איך האפ א קוק ארויף אויף דער ווייבערשער שוהל — טא־טעניו! אנגעשטויסען מיט ווייבער! און וואסערע ווייבער? פריצות! הימעלעך און פעדערען, דימענטען און בריליאנטען!...

איך הער מיך איין אין דעם „רבינ'ס" דרשה, טאמער וועל איך קאנען חאפען עפים א גוט ווארט, הערען ווי ער טייטשט א פסוק, ווי ער זאגט א פשט'על א שענס, אדער א משל א גוטען, אדער אזוי א גלייך ווארט — ווער? וואס? ווען? ער שטעהט און פלאפעלט גלאט אזוי, אין דער וועלט אריין, און אהן א שום ניגון! ער רעדט פון זיימינע ענינים גאר, וועגען בילדונג, וועגען אידישע אקאדע־

מיעס אין ארץ־ישראל. „ס'איז ווינציג, זאָגט ער, איין אקאַדעמיע; מע באַדאַרף האָבען, זאָגט ער, לכל הפחות, דריי אקאַדעמיעס אין ארץ־ישראל!"...

„אקאַדעמיעס גאָר אין ארץ־ישראל! — טראַכט איך מיר. — זיי ווייסען שוין גאָרניט וואָס אויסצוטראַכטען! א „מושב־זקנים" אין ארץ־ישראל, א „הקדש" — דאָס האָב איך געהערט; אָבער אקאַדעמיעס? — משוגעים!"...

— „אקאַדעמיעס — דרש'עט ווייטער דער רב — זענען פאַר אונז טייערער פון ברויט (סע פאַרשטעהט זיך!). מחמת ברויט, זאָגט ער, איז נאָר א מיטעל צום לעבען; און די תורה, זאָגט ער, איז דאָס לעבען אליין". און ער פאַרפאַראָוועט דאָס מיט א פסוק: „כי עץ חיים היא — וואָרום זי איז איין אָנהאַלט פון לעבען, למחזיקים בה — צו די וואָס האַלטען זיך אָן איהר... תורה! — שרייט ער. — ליכטיגקייט! בילדונג! וויסענשאַפט!"... און לאָ־זען לאָזט ער אויס אזוי: „און לאָז מקוים ווערען די ווערטער: כי מציון תצא תורה"...

איך מיין, אז דאָס איז איין עק פון זיין דרשה, טהו איך דאָך א געשריי: „יקום פורקן מן שמיא!" — אויף א קול, ווי איך בין געוואָהנט געוואָרען ביי אונז; איך זעה, דער גאַנצער עולם דרעהט אויס די קעפּ אין מיין זייט און מע קוקט אויף מיר, ווי אויף א בער... און דער רב, דער מגיד, דרש'עט ווייטער, אלץ פון זייטיגע זאַכען: וועגען דער לאַגע פון אידען בכלל און וועגען אונ־זערע רויטע אידלעך בפרט... און ער הויבט אָן דערצעהלען א מעשה פון „טויזענד איין נאַכט", אז ס'איז פאַרהאַן אויף יענער זייט סמבטיון (דאָס הייסט ביי אונז) א גוזמא אידען, וואָס מע רופט זיי „די רויטע אידלעך" (אניט ווייסט מען ניט!). „זייער צאָהל, זאָגט ער, קאָן מען אקוראַט ניט וויסען; נאָר מע רעכענט פון פינף ביז זיבען מיליאָן, און אפשר טאַקי אלע אכט (זאָלן איהם אין די אויגען! שטיינער איהם אין האַרצען! ער זאָל חאַטש זאָגען:

„קיין עין הרע“...), מחמת זיי פּרוכפּערען זיך און מעהרען זיך זעהר געשמאַק (כן ירבו וכן יפרצו!)... נאָר זייער לעבען, זאָגט ער, איז נעבאָך קיין לעבען ניט, ס׳איז אַ גאָט׳ס רחמנות אויף זיי, זיי געהען אויס פון הונגער, זיי ווערען דערוואָרגען אין איינגעשאַפּט, זיי געהען צו גרונד!“... ער צעלעגט דאָס אויף טעלער, מאָהלט אויס נאָך צעהן מאָל אַזוי, ווי דאָס איז, און דער גאַנצער עולם קוקט איהם גלייך אין די צייהן אריין; אַלע מאָל לאָזט זיך הער־רען אַ זיפץ און אַ קרעכץ; און פון אויבען, ביי די ווייבער, זעה איך, מע טראָגט ווייסע טיכלעך צו די אויגען, מע זאָל מיינען, אַז זיי וויינען...

„וואָס פאַר גוטע מענטשען איהר זייט! — קלעהר איך מיר. — איהר זיפצט און קרעכצט אויף אונזערע צרות? וואָס טויג מיר אייער זיפצען מיט אייער קרעכצען? טרערען? וואָס דאַרפען מיר איי־ערע טרערען? אַז איהר געהט שוין יאָ אריין אין אונזער לאַגע, העלפט־זשע אונז מיט עפּיס אַנדערש! איהר נעמט, לעגט זיך צענויף און שיקט אונז אריין עטליכע קער...“

דאָ דערמאָן איך מיך, אַז ס׳איז שבת, און שבת טאָר מען ניט קלעהרען פון קיין געלט־זאַכען... איך הער מיך צו, וואָס וועט ער דאָ אויספיהרען און מיט וואָס פאַר אַ פּסוק וועט ער אויסלאָזען די שענע דרשה זיינע?

— „אויף אונז ליגט אַ חוב, זאָגט ער, ארויסרייסען אונזערע אָרעמע אומגליקליכע ברידער פון יענע אומגליקליכע לענדער, און באַזעצען זיי אויף דער ערד פון אונזער הייליג לאַנד... (אַ? גוער בעט זיי? וואָס האָבען זיי זיך צוגעטשעפּעט צום הייליגען לאַנד? העלפט אונז בעסער דאָ ביי אונז, אויפ׳ן אָרט! אַ ווייטע הילף, זאָגט מען, איז אַ נאָהענטער טויט... וואַרט אויף פרייטאָג, וועסט דו עסען אַ קוילעטשעל...) שוין צוויי טויזענד יאָהר, זאָגט ער, אַז זיי וואַרטען אויף אונז און בעטען זיך ביי אונז (עס הויבט זיך גאָר־ניט אָן!), אַז מיר זאָלען זיי אויסלייזען פון׳ם לאַנגען,

פינסטערען ביטערען גלות". (ובזכות זה, זאָג איך, ובא לציון גואל.)
„אמן!" — לאָזט אוים דער רב די שענע דרשה זיינע, און פון אױ־בען טהוט אַ זעץ אַראָפּ אַ געזאַנג פון אַ גאַנצער קאַפּעליע זינגער־לעך: „אָ־אָ־אָמן!"

איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך הער אַ קול פון אַ פּיעדעל, פון אַ פלייט און פון אַ טרומייט און פון אַ קאָנטערבאַס.

— עס שפּיעלען ביי אייך כלי־זמר אום שבת? — טהו איך אַ פרעג שטילערהייד דעם שמש.

— ס'איז נישט קיין כלי־זמר, — זאָגט דער שמש — ס'איז אונ־זער אָרגאַן.

— איין אָרגאַן! — זאָג איך. — וואָס איז דאָס פאַר איין אינ־סטרומענט?

— איין אָרגאַן — זאָגט ער צו מיר — ווייסט איהר ניט? אָט דאָס, וואָס די לויים האָבען געשפּיעלט דערויף אין בית־המקדש.

— הערסט דו, איין „אָרגעל" — זאָג איך — אַזוי זשע רעדט!

„עס האָט געקעהרט זיין אַמאָל שען ביי אונז!—טראַכט,איך.— דער בית־המקדש מיט'ן כהן־גדול... דער אָרגעל האָט געשפּיעלט... די לויים האָבען געזונגען... און אויפ'ן מזבח האָט געברענט אשה — אַ פייער־אָפּפער... און פון די קרבנות האָט זיך געלאָזט הערען ריח־ניחות — אַ געשמאַקער ריח"...

פּלוצים ווערען מיינע געדאַנקען איבערגעריסען אין מיטען: דער שענער חזן מיט דער געגאָלטער מאָרדע טרעט אַרוים און צעלאָזט זיך מיט אַ „מי שברך", און דוקא אויפ'ן אידישען שטייגער, ווי ביי אונז רב הערש־בער, און אַז עס קומט צו די ווערטער: „ופּת לאורחים וצדקה לעניים", צעפּעסטעט ער זיך און צעיאַחמערט זיך, ער נעמט איין אַ מיתה משונה! דעם „יין לקדוש ולהבדלה" שלינגט ער איין, מאַכט אַוועק מיט דער האַנד, און פונ'ם „ופּת לאורחים וצדקה לעניים" מאַכט ער אַ גאַנצען צימעס. ער פאַרקאַטשעט זיך מיט אַ וואָלעכעל, חזר'ט איבער אַ מאָל דרייסיג דעם „ופּת לאורחים":

„לאורחים, לאורחים, לאורחים!" און טאקי נאָך אַמאָל: „ופת לאורחים וצדקה לעניים! וצדקה! וצדקה! וצדקה לעניים! לעניים! לעניים!"... און אַט ביי דעם „לעניים" לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט דער שטימע גאָר־גאָר נידעריג, און שטיל, שטיל, אויף אַ ביי־קול׳כעל, קוים־קוים וואָס מע הערט: „ל־ע־נ־י־י־ם"... און מיט אַמאָל עפּענט ער גאָר אויף אַ געמבע און טהוט אַ געשריי: „וכל מי שעוסקים בצרכי צבור באמונה!" און קוועטשט דעם „באמונה" און מאַכט בשעת מעשה אַ פּרום פּנים, גלייך ווי דער רוח האַפּט איהם אַוועק.

„מיר ווייסען! — טראַכט איך מיר. — מיר ווייסען גאַנץ גוט וואָס הייסט „עוסקים בצרכי צבור", און נאָך „באמונה" דערצו! ביי אונז האָט זיך איינער אַ יענקיל, ער הייסט שוין היינט רב יענקיל, אויסגעבויעט אַ שטוב פון „צרכי צבור" און חתונה געמאַכט קינ־דער דערפון... אַ וואוילע פּרנסה אַט דאָס „צרכי צבור", ווי איך בין אַ איד! דערצו אַז גאָט גיט נאָך אַ שטיקעלע הצלחה!"...

„וישלח ברכה והצלחה!" — לאָזט אויס דער חזן און פאַלט אריין שוין אין זייער משוגענעם נוסח אריין, און די משוררים אוי־בען זינגען, און דער אָרגעל שפּיעלט — שוין געראַווענט מוסף!

„גוואַלד, וואו נעמט מען אַהער אַ פּאָר רויטע אידלעך? — קלעהר איך מיר. — נעהיי־בי וואָלטען זיי זעהען אַלסדינג, וואָס איך זעה! איך ווייס, איך ווייס, אַז מע וועט מיר אין דער היים נישט וועלען גלויבען"...

נאָכדעם האָט מען זיך געשטעלט שמונה־עשרה. שוין שטעהט מען דאָ שמונה־עשרה, אַזאַ יאָהר אויף מיינע שונאים! מילא פון דאַוונען שמועסט מען נישט; קיינער דאַוונעט דאָ נישט אַ וואָרט; מען איז יוצא מיט׳ן חזן׳ס זינגען און מיט׳ן שפּיעלען פון׳ם אָרגעל. זיי שטעהען אַלע ווי די טאָקען. עמיצער זאָל זיך דאָס געבען אפילו אַ שאָקעל. גאָר נישט! אָבער טאַקי גאָלע גאָר נישט — שאַ!... איך האָב מיר געטהאָן מיינס און געשטאַנען שמונה־עשרה, ווי מע

שטעהט ביי אונז... אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, האָב איך אומ־געהרען אָנגעטראָטען איינעם אין אויסגעפּוצטען דייטש, וואָס איז געשטאַנען הינטער מיר, אויף די פּיס; האָט ער זיך געגעבען אַ וואָרף און האָט אָנגעטראָטען נאָך אַ דייטש, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס, און האָט איהם אַראָפּגעוואָרפען דעם צעלענדער, און יענער דייטש — נאָך אַ דייטש, אַזוי אַז ס'איז געוואָרען אַ שטיקעל בהלה אין שוהל, און דער גאַנצער עולם האָט געקוקט אויף מיר, גלייך ווי זיי וואָלטען קיין מאָל קיין מענטשען ניט געזעהען...

— גוט שבת! — רופט זיך אָן צו מיר, ארויסגעהענדיג פון שוהל, מיין בעל־הבית, דער לאַנגער שניידער. — עס טהוט מיר זעהר באַנג, נאָר איך האָב אייך געמוזט אָפּטרעטען מיינעם אַ גוטען ברודער אויף היינטיגס מאָל.

און מיט די דאָזיגע ווערטער גיט ער מיך איבער צו אַ געפּאַקט אידעל מיט אַ שען בייכעל און מיט פּוכקע הענד, ווי פּאַמפּעשקעס.

— שלום־עליכם! — מאַכט צו מיר דאָס געפּאַקטע אידעל און שטופּט מיר אריין אַ פּאַמפּעשקע אין דער האַנד אריין.

— עליכם שלום! — זאָג איך איהם. — מה שמכם?

— יצחק. — מאַכט ער צו מיר און קוקט מיר אין די אויגען אריין מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי איך וואָלט א י ה ם נעמען פאַר איין אורח אויף שבת, ניט ער מ י ך.

— יצחק? — זאָג איך. — יצחק אַליין איז ווינציג; איך וואָלט וועלען וויסען ו ו ע ר זענט איהר, ו ו אָ ס זענט איהר און וואָס איז אייער ט ה ו ע כ ץ?

— איך בין — זאָגט ער — אַ היעגער בעל־הבית, אַ סטאָליר בין איך.

— אַ סטאָליר? — זאָג איך. — אַ בעל־מלאכה, הייסט דאָס?

— אַ בעל־מלאכה! — מאַכט ער מיט אַזאַ מין גרויסקייט, גלייך ווי ער וואָלט זאָגען, אַז ער איז אַ רב, אַ שוחט, אַ בעל־טאַקסע, אָדער אַ פערשריבענער שטאָדט־שתדלן.

— ביי אייך — זאָג איך — איז קיין עין־הרע אַ גערעטעניש אויף בעלי־מלאכות, ווי איך זעה אַרוים.

— און וואָס — זאָגט ער — איז אייער מלאכה?

— מיין מלאכה? — זאָג איך. — איך בין נישט קיין סטאָליר.

— וואָס זשע דען — זאָגט ער — זענט איהר?

— אַ איד — זאָג איך — בין איך.

— איך וויים! — זאָגט ער. — איך מיין, וואָס איז אייער טהועכץ? מיט וואָס פּאַרנעמט איהר זיך?

— מיט וואָס איך פאַרנעם זיך? — זאָג איך צו איהם אויף קאַטאָוועס. — איך שרייב ספרים.

— אזוי? — זאָגט ער און מאַכט מיר אַ „בואי בשלום" און טהוט זיך אַ נייג. — זענט איהר, הייסט דאָס, אַ שרייבער? זעהר אַ פיינע מלאכה! זעהר איין איידעלע אַרבייט! איך האָב אַ בעקאַנטען, טאַקי אַ שטיקעל קרוב מיינער, איז ער אויך אַ שרייבער.

— וואָסער אַ שרייבער — זאָג איך — איז ער? אַ מיידעלשער שרייבער, צי אַ שרייבער, וואָס שרייבט „פּראָשעניעס", יאַבעדעס און מסירות?...

מיין סטאָליר בלאָזט אָן די באַקען און צעלאַכט זיך אַזוי, אַז ער ווערד שיער ניט צעשפּרונגען פאַר געלעכטער.

— ע! — מאַכט ער צו מיר נאָכדעם, אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט. — איהר זענט דאָך טאַקי אַ רעכטער ליץ!

— איהר זענט אַליין — זאָג איך — אַ גוטער ליץ, אַ פאַרשלעפּטע קרענק, אַ מאַרשעלאָק, אַ פּיקהאָליץ, אַ פיפערנאָטער!

דערהערט פון מיר די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך מיין סטאָליר אָנגעחאַפּט מיט ביידע הענד ביי די זייטען. ער האָט אָנגעבלאָזען דאָס פּנים, ווי אַ פּאַחיר, איז געוואָרען רויט, און האָט זיך אָנגעהויבען קאַטשען פאַר געלעכטער — איך האָב נאָר געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פון'ם זינען.

דערזעהען, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און קוק אויף איהם.

ווי אויף א משוגענעם, האָט ער מיט אַמאָל אויפגעהערט לאַכען, אויסגעווישט די אויגען און רופט זיך אָן צו מיר:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט. איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטען... ביי מיר איז א טבע פון לאַכען... אז איך הער, מע לייענט מיר אַמאָל א לעבעריגס, וואָס אויף צו לאַכען, לאַך איך אָהן א שיעור... מיין פרוי לייענט מיר אָפט אַזעלכע ביכלעך, וואָס צום לאַכען... מיין פרוי איז א געבילדעטע פרוי... זי וועט זיך מחיה זיין, אז זי וועט דערהערען, אז איהר זענט א שרייבער, א מחבר הייסט דאָס... מיין פרוי האַלט זעהר־זעהר פון מחברים... ס'איז טאַקי זעהר שען, אז גאָט גיט א טאַלאַנט און מע קאָן זיין א מחבר!...

„וואָס מחבר'ט ער מיר? ! — קלער איך מיר. — איך האָב מיך גוט אריינגעהאַפּט אָט־דאָ, ניטאָ וואָס צו רעדען!... מילא יענער, דער שניידער, איז אפילו א מאָדנער נפש, נאָר פאָרט עפּיס א שטיקעל מענטש; און ער, אָט דער דאָזיגער סטאָליר, איז עפּיס גאָר א חושים! ניין, ער איז טאַקי פשוט א משוגענער, ווי איך בין א איד, א משוגענער!"...

דאָס זעכסטע קאַפּיטעל.

(ביים סטאָליר צו דער סעודת. — אַ גדולה — זיי געהען אין סאַל־דאַטען. — מע רעדט פון משיח׳ן. — ער צערעדט זיך פון פייער און פון וואַסער. — אידישע גאַזעטען און זשורנאַלען. — עונג שבת.)

— דאָס איז מיין פרוי, און דאָס איז דער אורח פון יענער זייט סמבטיון; איך האָב זיי קוים אויסגעבעטען ביי ישראל דעם שניידער.

אַזוי האָט מיך פאָרגעשטעלט דער משוגענער סטאָליר פאַר זיין ווייב, אַ „מאַדאַם“ מיט זעהר שענע אויגען און מיט קיילעכיגע ברעמען. דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז די סטאָלירקע געוואָרען אַזוי פרעהליך, גלייך ווי מע וואָלט איהר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז זי האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס. זי האָט גאָרניט גע־וואוסט, וואו זי זאָל מיך אַנידערזעצען. זי האָט מיך אָפּגעשאָטען מיט ווערטער. זי האָט געוואָלט געוואָהרע ווערען ביי מיר אַלסדינג אין איין כהרף־עין, איך זאָל איהר אויסדערצעהלען, וואָס ביי אונז טהוט זיך: צי ס׳איז אמת, וואָס מע שרייבט ביי זיי אויף אונ־זערע רויטע אידלעך, אַז זיי זענען נאָך גאָר ווילד?

— ווילד? — זאָג איך. — זיי זענען נאָך אַזוי קלוג, ווי אייערע אידען, און אפשר נאָך אַביסעל קליגער. איין חסרון נאָר, וואָס קיין משוגעים זענען ביי אונז ניטאָ.

— וואָס הייסט דאָס? — זאָגט זי. — וואָס מיינט איהר דער־מיט?... איך האָב געלייענט עטליכע באַשרייבונגען וועגען אייערע ברידער, אַז ס׳איז ביי אייך נאָך גאָר פינסטער...

— אַז מע פאַרלעשט דאָס ליכט, — זאָג איך — איז אומעדום פינסטער...

— נשמה מיינע! — רופט זיך אָן דער סטאָליר צו זיין פרוי. — דו ווילסט זיך מיט זיי אויס׳טענה׳ן? האָסט נישט געטראָפען

דעם אָרט. דער איד איז אַ שרייבער, אַ פּאַרפּאַסער ביי די רויטע אידלעך...

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָב איך געמיינט, אַז די סטאָ־לירקע וועט איינגעמען אַ מיתה משונה. זי האָט אויפגעהויבען איהרע ברעמען נאָך העכער, ווי זיי זענען, און האָט מיך אָפּגע־שאָטען מיט נייע שאלות: ווער איך בין, און ווי אַזוי איז מיין אמת'ער נאָמען, און וואָס פאַר ביכער האָב איך געמאַכט...

„וואָס עס האָט זיך מיר געחלומ'ט יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר — זאָל אויסגעהן צום סטאָליר'ס קאָפּ! — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. — נאַ דיר גאָר אַזאַ מין קאָמעדיע! וואָס טהוט מען? געה דערצעהל איהר וואָס פאַר ביכער איך האָב געמאַכט, אַז איך האָב אויף מיין לעבען ניט געזעהען אפילו, ווי אַזוי מע מאַכט אַ בוך?“... אַ גליק, וואָס דער סטאָליר האָט זיך אריינגעמישט סאַמע אין מיטען שמועס.

— נשמה מיינע! אונזער אורח וויל עסען. די ביכער לאָז איבער אויף נאָכדעם, וועסט נאָך צייט האָבען זיך אָנרעדען מיט זיי פון די דאָזיגע זאַכען...

און מיר זענען געגאַנגען צום טיש.

איך האָב שוין אויף מיין לעבען געזעהען שמחות, איך בין שוין אויף מיין לעבען געווען אויף סעודות, אויף חתונות און אויף ברית'ען — אַזאַ סעודה, ווי ביי'ם סטאָליר איז געווען שבת ביי־טאָג, האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזעהען. פון מאכלים און פון וויינען שמועס איך שוין נישט; ס'איז געווען פון כל טוב, טאַקי כיד המלך, עס וואָלט גענוג געווען פאַר נאָך עטליכע אורחים. איך שמועס גלאַט פון דער שמחה אליין, פון דער פרעהליכקייט, וואָס ביי זיי איז. אַ חוץ דעם סטאָליר מיט דער סטאָלירקע און עטליכע קליינע קינ־דער, זענען געזעסען ארום טיש אַ שטיק צעהן יונגלעך, שענע, לוי־טערע, געזונטע „חלאַפּצים“, איינס און איינס, און האָבען מקיים

געוועז דעם פסוק „ויאכלו“, דאָס הייסט, זיי האָבן געלעגט איןביידע באַקען...

— ווער זענען די דאָזיגע קנאַקערס ? — רוף איך מיך אָן צום בעל־הבית תיכף נאָכ׳ן קידוש מאַכען (זייער ארץ־ישראל־וויין האָט אין זיך עפּיס אַ מין כח, אַז לאָז מען אויסטרינקען דאָס ערשטע גלעזעל, אזוי ווערד מען באַלד באַרערעוודיג און מע פיהלט זיך עפּיס „בגלופין“...).

— דאָס זענען מיינע העלפּערס, לערן־יונגלעך. — מאַכט צו מיר דער סטאָליר מיט גדלות.

— גוטע פּיקערס ! — זאָג איך. — עס וואָלט פון זיי געקאָנט זיין רעכטע סאָלדאַטען.

— זיי וועלען נאָך, אם ירצה השם, זיין סאָלדאַטען ! — רופט זיך אָן דער סטאָליר.

— אַ גדולה אויף דער באָבע ! — זאָג איך. — אַ גליק וועט זיי טרעפען !

— איך האָב אָבער מורא, — מאַכט דער סטאָליר גאַנץ ערנסט. — אַז נישט אַלע וועלען קאָנען דיענען.

— איהר האָט מורא ? — זאָג איך. — לייענט אָפּ קריאת־שמע.

— מחמת ניט אַלע — גיט מיר דער סטאָליר צו פאַרשטעהן — וועלען האַלטען די מאָס, וואָס מע דאַרף, און אַ צוויי אין פאַרהאַן צווישען זיי קורצזיכטיגע, זיי האָבען אַ נידעריגע ראיה, האָב איך מורא, מע וועט זיי נים נעמען...

— האָט איהר — זאָג איך — מורא ? אדרבה, מיר דאַכט, אַז איהר דאַרפט גיכער מורא האָבען פאַר יענע, וואָס טויגען יאָ !

— פאַר וואָס ? — זאָגט דער סטאָליר.

— פאַר וואָס, פרעגט איהר ? פאַר שבת ! איחר ווילט מיך — זאָג איך — פריצעווען ? צי איהר רעדט דאָס טאַקי ערנסט ? וואָס פאַר אַ שמחה קאָן זיין, אַז מע טויג פאַר אַ סאָלדאַט ?

— וואָס פאַר אַ שמחה קאָן זיין, אַז איהר טויגט פאַר אַ מענ־טשען? — רופט זיך אָן צו מיר איינער פון די יונגלעך.

— דו שווייג! — זאָג איך צו איהם. — ביזט נאָך צו אַ יונגער צוצעק, זאָלסט זיך אריינמישען, בשעת עלטערע מענטשען רעדען צווישען זיך!

חברה קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע און שמייכלען. דער סטאָליר ווינקט צו זיי און פאַרבייסט אַ ליפּ, ווי איינער רעדט: „איהר ווילט, אפנים, האַפּען אַ פּסק?"...

— מאַכט מיך קלאָר, — זאָג איך — וואָס איז די גדולה, אַז גאָט העלפט, מע געהט אַוועק פאַר אַ סאָלדאַט? ביי מיר איז צו אַ קליין קעפּעלע!

— איך וועל אייך געבען צו פאַרשטעהן. — רופט זיך אָן די סטאָלירקע. — ערשטענס, איז די דיענסט אַליין איין איינגענעהמע זאַך; ס'איז אַ סימן, אַז מען איז געזונט און שטאַרק אויף אַלע אברים. צווייטענס, איז שען, אַז מען איז אַ סאָלדאַט: מע קאָן זיך דערדיענען אַ כבוד. און, דריטענס, באַדאַרפען מיר דאָך האָבען אונזערע אייגענע סאָלדאַטען, אונזער אייגען חיל אין ארץ־ישראל. וואָס פאַר אַ פנים האָט אַ פאָלק, וואָס וויל האָבען אַ לאַנד און האָט נישט קיין חיל?

— וואָס באַדאַרפט איהר — זאָג איך — חיל? איהר ווילט דען זיך געהן שלאָגען? מלחמה האַלטען מיט עמיצען?

— שלאָגען זיך, — זאָגט זי — מלחמה האַלטען וועלען מיר נישט באַדאַרפען מיט קיינעם; נאָר די מענטשען זענען נאָך נישט געקומען צו דער מדרגה, אַז אַ מלוכה זאָל זיך קאָנען באַגעהן אָהן מיליטער, אָהן סאָלדאַטען...

— וואו האָט איהר — זאָג איך — אַ מלוכה?

— וואָס הייסט? — זאָגט זי. — נו, און ארץ־ישראל?

— איהר רעכענט, אפנים, — זאָג איך — טאַקי גאַנץ ערנסט, אַז משיח קומט שוין?

— משיח — זאָגען זיי אַלע מיט אמאָל — איז שוין געקומען.

— מזל טוב אייך! — זאָג איך. — ווען איז ער דאָס געקומען צו אייך?

— פון יענער מינוט אָן, — זאָגען זיי — זינט מיר האָבען אַלע ביז איינעם אָנגענומען דעם רעיון פון ישוב ארץ־ישראל, איז געקומען משיח.

— ווי אזוי איז ער אָנגעקומען צו אייך? — זאָג איך. — רייטענדיג אויף אַ ווייס פערדעל? און וואו איז אליהו הנביא? און וואו איז די מלחמה פון גוג ומגוג? און וואו איז דער בלאָז פונ'ם שופר? און וואו איז דאָס ערדציטערניש? און וואו זענען די אַלע איבעריגע סימנים, וואָס באַווייזען אויף משיח'ן? זעהט נאָר, צי פיהרט מען אייך ניט אין באָד אריין? קוקט זיך נאָר צו צו אייער משיח'ן, צי איז ער ניט קיין אפעריסט? לאָז ער אייך באַווייזען אַ געשריפטס, שוואַרץ אויף ווייס...

איך האָב זיך צערעדט פון פייער און פון וואסער. איך ווייס גאָר ניט, פון וואנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזוי פיעל רעד? דער גאַנצער עולם איז געזעסען און געשוויגען, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און גע'חדוש'ט זיך, ווי קומט צו אַ רויט אידעל אַזוי פיעל מאַטעריאַל? זיי האָבען, אַפּנים, אַ טעות געהאַט אין חשבון. זיי האָבען געמיינט אויף מיר, אַז ס'איז זיך גלאַט אַזוי אַ אידעל; צום סוף האָבען זיי ארויסגעזעהען, אַז דאָס איז „אַ אַ י ד אַ ז ע ל כ ע ר, ו ו אָ ס ק אַ ט אָ ר י ו ו ע ל כ ע ר“... האָבען זיי געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע, נאָכדעם רופען זיי זיך אָן צו מיר:

— אפשר ווילט איהר אַביסעל צו־לעגען זיך אָפּרוהען נאָכ'ן עסען? זאָגט, שעמט זיך ניט.

— וואָס איז דאָ פאַרהאַן — זאָג איך — צו שעמען זיך? און איהר שלאָפט דען ניט שבת בייטאָג?

— ניין. — זאָגען זיי.

— וואָס דען — זאָג איך — טהוט איהר?

— מיר — זאָגען זיי — װעלען זיך דורכגעהן אין אונזער פאָלקסביבליאָטעקע.

— וואוהין?

— אין אונזער פאָלקסביבליאָטעקע.

— וואָס וועט איהר דאָרטען טהון? — פרעג איך זיי. — לער־נען משניות, צי זאָגען תהלים?

— מיר װעלען געװאָהרע װערען — זאָגען זיי — וואָס טהוט זיך נייעס אין דער אידישער וועלט.

— נייעס — זאָג איך — וועט איהר דאָך קאָנען הערען אין שול, בין מנחה למעריב.

— אין שוהל — זאָגען זיי — נייעס? ווער געהט דען אין שוהל אריין הערען נייעס? א שוהל איז דען א קלוב?

— א קלייניגקייט — אזעלכע צדיקים, ווי איהר זענט! גאָט אין ציצית!... זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, וואָס איך וועל אייך פרעגען: הייסט דאָס, קלויבט איהר זיך צענויף אַלע שבת נאָכ׳ן טיש אהינצו־צו, ווי אזוי רופט מען דאָס ביי אייך?

— אין דער פאָלקסביבליאָטעקע — מאַכען זיי.

— וואָס זשע טהוט איהר דאָרטען — זאָג איך — אין יענער ביבליאָטעקע? איהר קומט זיך צענויף, ווי להבדיל די גויים אין שענק, הייסט דאָס, און רעדט מסתמא דברים בטלים?

— מיר רעדען נישט דאָרטען — זאָגען זיי — קיין דברים בטלים; מיר לייענען אידישע צייטונגען, ביכער, זשורנאַלען, גאַזעטען.

— אידישע גאַזעטען? — זאָג איך. — א סך גאַזעטען? מסתמא איינעם א גאַזעט?

— פאַר וואָס ניט קיין עטליכע הונדערט?

— וואָס? עטליכע הונדערט?!

— עטליכע הונדערט.

— ווער — זאָג איך — באַדאַרף אַזוי פיעל גאַזעטען? ווער לייענט דאָס אַזוי פיעל?

— מיר אַלע — זאָגען זיי — לייענען. ווי קאָן מען דען לעבען אָהן גאַזעטען און זשורנאַלען?

— סע פאַרשטעהט זיך! — זאָג איך. — ווי קאָן זיך באַגעהן אַ סטאָליר אָהן אַ גאַזעט? נו, און די ווייבער? וואָס לייענען די ווייבער? מסתמא טייטש־חומש, צאינה־וראינה?

— דאָס אייגענע, — זאָגען זיי — וואָס מיר. וואָס איז דען די נפקה־מינה? מאַנסבילען, ווייבער?

— ס'איז שוין גאָר ניטאָ ביי אייך — זאָג איך — קיין שום נפקא־מינה צווישען זכרים און נקבות? זענט איהר דאָך, אַפּנים, טאַקי דאָס, וואָס מע טאָר ניט אויסזאָגען?... וועל איך מיך צולעגען חאַפּען אַ דרימעל לכבוד שבת, און איהר געהט אייך געזונטערהייד אין אייער ווי אַזוי רופט מען דאָס, צו אייערע אידישע גאַזעטען...

„נאַ דיר גאָר אַזאַ מין פאַרגעניגען! — טראַכט איך מיר. — די גאַנצע וועלט איז זיך נוהג שבת נאָכ'ן טיש זיך לעגען אַביסעל שלאָפען; דאַכט זיך, קיין גרעסערער תענוג דערפון קאָן שוין גאָר ניט זיין! און זיי נעמען זיך צענויף אַלע אינאיינעם, גאַנץ קעקעלי־קהל, און מע לייענט גאַזעטען! אַ שענע עובדה! אַזאַ מין עונג שבת! איבערגעקעהרטע מחות! ביי זיי איז רעכט געהן אָהן אַ היטעל און גלויבען אין משיח'ן... ניט זינגען זמירות און האַלטען פון ארץ־ישראל... זיצען ווי די שררות, פרעסען און זויפען, און ליעב האָבען די מלאכה... אַ זכר מיט אַ נקבה איז ביי זיי אַלץ איין מטבע... אַ לאַנד פון משוגעים!"...

איך פאַל אַנידער אויף זעהר אַ ווייך געלעגער, אַ סאַמעטענע סאָפע מיט „שפּרינזינעס", און איך חאַפּ אַ דרימעל גאָר אויף איין אַנדער מין אופן!

דאס זיעבעטע קאפיטעל.

(איין אסיפה פון משוגעים. — ווידער אקאדעמיעס אין ארץ־ישראל! — עס שיטען זיך מיליאנען. — א בריעף פון רויטשילד'ען, וואס וויל זיך איינקויפען אין חברה. — מען איז איהם מוחל זיינע מיליאנען. — דאס רויטע אידעל קאן זיך ניט איינהאלטען און שפּרינגט ארויס.)

שבת־צו־נאכטס, אפגעמאכט הבדלה און אפגעזאגט די אליהו־הנביא'ס, רוף איך מיך אן צו דער סטאלירקע (נישט קיין נארישע אידינע, כלעבען!):

— וואוהין איז דאס אוועקגעפלויגען אזוי פריה אייער מאן? אויף א מלוה־מלכה'לע מסתמא?

— אויף איין אסיפה. — מאכט זי צו מיר. — איך געה אויך אהין; אויב איהר זענט א בעלן, קומט מיט מיר.

— נקבות געהען ביי אייך — זאג איך — אויך אויף אסיפות?

— פאר וואס ניט? — זאגט זי. — ווייבער זענען דען קיין מענטשען ניט?

אודאי איז דאס א קלאץ־קשיא — געה געפין איהר דערויף א תירוץ!...

— מכח וואס — זאג איך — איז ביי אייך איין אסיפה? מכח דער טאקסע? צי מכח שבירות דעם רב? צי מכח דעקען דאס אלטע בית־המדרש? איך בין קלאר אין אידישע אסיפות!...

— ניין, — זאגט זי — דאס איז איין אסיפה מכח ארץ־ישראל.

— ווייטער — זאג איך — ארץ־ישראל? וואס האט איהר זיך צוגעטשעפעט צו ארץ־ישראל? אפנים, עס געהט אייך מעהר ניט אפ?

— זאָלט איהר טאַקי וויסען, — מאַכט זי צו מיר — אונז געהט טאַקי מעהר ניט אָפּ. מיר האָבען אַלסדינג: אי געלט, אי געזונט, אי מענטשען, אי וויסענשאַפט; נאָר איין זאַך פעהלט אונז, אַז מיר זאָלען זיך קאָנען אויסגלייכען מיט אַלע אַנדערע פעלקער — אַ לאַנד. אַז מיר וועלען האָבען אַ לאַנד, וועלען מיר זיין אַ פאָלק. ארץ־ישראל — דאָס אידישע לאַנד, לעם ישראל — צום אידישען פאָלק...

„הערסט דו, — קלעהר איך מיר — זי פאַרשטעהט דאָך גאָר אויף לשון־קודש, ווי איך בין אַ איד! עמיצער פון אונזערע לייט זאָל שטעהן ביי דער זייט, זעהן, ווי איך געה שבת־צו־נאַכטס איינער אַליין מיט איין אשת־איש איבער דער גאַס, און רעד מיט איהר פון אַזעלכע מאָדנע ענינים, און נאָך אויף לשון־קודש דערצו, וואָלט ער געמיינט, אַז איך בין גאָר משוגע געוואָרען, אָדער ער וואָלט אַליין משוגע געוואָרען“...

— וואו וועט ביי אייך זיין — זאָג איך — די אסיפה?

— ביי׳ם ראַבינער — זאָגט זי — אין שטוב.

און מיר געהען־צו צו אַ גרויסען מויער און קומען אַריין אין אַ גרויסער, שענער, ליכטיגער זאַל. עטליכע לאַנגע, מיט געוואַנט געדעקטע טישען, אַ סך בענקלעך און מענטשען, אידען און ווייבער, בחורים און מיידלעך אָהן אַ שיעור. גאַנץ אויבען־אָן זיצט איינער, אַ גרייז־גרויער מאַן מיט ברילען, און קלינגט מיט אַ גלעקעל. איין אסיפה מיט אַ גלעקעל זעה איך דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען! היינט די שטילקייט וואָס ביי זיי איז. מע האָט מורא אויסרעדען אַ הויך וואָרט. רעדען רעדט מען ביי זיי גאָר איינציגווייז. בשעת יענער האַלט אין מיטען רעדען, טאָר איהם דער אַנדערער ניט מפסיק זיין חלילה, ווי, להבדיל, ביי אונז דעם חזן, בשעת דער הויכער שמונה־עשרה... האָט איינער אָפּגערעדט, שטעהט אויף דער אַנדערער און רעדט זיך זיינס... אַלע אינאיינעם זאָלען רעדען, ווי ביי אונז, אַשטייגער, — דאָס איז ניטאָ! און

אפילו דער ראבינער אליין (שוין בלומרשט א רב!), אז ער וויל עפּיס זאָגען, פרעגט ער זיך אויך אָן ביי׳ם אַלטען מיט די ברילען, צי מעג ער זאָגען א פּאָר ווערטער... וועט ביי אונז, אשטייגער, א רב אָנפרעגען זיך ביי עמיצען, צי ער זאָל רעדען? מע וויל רעדען — רעדט מען; צו וואָס באַדאַרף מען די אָנשטעלען? איי, יענער פאַלט מיר אַריין אין די רעד? פאַל איך אַריין צו יענעם אין די רעד...

היינט די ענינים גופא, וואָס מע האָט דאָ גערעדט — עפּיס ווילדע ענינים! ס׳איז שווער צו פאַרשטעהן, וואָס זיי ווילען...

איינער שטעהט אויף און פרעגט א קשיא: מה נשתנה — פאַר וואָס איז היינטיגס יאָהר ערגער פון אַלע יאָהר? אַלע יאָהר, זאָגט ער, נעמט מען ביי איהם געלט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל, און היינטיגס יאָהר האָט מען ביי איהם אפילו קיין האלב ניט גע־נומען! איהר הערט אַיין אומגליק?

דער אַנדערער שטעהט אויף מיט איין אַנדער טענה: למאי גיט מען איהם ניט קיין אַרבייט, ער זאָל עפּיס קאָנען אַרבייטען לטובת הכלל? פאַר וואָס קומט דאָס איהם, אז דער און דער זאָל אַרבייטען דאָס און דאָס, און יענער זאָל טהון יענס און יענס, און ער, נעבאַך, דאַרף זיצען און וואַרטען, טאָמער וועט איהם גאָט צושיקען עפּיס עמיצען א טובה טהון?... איהר פאַרשטעהט, ווי מע האָט איהם דאָ נעקוילעט די קאָפּאָטע?...

דער דריטער הויבט זיך אויף און לעגט אַנידער א צעטעל פון דעם, וואָס מע האָט געטהאָן ביז אַהער, און פון דעם, וואָס מע וואָלט געקאָנט טהון, און פון דעם, וואָס ס׳איז נאָך דאָ וואָס צו טהון.

— געטהאָן — זאָגט דער דאָזיגער חכם — האָבען מיר נאָך גאָרניט געטהאָן. טאָמער האָבען מיר ביז אַהער געגרינדעט און איינגעלאַדעט אַזעלכע עטליכע הונדערט קאָלאָניעס אייגענע אין ארץ־ישראל, איז דאָס א קלייניגקייט. מיר וואָלטען שוין געקאָנט

האָבען ביז איבער העכער טויזענד... טאָמער — זאָגט ער — האָבען מיר אין אונזער נאַציאָנאַל־באַנק אזעלכע צוויי הונדערט מיליאָן פונט שטערלינג, וואָלטען מיר, אייגענטליך, באַדאַרפט האָבען אַצינד, צום ווינציגסטען, אַ פּאָר מיליאַרדען. נאָך די גרויסע נדבות מיט די גרויסע ירושות, וואָס אונזערע גבירים האָבען אָפּגעזאָגט אויף אונזער פאָנד, וואָלט אונז אָנגעשטאַנען, מיר זאָלען שוין איצטער קאָנען אָפּקויפען גאַנץ ארץ־ישראל און צערעכענען זיך מיט'ן טערק ביז דער לעצטער פּרוטה... איך וויים, זאָגט ער, איהר וועט מיר אָפּענטפערען, אַז מיר האָבען אַ סך געלד און אַ סך צייט אויסגע־געבען אויף קולטורע. באַדאַרף איך אייך אָבער דערויף אָפּענטפערען צוריק, אַז מיר האָבען דאָ אויך אַ סך ווינציגער, ווי מיר וואָלטען געקאָנט האָבען ביז אַהער... אונזער הערר ראַבינער איז גאַנץ גערעכט געווען, וואָס ער האָט אונז היינט אין שוהל אויסגעוואָרפען, אַז איין אידישע אַקאַדעמיע אין גאַנץ ארץ־ישראל איז קאַרג. אונז וואָלט אָנגעשטאַנען, מיר זאָלען האָבען דריי אַקאַדעמיעס, פיער אַקאַדעמיעס, פינף אַקאַדעמיעס!...

איך שטעה נאָר פון דערוויייטען און באַטראַכט די דאָזיגע מאָדנע מינים־אידען. ווידער אַקאַדעמיעס אין ארץ־ישראל? איין אַקאַדע־מיע אויף גאַנץ ארץ־ישראל איז זיי קאַרג; זיי באַדאַרפען האָבען צעהן אַקאַדעמיעס, הונדערט אַקאַדעמיעס, טויזענד אַקאַדעמיעס, מיליאָנען אַקאַדעמיעס!...

דער חכם זעצט זיך אַנידער, און עס שטעהט אויף אַ נייער תנא און באַקלאָגט זיך אויף דער לאַגע פון די אידישע גערטנער אין ארץ־ישראל, וואָס זיי האָבען היינטיגס יאָהר ניט געקאָנט אַריינטראָגען אין פאָנד אַריין מעהר פון אַ האַלבען מיליאָן פראַנק... נאָר אויב, זאָגט ער, די לאַגע פון די גערטנער איז נישט אַם בעס־טען, איז די לאַגע פון די בעלי־מלאכות אין ארץ־ישראל גאָר טרויע־ריג: די בעלי־מלאכות אין ארץ־ישראל, זאָגט ער, האָבען תמיד געהאַט זייער אייגענע ביבליאָטעק, און היינט זענען זיי געבאָך

געבליבען אָהן אַ ביבליאָטעקע: זי איז אָפּגעברענט געוואָרען, און זיי מוזען געהן אין פרעמדע ביבליאָטעקעס (אַ גאָט׳ס רחמנות אויף זיי!...). היינט, זאָגט ער, די אידישע ארבייטער פונ׳ם אייזענבאהן אין ארץ־ישראל — די זענען גאָר אומגליקליך: ביז אהער האָבען זיי געהאט זייער אייגען טהעאטער, און איצט איז דאָס טהעאטער צעפאַלען געוואָרען, וואָרום די בעסטע שפּיעלער האָבען חתונה גע־האט און זענען זיך צעפאָהרען, דער אהער, דער אהין. און דער־ווייל זענען נעבאך די אידישע באהן־ארבייטער געבליבען אָהן אַ טהעאטער (אַ שטיין קאָן אויך צעגאָסען ווערען פון געוויין!... אַ קליינינקייט — אידישע באהן־ארבייטער זענען געבליבען אָהן אַ זיידען!...).

נאָך דעם תנא שטעהט אויף נאָך אַ חברה־מאַן פון די יונגע לייט און רעדט מיט פייער, פאַלט אָן אויף דער חברה „כרמל“ און זאָגט, אַז די חברה „כרמל“ איז די רייכסטע צווישען אַלע אידישע חברות; ס׳איז אַ יושר, אַז די חברה „כרמל“ זאָל געבען וויין אויף אַלע אידישע בקור־חולים׳ס אין ארץ־ישראל אומזיסט. נישקשה, זאָגט ער, טאָמער וועט די חברה „כרמל“ פערדיענען ווינציגער מיט עטליכע הונדערט טויזענד קערבלעך אַ יאָהר, איז אויך אָהן איין אומגליק! דער גוטער יאָהר וועט זיי ניט נעמען!...

נאָך איהם שטעהט אויף איינער, אַ יונגערמאַנטשיק, און לייענט פון אַ פּאַפּיער עפּיס אַ גאַנצע מגילה מכח מיליטער, מכח אידיש חיל, לעגט־פאָר נייע פּלאַנען, ווי אַזוי און וואָס און ווען, און אַלע הערען איהם אויס מיט קאָפּ, פרעגען קשיות, און ער פאַרענטפערט זיי. און אַז ער לאָזט אויס, ווערד אַ פּאַטשעריי „בראַוואָ!“ און אַ געשריי: „הידד!“ „הידד!“ — מע קאָן טויב ווערען!...

צום סוף שטעהט אויף דער בעל־הבית אליין, דאָס הייסט, דער ראַבינער, און לייענט איבער אַ בריעף פון רויטשילד׳ען. פונ׳ם לייענען פאַרשטעה איך, אַז רויטשילד שמייכעלט זיך צו צו דער

חברה, ער וויל ווערען אַ חברה־מאַן גלייך מיט אַלע, און זאָגט זיי צו „הרים וגבעות“, שיט מיט מיליאָנען.

איך שטעה און באַטראַכט זיי און קלעהר מיר: ביי אונז, אַז ס'זאָל זיך טרעפען, אשטייגער, אַזא מעשה: אַ גביר זאָל זיך ווע־לען איינקויפען אין חברה, — איך ווייס וואָס עס וואָלט געווען? מע וואָלט געקראַכען אויף אַלע פיער, מע וואָלט פאַר פרייד געגאַנ־גען אַ טענצעל! וואָרום ביי אונז אַ גביר אַז ער זאָגט נאָר אַ גוט וואָרט אַליין, אָהן געלט, איז מען שוין אויך צופריעדען: „דער גביר האָט גערעדט, דער גביר האָט געזאָגט, דער גביר האָט גענו־מען ביי'ם שמש אַ שמעק טאַבעקע און האָט אַ ניס געטהאָן, צו געזונט זאָל איהם זיין, צו לאַנגע יאָהר!...“ איך האָב געמיינט, אַז חברה וועט דאָ צעגאַנגען ווערען פאַר תענוג; צום סוף — ווער? וואָס? ס'איז געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען געפרעגט קשיות: „וואו איז געווען רויטשילד פריהער, דעמאָלט, ווען מע האָט איהם באַדאַרפט? דעמאָלט, ווען מען איז צו איהם געקראָכען? דעמאָלט, ווען עס האָבען זיך געגאָסען אידישע טרערען און אידיש בלוט? דעמאָלט האָט ער זיך פאַרשלאָסען בחדרי־החדרים? דעמאָלט האָט ער ניט פאַרשטאַנען קיין אידיש?... איצט, אַז גאָט האָט אונז געהאָלפען, מיר האָבען זיך מיט אונזער אייגענער הילף אַרויפגעשלאָגען אויף אַ דרך, איצט, אַז גאָט האָט אונז מזכה געווען, אונזער פאָלק הויבט אָן ווערען לייטען גלייך, קומען צו אונז אונזערע צאַפּעס — (אַ שייגעץ קאָן!) און ווילען זיך איינקויפען מיט זייערע מיליאָנען, בכדי זיי זאָלען קאָנען זאָגען אַ דעה? ניין, ביי אונז פאַרקויפט זיך ניט קיין כבוד פאַר קיין געלט! כבוד באַדאַרף מען ביי אונז פ א ר ד י ע נ ע ן, פ א ר ה א ר ע ו ו ע ן! מיר דאַרפען ניט רויטשילד'ען! מיר דאַרפען ניט זיינע מיליאָנען!“

דאָ האָב איך זיך שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען און בין אַרויסגעשפּרונגען.

— רבותים! — האָב איך מיך אָנגערופען צו זיי אויף א קול.— האָט קיין פּאַראַיבעל נים, וואָס איך, א ווילד־פרעמדער גאָר. איין אורח פון יענער זייט סמבטיון, שפּרינג אַרוים און מיש מיך אריין אין אייערע ענינים. מע זאָגט ביי אונז א ווערטעל: „א גאַסט קומט אויף א ווייל — און זעהט אויף א מייל". איך בעט ביי אייך נאָך א מאָל הונדערט מאָל מחילה, איהר ווייזט מיר אוים אין מיינע אויגען ריין משוגע! מילא, דעם אומגליק, וואָס די באַהן־אַרביי־טער אין ארץ־ישראל זענען געבליבען, נים דאָ געדאַכט, נים פאַר קיין אידען געדאַכט, אָהן א טהעאַטער, — דאָס בין איך אייך מוחל. נאָר דאָס, וואָס דער דאָזיגער עזות־מחוצף־פּנים האָט נאַר־וואָס גערעדט קעגען אזא מענטשען, ווי רויטשילד, — א קליינינקייט רויטשילד! — דאָס, זאָג איך, איז שוין אזא עולה, וואָס איך קאָן דאָס שוין נים איבערטראָגען! ביי אונז וואָלט מען אזא חברה־מאַן אנידערגעלעגט און מע וואָלט איהם, איך בעט איבער אייער כבוד, אריינגעפּיעדעלט אין ווי־הייסט־מען־דאָס א שטיקלעך זעכציג, ער זאָל וויסען הלכות דרך־ארץ, ווי אזוי צו רעדען קעגען א גביר! איך זאָל זיין באַקאַנט מיט רויטשילד'ען, וואָלט איך איהם דער ערשטער איבערגעגעבען וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטהאָן! ס'איז א מצוה, מע זאָל אזעלכע שקצים, עזות־פּנים'ער, צערייסען, ווי מע צערייסט א הערינג אום ערב יום כפור! אדרבה, זאָגט אפשר, אז ניין?...

דערהערט פון מיר אזעלכע דבורים, האָבען זיי זיך, אַפּנים, שטאַרק פאַרשעמט, מחמת זיי האָבען מיר נישט געענטפערט דאָס אנדערע וואָרט; זיי האָבען זיך נאָר איבערגעקוקט איינס מיט דאָס אנדערע, געשמייכעלט און געשושקעט זיך שטילערהייד... עס ווייזט אוים, אז זיי האָבען מורא געהאַט, טאָמער, א קשיא אויף א מעשה, נעם איך און איך שרייב טאַקי אוועק וועגען דעם צו רויטשילד'ען?...

— מיר וועלען אייך ביסלעכווייז קלאָר מאַכען, — רופט זיך אָן צו מיר דער רב — מיר וועלען אייך...

— איהר האָט מיך ניט — זאָג איך — וואָס קלאָר צו מאַכען ; איך בין נאָך, ברוך השם, ביי אַלע געדאַנקען...

דער אַלטער, וואָס מיט די ברילען, טהוט אַ קלונג מיט'ן גלעקעל און זאָגט, אַז די אסיפה איז אויס אסיפה, און דער עולם הויבט זיך אויף און מע זינגט אַלע אינאיינעם אַ ליעד אויף לשון־קודש, וואָס הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער: „עוד לא אבדה תקותנו !” אַלע זינגען: אי די אַלטע לייט, אי די יונגע, אי די זכרים, אי די נקבות — ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכען !...

— איהר האָט דאָס גוט געזאָגט ! — מאַכט צו מיר דער סטאָליר צוריקוועגס און בלאָזט זיך אָן ווי אַ פּאַחיר און ווערד צעפּלאַצט לאַכענדיג. — איך האָב אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז איהר מאַכט פון זיי אַ שפּאַס.

— אוראי ! — זאָג איך. — איהר פאַרשטעהט מעהר פון אַ טוידטען ! איהר פאַרשטעהט פּונקט אַזוי פיעל, וויפיעל מיין שטיוועל !

דער סטאָליר חאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט ביי די זייטען און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

— ס'איז שוין אויף אייך ווייעדער — זאָג איך — אָנגעפאַלען דאָס לעכעריגע ? שוטה כן פיקהאָלץ ! רב שעיה קאַטער ! רב מענדי לאָקש ! אברהמעל חיריק ! בעריל באָס ! חיים טראַסק ! מאָטעל וואַרעניק !...

ער לאַכט נאָך שטאַרקער, ער ווערד שיער ניט צעזעצט פאַר געלעכטער !

איך טהו אַ שפּיי אויף דעם משוגענעם סטאָליר און פאַרטיעף מיך אין מחשבות: וואָס זענען זיי פאַר ברואים ?... פון דעם שבת־

צו־נאכטס, מיט די אלע רעדעס, מיט זייערע מיליאָנען דרעהט זיך מיר אזוי דער קאָפּ, אז איך ווייס שוין גאָר ניט אויף וואָס פאר א וועלט איך בין. איינס פון די ביידע: אָדער זיי זענען משוגעים, אָדער איך בין משוגע?...

ניין, ז י י זענען די אמת׳ע משוגעים!...

ענדע ערשטער טייל.

מעשיות פון טוי־
זענד איין נאַכט.

דערצעהלט בהרחבה פון אַ קרושניקער אידען,
וואָס זיצען זיצט ער אין קרושניק, נאָר
רופען רופט מען איהם „יאַנקעל יונעווער״,
ווייל ער איז פון יונעוו, פאָהרענדיג אויפ'ן
שיף פון קאָפּענהאַגען ביז ניו־יאָרק, און
איבערגעגעבען וואָרט אין וואָרט:

געשריבען אין יאהר 1915

מעשיות פון טויזענד איין נאַכט

1.

יאַנקעל יונעווער פון קרושניק.

— — — פאַהרט איהר, הייסט עס, פאַני שלום-עליכם, אויך אהינצוצו, ווי אַלע? — זעהר אַנגעלעגט!

נישט מחמת, ווי זאָגט איהר, צרת רבים חצי נחמה. חס ושלום! אדרבה, פאַרקעהרט! למאי זאָל איך זאָגען? נאָר וואָס דען? גלאַט אַזוי, ס'איז עפּיס היימליכער אויף דער נשמה צו וויסען, אַז אונזער שלום-עליכם, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פאָהרט אויך מיט אונז, פּשוט'ע עמיגראַנטען, אויף איין שיף, אהין, אין יענעם לאַנד אריין, וואָס גאָט האָט באַשאַפען פון אידענס וועגען, זיי זאָלען האָבען וואוהין צו אַנטלויפען, אַז עס טרעפט זיך אַ צרה שלא תבוא, איין אומגליק, אַ פּאָגראָם, אַ מלחמה...

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — עס גלויבט זיך עפּיס גאָר ניט, אַז ס'איז נאָך פאַרהאַן היינטיגע צייטען ערגיץ אויף דער וועלט אַזאַ ניכטער ווינקעל, וואו מענטשען זענען ניט פאַר'שכור'ט פון בלוט און מע קוילעט זיך ניט אין די אלפים, ווי מע קוילעט ביי אונז, אשטייגער, עופות, אַז עס קומט ערב יום כפור צו די כפרות, און מע האַקט ניט איינס דאָס אַנדערע, ווי מע האַקט הערינג, און מע בראָקט ניט קיין מענטשען, ווי מע בראָקט קרויט...

ווי מיינט איהר, מיר וועלען אמאל קומען אהין, אין דעם אמע־ריקא, צי ווער־וואס?

איך וויים ניט, ווי אזוי איהר דארטען, אויבען, אין די קאיוטען פון ערשטער קלאס — נאר מיר אט־דא, פאסאזשירען פון דריטער קלאס, האבען שוין אוועקגעגעבען, ווי זאגט איהר, דער מאמעס מילך, געבען זאל זיי גאט א בייז קוויטעל, דערפאר וואס זיי האבען צוגעטראכט אלע גוטע זאכען אויף דורכצולעכערען די שטארקסטע פעסטונגען און אויף דורכצוברעכען אייזערנע מויערען און אויף צו מזיק'ען, אומברענגען די גאנצע וועלט!

וואלט דען ניט גלייכער געווען, זאגט שוין איהר אליין, מע זאל עפּים צוטראכטען א מיטעל אויף צו פארגרינגערען די דאזיגע שווערע אומגעלומפּערטע נסיעה אויפ'ן ים?

ניין, אמעהר האבען זיי בעסער אוועקגעלעגט דעם קאפּ אויף שמד־שטיק, אויף א „צוויי־און־פערציגער", מיט אלערליי באמבעס: אזעלכע, וואס גנב'ענען זיך אונטער אונטער'ן וואסער און דערצעה־לען דעם פּסוק, און אזעלכע, וואס שיסען פון אויבען גאר, אזש פון יענער זייט חמארע — צו ברענגען א חורבן אויף דער וועלט און צו מאכען א תל פונ'ם גאנצען רעשטעל אידישקייט... און אז מע האט זיך גענומען אויף אונזער ביסעל אידען, און אז די גאנצע מלחמה איז נאר צוליעב אונז, איהר פארשטעהט צי ניין — א א י ד י ש ע מ ל ח מ ה — דאס איז דאך אזוי קלאר, ווי דער טאג, ווארום אז ניט — צו וואס דען האט דער אויבערשטער גע־פיהרט אזוי, אז גראד אט דא, אויף דעם שטיקעל ארט, איז זיי געפעלען צו שלאגען זיך און הרג'ענען זיך, צו קוילען זיך און צו יאשען זיך? וואס איז? דער דייטש האט זיך איינגעשפּארט, ער וויל דוקא לאדזש און דוקא ווארשא! און פאני פון זיין זייט קריכט אלץ אהין — אויף קראקע מיט לעמבעריג קריכט ער! איז דאך ממה נפשך: אז דיר, דייטש, שמעקט אזוי אונזער ווארשא מיט אונזער לאדזש, און דיר, פאני, איז געפעלען קראקע מיט

לעמבעריג — איז דאָך עס אַ פשוט'ע זאַך: נעמט מען און מע־ מאַכט אַ בייט — און שוין! צו וואָס איז דאָס שלאָגען זיך? מיט'ן קוילען זיך? מיט'ן יאָשען זיך? און ועל כולם — וואָס גערט זיך עס אָן מיט מיר, מיט יאַנקעל יונעווער, און מיט מיינע קינדער, וואָס מיר זאָלען געהן אוועקלעגען דעם קאָפּ צוליעב דעם, וואָס דייטש וועט געוועלטיגען אין קיטנע און פאָני אין פּשעמישל? עס קומט אויס גלייך, ווי אויסער פּוילען און אויסער גאַליציע איז שוין גאָר מעהר קיין וועלט נישטאָ, איין עק! איי, וועט איהר מיך פרעגען, למאַי בעלגיע? וועל איך אייך ענטפערען: למאַי קרושניק?

איהר קוקט מיך אָן, פאַני שלום־עליכם, וואָס איז דאָס פאַר אַ קרושניק, וואָס איך האָב אַ העזה דאָס צו פאַרגלייכען צו אייער בעלגיע, להבדיל? קרושניק, איהר פאַרשטעהט צי ניין, איז זיך אַ קליין שטעדטעל, ניט גרעסער פון יונעוו, אוןביידע שטעדטלעך, קרושניק און יונעוו, געפינען זיך אין לובלינער גובערניע איינס נע־ בען אַנדערען טאַקי.

אז איהר'ט אַ פרעג טהון, נאַפּשיקלאַד: „וואו איז דאָס ערגיץ קרושניק?“ וועט מען אייך ענטפערען: „קרושניק? — ניט ווייט פון יונעוו“. וואו זשע איז יונעוו? — „ניט ווייט פון קרושניק“... איהר פאַרשטעהט צי ניין — קרושניק און יונעוו זענען כמעט, קאָן מען זאָגען, איין שטאָדט. דאָס הייסט, ס'איז ניט איין שטאָדט; דאָס זענען זיך צוויי באַזונדערע שטעדט, און הייסען הייסען זיי, אויב איהר ווילט וויסען אַקוראַט, ניט קרושניק און ניט יונעוו, נאָר „קראַסניק“ און „יאַנאָוו“. נאָר מיר, אידישע קינדער, האָבען עס פאַרצויגען: „קרושניק“ און „יונעוו“. פאַר וואָס? פאַר נאָר־ ניש! ס'איז שענער אזוי, איהר פאַרשטעהט צי ניין, ס'איז אַ י־ ד י ש ל י כ ע ר... אַ גוי, להבדיל, אז ער דאַרף זאָגען „יאַנאָוו“, איז אַ גאַנצער עסק: יאַ־נאָוו — ווי פון אַ פאַס! און ביי אונז איז דאָס אַי גלאַט, אַי קורץ: יונעוו — און שוין!

בין איך אליין טאקי א דארטינגער, א יונעווער הייסט עס, פון יונעוו. נאר למאי זאל איך זאגען א ליגען? זיין בין איך, איי־געגמליך, א קרושניקער, פון קרושניק, נאר א געבוירענער בין איך א יונעווער, פון יונעוו. און דערימאך טאקי רופט מען מיך ביי אונז אין שטעדטעל „יאנקעל יונעווער". פאר וואס? ערשטענס, ווייל ס'איז פארהאן ביי אונז אין קרושניק א סך יאנקעלס. והשנית, רופט מען מיך „יונעווער" דערפאר, ווייל איך בין, איהר פאר־שטעהט צי ניין, א געבוירענער א יונעווער. האט איהר עס צע־קייעט?

ווייסט איהר שוין, הייסט דאס, ווער איך בין — איא? עס הויבט זיך גאר ניט אן! ווארום כדי איהר זאלט וויסען, ו ו ע ר איך בין, באדארף מען אייך אויסרעכענען מיין גאנצען יחוס, פון וואנען איך שטאם — און איך וועל דאס נישט טהון! ווייסט איהר פאר וואס? ווייל איך האב פיינט באריהמען זיך. צו וואס וועל איך אייך געהן דערצעהלען גרויסקייט, למשל, אז שטאמען שטאם איך, ווי זאגט איהר, פון סאמע צימעס, ס'איז גאר א גוואלד! רבנים און חזנים און... און... און... כמעט גוטע אידען! איך האב פיינט באריהמעריי, איך האלט נישט דערפון!

זעהט איהר, ווען איהר זענט א בעלן און איהר פאהו'ט אייך דורך אויף ציקאוועסט צו אונז אין גרויס־פוילען, וועלען מיר זאגען, אין א לובלינער גובערניע, און איהר שטעלט אייך אפעט אויף א מינוטקעלע אין וואס פאר א שטאדט איהר ווילט, נאפשיקלאד, אין א מענדרעוויץ, אין א יונעוו, א מאזעלבאזשעץ, אין א ראכאוו, אין בילגעריי, אדער טאקי ביי אונז אין קרושניק אליין, און איהר טהוט א פרעג א מינדסט קינד אויף יאנקעל יונעווער — מעהר נישט ווי די צוויי ווערטער באדארפט איהר צו זאגען: „י א נ ק ע ל" און „י ו נ ע ו ו ע ר" — וועט איהר שוין הארכען! נאר וואס קומט ארויס? ווי זאגט איהר: געה שריי אני שלמה!...

צי איך זאל אייך געהן, אשטייגער, דערצעהלען, אז מיין טאטע

איז געווען כל ימיו א גביר, און מיין זיידע, און מיין עלטער־זיידע, און אז אליין בין איך אויך געווען ניט לאנג א איד א נגיד, ביז ס'איז אנגעקומען דער פינסטערער באיקאט אויף אונז פון די פוילען, און ס'איז אלסדינג אוועק מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך. נאר צו וואס? וואס וועט עס מיר העלפען? ווי זאגט איהר: ג ע ו ו ע ן שען, ג ע ה א ט געלט, ג ע ק א נ ט זינגען — די אלע זאכען טויגען אויף א כפרה! איהר זעהט פאר זיך א אידען איין עמיגראנט, וואס פאהרט מיט אלע אידען קיין אמעריקא — און שוין! דאס ווייב, ברוך השם, פארלוירען. די קינדער פארזארגט אויפ'ן בעס־מען ארט. דריי קינדער, צוויי זיהן מיט איין איידעם — האט דער אויבערשטער געטהאן א נס, מע האט איין זוהן ג ע ז א ל ט הענגען, און דעם אנדערען האט מען ג ע ז א ל ט שיסען, און דעם איידעם האט מען, אנדערע זאגען, גע'הרג'עט אונטער לעמבעריג, אנדערע זאגען, מע האט איהם גענומען אין געפיינקעניש, מע ווייסט ניט, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. איז די טאכטער אראפ פונ'ם זינען, האט דאס מיין ווייב ניט אויסגעהאלטען — א בת־יחידה, איין און איינציגע — און איז אוועק פאר דער צייט. און איך אליין, ווי איהר קוקט מיך אן, אויף די עלטערע יאהרען באדארף זיין נע־ונד... אזוי, אויפ'ן קוק, דאכט זיך, עפים נישט אזא גבר, ווייט פון א שמשון הגבור, איא? איז אבער דער טוידט נעמט מיך נים! דער מלאך המות, איהר פארשטעהט צי ניין, האט צו מיר קיין שליטה נים. ווארום וואס איך בין אויסגעשטאנען אין די דריי־פיער חדשים פון דער וועלט־משוגעת, וואס מע רופט דאס מלחמה, וואלט איין אנדערער אויף מיין ארט אנגעשפארט אצינד — טע־טע־טע! אט וועט איהר הערען א מעשה! דריי־פיער מעשיות, אהן א שיעור מעשיות, און אלע זעלטענע, וואונדערליכע מעשיות, ממש יציאת מצרים, ווי זאגט איהר: מ ע ש י ו ת פ ו ן ט ו י־ ז ע נ ד א י י ן נ א כ ט! אז איהר וועט זיי הארכען, וועט איהר אליין זאגען, אז ס'איז הפלא ופלא, גאר נישט קיין מענטש־

ליכער כח, נאָר עפּים טאַקי אַ נס מן השמים, וואָס דער אויבער־שטער קאָן!

למשל, איך זאָל אייך דערצעהלען אַ מעשה, ווי אַזוי איך און דער רב און דער קאַזשאַנע רב, דער ראַבינער, הייסט עס, און די איבעריגע שבעה טובי עיר פון קרושניק — אַז מיר זענען געקומען מיט זאַלץ און ברויט מקבל פּנים זיין דעם דייטש, וואָס איז אריין צו אונז קיין קרושניק; און אַז מיר זענען פאַרטיג געוואָרען מיט איהם מכח קאָנטריבוציע, ווי איהר וועט האָרכען ווייטער אַביסעל, האָט זיך קירה־דייטש ניט געשעמט צו געבען אונז בעזעמער, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פּשוט׳ע בעזעמער, אין די הענט אריין און באַפוילען, מיר זאָלען זיך איהם אוועקשטעלען אויס־קעהרען די גאַסען פון שטאָדט; ס׳איז איהם ניט געפעלען, דעם דייטש; מיר זענען, זאָגט ער, שמוציגע קערלען, און אונזער מלוכה איז, זאָגט ער, אַ שמוציגע מלוכה!...

צי, אַשטייגער, אַז איך וועל אייך דערצעהלען נאָך אַ שענערע מעשה, ווי אַזוי איך, יאַנקעל יונעווער, און דער רב אונזערער און דער קאַזשאַנע רב, דער ראַבינער, הייסט עס, און די איבעריגע שבעה טובי עיר, די פיינסטע בעלי־בתים פון שטאָדט, זענען מיר שוין געווען אַלע אויפ׳ן הייליגען אָרט אויך, אויפ׳ן קרושניקער בית־עולם הייסט דאָס? ביינאַכט איז דאָס געווען, די לבנה האָט געשיינט, און דער שונא האָט אונז ארויפגעבראַכט, גענעבען אונז זאַסטופּעס אין די הענט אריין און געהייסען, מיר זאָלען זיך אַליין גראָבען קברים, פּשוט׳ע קברים, דאָס הייסט, יעדער זאָל זיך גראָבען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פאַר זיך זיין קבר, זיך אויסגראָבען אַ קבר און אריינלעגען זיך לעבעדיגערהייד!

נאָך איצטער, אַז איך רעד דערפון, שטעלען מיר זיך טרערען אין די אויגען... איהר ווילט וויסען וואָס איז דאָס געווען: אַ קאַטאָוועס, אָדער אַ משוגעת? זאָל מיך אַזוי וויסען אַ בייז לעבען מיט אייך אינאיינעם! איך וויים נאָר איינס: אַז איך און דער

רב און דער קאזשאנע רב, נאך גאר א יונגער מאן, קיין דרייסיג יאהר נישט אלט, זענען מיר אין איין נאכט אלע געווארען גרוי און אלט!

איא, איהר קוקט אויף מיר און טראכט זיך: אט דער איד איז א בריה אויף צו דערצעהלען בבא־מעשיות!... איהר האט רעכט. איך אויף אייער ארט, ווען מע דערצעהלט מיר אזא זאך, וואלט איך אויך געזאגט: „פעטער, איהר רעדט פון היטץ, שיקט נאכ'ן דאקטאר, אדער געהט לעגט אייך שלאפען!“... ווי זשע איז אבער, אז איך וועל אייך געהן שווערען א שבועה דאורייתא, אין טלית און אין קיטעל, אז אלץ, וואס איך דערצעהל אייך, איז ווי מיר זיצען דא תחת כפת השמים — אונטער א הימעל פון גאט? און דאס אלעס, דארפט איהר וויסען, איז נאך א שמינית שבשמינית, איהר פארשטעהט צי ניין, אפילו קיין הונדערט חלק ניט פון דעם, וואס מיר, אידען פון קרושניק און פון יונעוו און פון אנדערע אידישע שטעדטלעך, זענען אויסגעשטאנען דערנאכדעם פון די פאליאקען, און דערנאך פון פאני, בעת ער האט ארויסגעיאגט פון דארטען דעם דייטש און איז אליין ארויף מיט ביידע פיס! און דאס ווייסט איהר דאך, מן הסתם, אז פאני האט שוין אזא גליק, אז וואו נאר ער שטעלט אריין א פוס, אזוי מוז זיין א פאגראם!... נישט מחמת ער איז אזא רשע, — חלילה! ער איז בעצם גאר ניט אזוי שלעכט; אונזער פאני, זאל מאריך ימים ונשים זיין, נאר ער האט שוין אזא מזל, מ'שטיינס געזאגט...

הכלל, ווי איהר זעהט, האב איך אייך צו דערצעהלען און צו דערצעהלען אזוי פיעל, אז הלואי מיר זאלען חאטש פארטיג ווערען ביז ניו־יארק!

אייך, פאני שלום־עליכם, וועלען די דאזיגע מעשיות מסתמא צו־נוטץ קומען. אז מע דערצעהלט אייך א מעשה, נעמט איהר דערנאכדעם און איהר צעלעגט עס אויף צעהן טעלערלעך... ווי באלד אזוי, האט זשע מיר נאר אביסעלע געדולד און לעגט־צו קאפ.

איך וועל זיי אייך דערצעהלען איינציגווייז, א מעשה נאך א מעשה. און אנהויבען וועל איך פון מיין עלטערען זוהן, פון מיין יחיאל'ן, ווי אזוי פאני האט איהם גענומען אין דער מלחמה און האט איהם אוועקגעשטעלט שיסען, פשוט שיסען, איהר פארשטעהט צי ניין, פון א ביקס! האט איהם מיין יחיאל געגעבען א שאס, אז ווען אלע יונים שיסען אזוי, וואלטען די קיסרים מיט אלע זייערע גענעראלען און פעלד־מארשאלען געהאט א שען פנים... נאר איך זעה, אז איהר זענט שוין, דאכט מיר, מיעד און איהר האט חשק אביסעלע דורכשפאציערען זיך איבער'ן שיף. שפאציערט, עס האט צייט, ס'איז נאך נישקשה'דיג ווייט ביז צו ניו־יארק, מיר'ן זיך נאך גע־נוג אנרעדען!...

2.

יחיאל שיסט ארויף.

— — — האב איך אייך, הייסט עס, צוגעזאגט, פאני שלום־עליכם, צו דערצעהלען קודם כל פון מיין עלטערען זוהן, פון מיין יחיאל'ן, ווי אזוי פאני האט איהם גענומען אין דער מלחמה און האט איהם אוועקגעשטעלט גלייך מיט אלע יונים, ער זאל שיסען. וואלט איך אייך, איינענטליך, באדארפט דערצעהלען, ווי אזוי ס'איז נאר אנגעקומען צו מיין יחיאל'ן, אז בסך הכל האב איך איהם פון פאני'ס הענט, איהר פארשטעהט צי ניין, לאנג ארויסגענומען. ווי־פיעל דאס האט מיך געקאסט, וואלט זיך עס איעדער עמיגראנט, אט־א־דא אויף דעם שיף, געמעגט ווינשען, ער זאל עס פארמאגען איידער ער קומט קיין אמעריקא. וואלט איהם אפשר אזוי דער קאפ נישט וועה געטהאן, טאמער האט ער יסורים ביי'ם אוועקשטע־לען א פוס אויפ'ן ברעג פונ'ם גאלדענעם לאנד... נאר וואס דען? אזוי ווי איך בין א מענטש, איהר פארשטעהט צי ניין, וואס כ'האב

פיינט מאריך זיין און האב ליעב נאר צו דער זאך, לכן געה איך אריבער גלייך צום ענין, ווי אזוי מע האט מיין יחיאל'ען גענומען צו דער אפאלצעניע, אריינגעשטעלט, ווי זאגט איהר, אין געוואנט אריין, געגעבען א ביקס אין דער האנט אריין און געזאגט: „סטופאי, יחיאל!" — געה, הייסט עס, ראטעווע ניקאלאיען נעבאך פון דעם רשע, פונ'ם דייטש!...

איהר הערט אייך נור צו מיט קאפ, איך בעט אייך, וואס דא טהוט זיך: אז פאני נעמט און צעבוצקעט זיך מיט קירה'ן איבער א שטיקעל סערבישע מדינה, וואס איז ניט ווערטה קיין דריי גילען, און עס צינדט זיך אן א פייער איבער דער גאנצער וועלט, זאל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין, און אליין קריכט ער אריין אין בלאטע ביז אריבער די אויהערען, באדארף מיין יחיאל, איהר פארשטעהט צי ניין, איהם געהן ארויסשלעפען פון דער בלאטע — קאן ניט צעזעצט ווערען די גאל? ניין, זאגט שוין איהר אליין, איהר זענט דאך עפיס א שלום־עליכם!

היינט גלאט, יחיאל מיינער א שיסער — ניטא ווער ס'זאל לאכען! די גאנצע זאך איז, וואס עס ליגט ניט אין דער טבע ביי מיר, ווי איך האב אייך געזאגט שוין, באריהמעריי... נאר אז איהר זאלט קומען אין אונזערע מקומות, וואס איך האב אייך אויסגערעכענט, אין א מענדרעוויץ, א יונעוו, א מאזעלבאזשעץ, א ראכאוו, א בילגעריי, אדער צו אונז טאקי קיין קרושניק אליין, און אנחאפען א מינדסט קינד און א פרעג טהון אויף יאנקעל יונעווער'ם קינדער, וועט איהר שוין הערען וואס מע וועט אייך זאגען! און איבערהויפט — פון מיין יחיאל'ען! דאס איז געווען, ווי זאגט איהר, שוין איין מאל א יחיאל! איהר קאנט פארשטעהן, וואס דאס איז געווען פאר א פארשוין, אז קירה־דייטש איז אריינגעקומען צו אונז קיין קרושניק, און מיר זענען געקומען א גאנצע דעפוטאציע, איך און מיין יחיאל און דער רב און דער קאזשאנע רב, דער ראבינער הייסט דאס, און די איבעריגע שבעה טובי עיר צום קאמענ־

דאַנט, און דער קאָמענדאַנט האָט געגעבען אַ רעד אַריין מיט אונז מכח קאָנטריבוציע, און מיין יחיאל איז אַרויס מיט לשון אויף ריין דייטש: „אדוני קעניג, כך וכך...“ — האָט דער דייטש בעקומען שיער אַ מיתה משונה און האָט אַ זאָג געגעבען: „אידיש! שפּרע־כען זיי אידיש!“...

מיינט איהר דאָך, אַז נור דייטש? פראַנצויז איז פראַנצויז, איינגעלש איז איינגעלש, — און אַליין, אַלסדינג פון זיך אַליין! פּויליש שמועסט מען ניט, אַז דאָס האָט גערעדט פּויליש ווי אַ געבוירענער פּאָליאַק; נאָר אפילו רוסיש האָט דאָס אויך געקענט. פון וואַנען? זאָל מיך אַזוי וויסען בייז מיט אייך אינאיינעם! אַז בסך הכל רעדט מען גאָר ניט ביי אונז אויף יונ׳יש. פאַרוואָס? אַזוי: מע האָט פיינט פאָני׳ן און מע האָט ניט ליעב זיין לשון. מיינט איהר, אַז נור מיר, קרושניקער אידען? פליאַקע מיט די וואָנסים האָט איהם נאָך טויזענד מאָל מעהר פיינט! דאָס איז נור איצטער איז מען געוואָרען „מאַיע קאַהאַנע“, אָדער „קוצעניר־מוצעניו“, ווי מע זאָגט ביי אונז, ווייל דער אדון הגדול האָט זיי צוגעזאָגט הרים וגבעות, גאָלדענע בערג, מיט אווטענאָמיע, מיט אַלע גוטע זאַכען. איז נעבען וועט מען דאָך זיי, אם ירצה השם, אַ ריינע קדחת מיט אַ פרישער פייג אויף צו פאַרבייסען — פאָני וויים וואָס ער האָט צו טהון...

נאָר איך האָב שיער פאַרגעסען, אַז מיר האַלטען נאָך גאָר פון פאַרינט, ביי דער ערשטער מאָבעליזאַציע הייסט עס. געהט זייט אַ נביא, אַז פאָני וועט שיקען זאָגען צו ווילהעלמען: „זאַטשעם טי מעניע רוגאַל“, און טאַקי מניה וביה געגעבען אַ רוף אַלע ראַטניקעס, און מיין יחיאל׳ען בתוכם, אַז „וודאַרצעט טשעטירע משאַסאַ“, איהר פאַרשטעהט צי ניין!... האָט דאָך מיינע, תוך כדי דבור, גענומען חלש׳ען און מאַכט צו מיר: „יאַנקעל, איך וועל דאָס ניט איבער־טראָגען! יאַנקעל, איך בין פאַרביי! יאַנקעל, איך שטאַרב!...“ וואָס־זשע, מיינט איהר, האָב איך דערויף געענטפערט? „נאַ־

רעשי, האב איך איהר געזאגט, דו זינדיגסט. דאס איז נאך, זאג איך, גארניש־שבגארניש אקעגען דעם, וואס קאן זיין, ווארום ביי גאט, זאג איך, איז דא אזוי פיעל, אז א מענטשענ׳ס מח איז גאר ניט אימשטאנד צו חאפען עס מיט׳ן שכל״... עפים טאקי נאר ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז אונזערע צרות הויבען זיך ערשט אן... נאר, ווי זאגט איהר: א אידינע בלייבט א אידינע. אז זי וויל גאר ניט הערען פון קיין זאך: סטייטש און סטייטש און טאקי נאך אמאל סטייטש! — איהר יחיאל, איהר פארשטעהט צי ניין!...

און אז מע וויל שמועסען דאס אייגענע צוריק, איז זי אפשר גארניט אזוי אומגערעכט געווען אויך, איך מיין מיין ווייב, מיין איך. ווארום פאר וועמען, איך בעט אייך, זאל טאקי יאנקעל יונגע־ווער׳ס זוהן געהן שלאגען זיך מיט זיינע אייגענע ברידער פון קראקע מיט לעמבעריג? פאר פאני׳ן, וואס מאכט אויף איהם פאגראמען? צי פאר פליאקען, וואס מאכט אויף איהם באיקאטען? איז איין מאל אוועק. והשנית, איז דאך עס ניט אבי ווער. דאס איז דאך עפים יחיאל! א יונגערמאן, איהר פארשטעהט צי ניין, מיט מחשבות! א מענטש מיט אייגענע געדאנקען! א זאך וואס איהם האט אויסגעוויזען, אז ס׳איז קרום, האבען געמעגט קומען כל מלכי מזרח ומעריב און זאגען ס׳איז גלייך, וואלט ניט געהאלפען.

ניט מחמת עקשנות. איין עקשן — דאס א חוצ. עקשנים זע־גען מיר אלע קרושניקער און אלע יונעווער. מיר האבען א שם פאר איינגעשפארטע. און איך אליין, ווי איהר זעהט מיך אן, בין אויך בטבע א איד, וואס לאזט זיך נישט בויגען.

אט נעמט, למשל, אט־דא אויפ׳ן שיף, זאגען אלע אידען, אז מיר׳ן קומען קיין ניו־יארק, אם ירצה השם, איבער אכטאג מאנטאג, און איך זאג אייך, אז מיר׳ן ניט קומען ניט איבעראכטאג מאנטאג, ניט דיענסטאג און ניט מיטוואך; הלואי מיר זאלען קומען איבער־אכטאג דאנערשטאג. חאטש שניידט מיך, חאטש בראקט מיך —

אַט אַזאַ מענטש בין איך! אַ סימן האָט איהר: אַ ז מ י ר
װ ע ל ע ן ל ע ב ע ן, װ ע ל ע ן מ י ר ז ע ה ע ן.

בקיצור, מע האָט אַ רוף געגעבען מיין יחיאל'ען צו דער אַפּאָל־צעניע, און אַז פּאַני רופט, קאָן מען, ווי זאָגט איהר, קיין חזיר ניט זיין און מע מוז געהן — וואָס מיר ווייב? ווער מיר קינד? (ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ ווייב מיט דריי קינדערלעך). און ער האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט אונז, מיין יחיאל הייסט עס, און מיינע, בעת מעשה, האָט, ברוך השם, גע'חלש'ט דריי מאָל, און דריי מאָל האָבען מיר זי אָפּגעמינטעװעט, און וואָס טויג אייך גרויס, מע האָט מיין יחיאל'ען, טאַקי אין קרושניק, גענעבען אַ נעם צו דער ארבייט, גלייך מיט אַלע יונים, גאַרניש אויף קאַטאָוועסען, און מע האָט איהם אָנגעהויבען, ראשית חכמה, לערנען שיסען. שיסען פון אַ ביקס. פּשוט, ווי מע שיסט, למשל, ווילדע קאַטשקעס: „ראַז, דוואַ, טרי — פּלי!" און שוין.

און מיר זענען אַ בעלן געװען, קרושניקער בעלי־בתים, געהן אַרויס דער שטאָדט זעהען, ווי מע לערענט זיי שיסען, די ראַטניקעס הייסט עס, — זאָג איך אייך, הערט איהר, אַז ס'איז חוזק מיט חוזק! און גאַרניט אַזוי שווער אויך, און שכל'דיג אודאי ניט. אויך מיר אַ תורה — שיסען! מע נעמט און מע טהוט אַ שאָס, שיסט עס. איז אָבער ניט פון דעם רעדען מיר. לאָזען זיי זיך שיסען, לאָזען זיי זיך הענגען, לאָזען זיי זיך טרינקען — וואָס האָט איהר צו מיין יחיאל'ען, אַז ער זאָל אייך געהן העלפען שיסען? אַז סך הכל, איהר פאַרשטעהט צי ניין, האָט ער אויף זיין לעבען, ווי זאָגט איהר, קיין פליעג אויף דער וואַנט ניט אָנגעריהרט. איין עוף אַ נעקוילעטעס פונ'ם שוחט, אַז מע האָט געבראַכט, האָט ער נישט געקאָנט צו־זעהען. אַ פינגער אַז עמיצער האָט זיך צעקאַליטשעט, האָט ער געקאָנט פאַלען חלשות. נעמט מען אַזאַ מענטשען און מע שטעלט איהר אוועק דערנאָכדעם סאַמע אַקעגען פייער און מע הייסט איהם, ער זאָל שיסען! און אוועקגעשטעלט האָט מען איהם אַקו־

ראַט אויף דער גרעניץ צווישען קרושניק און צווישען יונעוו, דאָרטען וואו דער דייטש איז שוין געשטאַנען גרייט אויף אַריינצוגעהן, און נאָר געוואַרט ביז מיין יחיאל וועט זיי ווייזען וואָס ער קאָן... האָט זיך אָבער מיישב געווען מיין יחיאל, — וועט איהר הערען אַ שענס — אַז ס'איז געקומען צו דער רעכטער אַרבייט: ראַז, דוואַ טרי — פּלי! — האָט ער אויפגעהויבען די ביקס אַרויף און גענומען שיסען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אין ערגיץ ניט און קיינעם ניט, נאָר גלאַט אַזוי, צו גאָט הייסט עס...

האָט דער זוואָדנע דערזעהן, אַז אַלע שיסען אַהין וואו מע דאַרף, נאָר איין יון שיסט אַרויף, איז איהם מסתמא געוואָרען די מעשה קשה'דיג. לויפט ער צו און טהוט אַ קוק — ס'איז מיין יחיאל!

האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען דער גזלן און ער איז געוואָרען מלא רציחה — עשו. לויפט ער צו צו מיין יחיאל'ען און צעשרייט זיך: „קאַק טיעביע!" און „פּשאַ קרעוו!" און „זשידאָווסקע מאָרדע!" און נאָך אַזעלכע שע: כבודים, ווי פּאַני קאָן! — „וואוהין שיסטו? אין הימעל אַריין?..."

שרעקט זיך מיין יחיאל פאַר איהם ניט שטאַרק איבער און טהוט זיך זיין זאַך — ער שיסט אַרויף.

ווערד דאָך עשו נאָך מעהר נזלן און צעשרייט זיך אויף איהם ווידער אַ מאָל מיט'ן אייגענעם „קאַק טיעביע", און „פּשאַ קרעוו", און „זשידאָווסקע מאָרדע". — „אַהין! אַהין זאָלסטו שיסען, וואו אַלע שיסען!" — און ער באַווייזט איהם מיט די הענט, וואוהין ער זאָל שיסען. שרעקט זיך מיין יחיאל ווידער ניט איבער פאַר איהם און מאַכט צו איהם גאַנץ געלאַסען:

— אַהין? דאָרט זענען דאָך מענטשען! — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווילט איהר דאָך וויסען מסתמא דעם סוף פון דער מעשה? אַזאַ סוף אויף אַלע שונאי ישראל!...

תחילת איז ער אַפילו געוואָרען, עשו הייסט עס, אביסעל ווי מטושטש און אַפּהענטיג. וואָרום אַז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע על־פּי יושר, דאָס הייסט, אין תוך אַריין גערעדט, איז דאָך עס טאַקי אַ שרעקליכע זאַך: נעמען אויף לעבעדיגע מענטשען און שיסען, ווי מע שיסט אויף פויגלען, אָדער אויף ווילדע חיות. יעדער איינציגער האָט דאָך מסתמא אין דער היים אַ טאַטען, אָדער אַ מאַמען, אָדער אַ ווייב און קינד, איהר פאַרשטעהט צי ניין! און גלאַט, וואָס איז דאָס פאַר איין עובדה — מענטשען זאָלען זיך שיסען איינס דאָס אַנדערע?!... — נאָר צוריק אָבער — מלחמה! דינא דמלכותא! און אַזאַ זאַך ווייסט איהר מיט וואָס עס שמעקט? מורד במלכות — איז אחת דתו להמית: קאַראַ שמערטש! דערפאַר קומט הענגען, שיסען, גנאַטעווען, פערטלען — אַ קלייניגקייט? מורד במלכות!

איז דאָך אָבער פאַרהאַן, ווי זאָגט איהר, אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט. וואָס טהוט גאָט ברוך הוא? וועט איהר הערען אַ שענס. באַדאַרף זיך טרעפען אַזוי, אַז אַקוראַט יענעם טאָג, אין יענער שעה, אויסגערעכענט פּונקט ווי אַ זייגער, נעמען די דייטשען און מאַרשירען אַריין צו אונז אין גרויס־פּוילען גאָר פון איין אַנדער זייט. האָט פּאַני נעבאַך אַוועקגעוואָרפען הכל־בכל־מכל־פּלעקעל, האָט גענומען מאַכען פּיס — על חטא שחטאנו לפניך בריצת רגלים — ווי זאָגט איהר, קיין צייט געהאַט אַרומקוקען זיך צוריק אַפילו! און דאָס האָט דאָך געטהאָן טאַקי אונזער אידישער גאָט צוליעב מיין יחיאל'ן טאַקי! ס'איז איהם באַשערט געווען, אַפּנים, דערנאָך אַריינצופאַלען צו די דייטשען אין די הענט אַריין... נאָר שאַ! מיר דאַכט, אַז מע בלאָזט שוין אַ תקיעה גדולה. דאָס גיט מען אונז צו וויסען, אַז ס'איז צייט געהן אַ טראַכט טהון מכח אכילה.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר אין אייערע קאַיוטען — מיר, פּאַסאַזשירען פון דריטער קלאַס, זענען זיך נוהג, איהר פאַרשטעהט צי־

ניין, מיר עסען אלע טאג, צוויי מאל, דריי מאל א טאג. איך געה נישט אריין אין חקירות, וואס מ י ר עסען און וואס א י ה ר עסט, און איך פרעג אייך נישט פון וואסער א שחיטה איהר עסט דארטען אין ערשטער קלאס און צי פארזוכט איהר ניט א מאל פון דעם, וואס סע קווימשעט — איך בין ניט גאט'ס סטראפטשע. מיר, פאסאזשירען פון דריטער קלאס, בענוגענען זיך מיט א כשר'ע פרי, וואס מע מאכט אויף איהר בורא פרי אדמה. פון אמעריקא, זאגט מען, שטאמט זי, די דאזיגע פרי, און הייסט דארט מיט א מאדנעם נאמען: „פעטייטעס". באדארף מען, הייסט עס, געהן, ווי זאגט איהר, איבערהאפען דעם הונגער, און דערנאך וועלען מיר קאנען זיך אוועקזעצען נאך אמאל אט־א־דא, אויפ'ן צווישענדעק, און דער־צעהלען זיך ווייטער אונזערע מעשיות פון טויזענד איין נאכט, נסים ונפלאות, יציאת מצרים, א מעשה נאך א מעשה, און אלסדינג בקיצור, מחמת איך האב פיינט לאנגע מעשיות. א מעשה, וואס זי איז קירצער, איז זי שענער. און דערווייל וועלען מיר אייך וויג־שעווען א גוטען אפעטיט, אדער, ווי מע זאגט ביי אונז אין דער־היים: „ ברוכים היושבים, קומט עסען, עסט געזונד...

3.

יחיאל א משכון.

——— האבען מיר, הייסט עס, פאני שלום־עליכם, זיך אביסעל, ווי זאגט איהר, אונטערגעפיטערט. אצינד זעצט זיך אקארשט אוועק, זייט מוחל, ווידער אמאל אט־א־דא, צווישענדעק, וועלען מיר זיך דערצעהלען ווייטער אונזערע מעשיות פון טויזענד איין נאכט, א מעשה נאך א מעשה, און נישט געהאפט, און בקיצור, נאך דעם תמצית פון יעדער מעשה, אזוי ווי איהר האט ליעב.

איז אויף וואס, איינענטליך, האבען מיר זיך געהאט אפגע־שטעלט? יא, אויפ'ן ערשטען שאס, ווי אזוי מיין יחיאל, הייסט

עס, האָט ניט געוואָלט צוליעב טהון פאַני'ן און איידער ער זאָל שיסען אויף מענטשען האָט ער בעסער געשאָסען אַרויף, אין הימעל אַריין, צו גאָט הייסט עס. איז איהם דערפאַר געקומען קרימינאַל, אַרבע מיתות בית־דין, אַ קליינינקייט — מורד במלכות! האָבען מיר דאָך אַ שטאַרקען גאָט; וואָס טהוט דער אויבערשטער? באַווייזט ער אַ נס און עס קומט אַריין צו אונז קיין פּוילען אַקוראַט אין יענעם טאָג, איהר פאַרשטעהט צי ניין, דער דייטש בכבודו ובעצמו, נאָר ווי אַזוי, מיינט איהר, איז ער אַריינגעקומען? בתופים ובמחולות — מיט מוזיק און מיט געזאַנג, האָט זיך צעלעגט ווי ביי'ם טאַטען אין וויינגאָרטען און געוואָרען בעל־הבית, גלייך ווי קרושניק און יונעוו און לובלין און גאַנץ גרויס־פּוילען איז זיין טאַטענס ירושה פון קדמונים.

האָט דאָס אונז, קרושניקער בעלי־בתים, פון דער לכתחילה אַ ביסעלע פאַרדראָסען: ממה נפשך, גאָט ברוך הוא האָט דיר געגעבען אַ שטיקעלע הצלחה, ביזט אַריין — מהכתיתי, לאָז זיין, ווי זאָגט איהר, אין אַ גוטער שעה; נעם, זעץ זיך אַנידער און שרייב אַוועק צו דיין מלך אַ בריוועל: „הנה זיי וויסען, אדוני קיניג, אַזוי און אַזוי — אַז איך בין אַריין אין גרויס־פּוילען, און מהיום והלאה איז דאָס קרושניק, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו ניקאָלאַי'ען, געהער עס היינט צו דיר מיט'ן גאַנצען מאַרק, מיט די געוועלבען, מיט'ן קאָשטשאָל, מיט, להבדיל, די אידישע בתי־מדרשים, און מיט'ן אַלטען און מיט'ן נייעם בית עולם" — און שוין! צו וואָס נאָך דאָס זינגען מיט'ן טאַנצען מיט'ן גאַנצען טאַרעראַם?

נאָר, ווידער צוריק שמועסענדיג, איך זאָל אייך געהן דערצעהלען התנצלות, אַז פאַר אונז, קרושניקער אידען, איז יענער טאָג געווען תשעה באָב — וועט דאָס אויך זיין ניט קיין אמת. ניין, קרושניק האָט זיך ניט אָוועקגעזעצט וויינען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, האָט אַפילו קיין קרעכץ נישט געגעבען דערויף, למאי זאָל איך ליגען זאָגען? וואָרום וואָס איז דאָ דער געוויין? אויף דעם, וואָס פאַני

וועט האבען חלילה ווינציגער מיט א שטאדט, צי אפילו מיט א גובערניע? ער האט זיי געגוג! צי איך זאל אייך זאגען, מיר האבען זיך שטארק פארבענקט נאך א פאגראם? איז אויך ניט אזוי די מעשה, ווארום אז מיר וועלען זוכה זיין ביי גאט, קאנען מיר עס הארכען, ניט דערלעבען זאל ער עס, פון דער ווייטען...

בלייבט איבער נאר איין זאך: די שפראך, דאס „רשעות"; מיר וועלען דארפען, הייסט עס, צולערנען זיך א ביסעל דייטש און חלילה פארגעסען דאס גאנצע ביסעל „רשעות"; איז דאס אפשר טאקי א שטיקעל עולה, נאר איך האב מורא, אז דאס דייטשע לשון איז אביסעל נעהענטער צו אונז פונ'ם רוסישען „קאק טיעביע" און מיט'ן רוסישען „זשידאווסקע מארדע". און אויב איהר ווילט, וועל איך אייך איינרוימען א סוד אויפ'ן אויהער, וואס איך האב עס אליין געהערט פון מיין יחיאל'עו, אז בסך הכל איז קיין רוסישע שפראך, איהר פארשטעהט צי ניין, גארנישט בנמצא. נישטא קיין רוסיש לשון אויף דער וועלט — אויס רשעות, ווארום פאני האט אלע זיינע ווערטער במחילה אוועקגע'לקח'ענט ביי פרעמדע, אביסעל ביי אונז און אביסעל ביי אנדערע. און בכדי מע זאל ניט דערקענען, האט ער זיי איבערגעאנדערשט און צוגעפוצט אויף זיין שטייגער. למשל: „סאבאטע" — דאס האט ער גלייך אוועקגע'גנבה'ט ביי אונז פון „שבת", „פאסקא" — פון „פסח", „לונא" — פון „לבנה", „רובל" — פון „ריבל", „קאפייקא" — פון „קאפיקע", „גראשי" — פון „גראשען", „סטאראזש" — פון „סטרוזש", „וואדקא" — פון „בראנפען", און אזוי ווייטער...

הקיצור, ער איז אריין, דער דייטש הייסט עס, אין גרויספוילען — גאט ליעב אייך מיט אייער גאסט! באדארף מען איהם אויפנעמען, ווי געוויינטליך, א גאסט, א נייעם מלכות, מיט ברויט און מיט זאלץ, אזוי ווי גאט האט געבאטען.

די ערשטע האבען זיך אווארף געטהאן צו איהם מיט א ברוך הבא, געוויינטליך, די פוילען. פליאסע האט אויסגעגלעט די וואנ־

סיס, זיך אויסגעצויגען אין דער לענג, און טאַקי תוך כדי דבור אָנ־געבויגען זיך נידעריג צו דער ערד: „פּראָשען פּאַנאַ! פּאַדאַם דאָ נאָג! צעלאָיען רענקי!" — ווי פּליאַקעס קאָן. זאָלען מיר שווייגען? איז געבליבען, אַז באַלד נאָך זיי, נאָך די פּוילען הייסט עס, זאָלען מיר, קרושניקער אידען, אויך אַרויסקומען מיט אונזער קבלת פּנים. פרעגט זיך: מי ומי ההולכים? — ווער זאָל געהן אויפנעמען אַזאַ געהויבענעם גאַסט? פאַרשטעהט זיך, די פּני, די שבעה טובי העיר, די פאַרנעמסטע בעלי־בתים פון שטאָדט, און איך, יאַנקעל יונגוועד, און מיין זוהן, יחיאל בתוכם.

צו וואָס עפּיס מיין יחיאל? צוליעב דער שפּראַך. טאָמער וועט מען דאַרפען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַרויס מיט לשון, איז ניטאָ קיינער אין דערהיים, אחוץ מיין יחיאל...

האָבען מיר זיך, הייסט עס, צענויפגענומען און אַוועק מיט ברויט און מיט זאַלץ. אָנגעטהאָן זענען מיר אַלע געוועזן יום־טוב'דיג, פיין, מיט צילינדערס, מעשה דעפּוטאַציע, און גוט געצייטערט: אַ נייער מלכות, איהר פאַרשטעהט צי ניין, ווער ווייסט, ווי אַזוי ער וועט אונז אויפנעמען?

און כך הוה: ווי נור מיר זענען צו איהם אַריינגעקומען, צום קאָמענדאַנט הייסט עס, אַזוי האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אַ סדרה: קאָנטריבוציע.

דאָס הייסט, למאי זאָל איך זאָגען אַ ליגען, אַז איך קאָן זאָגען איין אמת? אָנגעהויבען האָט ער, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, ניט פון קאָנטריבוציע — קאָנטריבוציע איז געוועזן נאָכדעם — פון קאָזאַקען האָט ער גאָר אָנגעהויבען. מיר זאָלען איהם זאָגען, הייסט עס, וואו געפינען זיך דאָ ערגיץ די רוסישע קאָזאַקען? און איין מאָל פאַר אַלע מאָל — קאָזאַקען זאָל מען איהם געבען, און קאָזאַקען און קאָזאַקען! און קוקען קוקט ער אויף אונז בעת מעשה מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי יעדער פון אונז האָט ביי זיך אין קע־שעני באַהאַלטען כאָטש אַ האַלב טוץ קאָזאַקען.

שוועהרען מיר איהם מן הסתם מיט כל השבועות, ווי מיר האָבען היינט יום גימל אויף דער גאַנצער וועלט, אַז ס'איז ניטאָ ביי אונז קיין קאָזאַקען, איהר זאָלט זאָגען אפילו איין קאָזאַק אויף א רפואה! דער אויבערשטער, זאָגען מיר, האָט אונז אויסגעהיט פון אָט דעם אַנטיק, הלואי ווייטער...

אהין — אהער, ער האָט אַרויסגעזעהען, דער דייטש הייסט עס, אַז ער וועט מיט אונז גאָר ניט מאַכען, רופט ער זיך אָן צו אונז: „געדענקט זשע, זאָגט ער, טאָמער געפינט זיך ביי אייך ערגיץ באַהאַלטען אַ קאָזאַק, אָדער טאָמער שיסט מען עמיצען פון אַ פענסטער"... „שיסען, זאָגען מיר, פון אַ פענסטער? ביי אונז אין קרושניק? ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכען, כּלעבען! וואָלטען מיר שוין אַזוי ריין געווען, זאָגען מיר, פון מלחמות און פון דייטשען און פון צרות און פון שלעק!"

הערט ער אונז אויס, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און רופט זיך אָן צו אונז: „געדענקט זשע, זאָגט ער, די קאָזאַקען וועלען אייך קאָסטען טייער! פאַר יעדען קאָזאַק, זאָגט ער, וועט איהר מיר באַצאָהלען מיט צעהן אידען (איהר הערט ווערטער?), און אַצינד, זאָגט ער, קינדערלעך, קאָנטריבוציע!"...

איז אונז געוואָרען רעכט קאַלעמוטנע אויפ'ן הארצען! נאָך אַ מאָל: פאַר וואָס זאָלען מיר צאָהלען קאָנטריבוציע? קאָנטריבוציע איז שייך צו אַ מלוכה. אַ מלוכה האָט געפיהרט אַ מלחמה און האָט פאַרשפּיעלט די מלחמה, באַדאַרף זי צאָהלען קאָנטריבוציע. איז אַז מע וויל אין תוך אריין, איז עס אויך ניט אינגאַנצען על פּי יושר: לאָ די איך האָב פאַרשפּיעלט, נעהאַט אַ מפּלה הייסט עס, באַדאַרף איך נאָך, איהר פאַרשטעהט צי ניין, צאָהלען קאָנטריבוציע! מילא, בין איך אייך מוחל — איז ניט על־פּי יושר; אָבער וואָס געהער זיך עס אָן מיט אונז, קרושניקער אידען? ניט מיר האָבען געפיהרט מלחמה, ניט מיר האָבען זי פאַרשפּיעלט. מיר וויסען נאָר, אַז מיר זענען אויף גרויסע צרות: פאָני פון איין זייט,

פּליאַקע פון דער אַנדערער זייט—וואָס די צוויי ווינשעווען זיך איינס דאָס אַנדערע מעג עס זיי ביידען מקוים ווערען... דערווייל זענען מיר אין מיטען, גרייט חאַפּען קלעפּ פון ביידע צדדים — איז קאַרג? דאַרפען מיר נאָך אַ דריטען, אַ דייטש אויף זיך, וואָס הייסט זיך באַצאָהלען מיט קאָנטריבוציע! מי יודע וואָס פאַר אַ קאָנטריבוציע דער דייטש קאָן זיך הייסען אָנמעסטען? וואו וועלען מיר עס נעמען?

מאַכען מיר זיך גע׳פּגר׳ט, גלייך ווי מיר פאַרשטעהען גאָר ניט אפילו די טייטש פון׳ם וואָרט „קאָנטריבוציע“, און מיר ווייסען גאָר ניט מיט וואָס מע עסט עס. פּוילט ער זיך ניט, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און זאָגט אונז נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע און באַווייזט אונז שוין מיט די פינגער, ווי זאָגט איהר, „פּעטי־מעטי“ — „געלד, זאָגט ער, געלד מיין איך!“ „געלד? — זאָגען מיר. — ווי קומט צו אונז געלד? אַ שטאָדט פון קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים!“... מאַכט ער זיך אויך גע׳פּגר׳ט, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און רופט זיך אָן תמעוואַטע: „איהר׳ט מוחל זיין, זאָגט ער, צעהן טויזענד באַרעס, במזומנים הייסט עס; דאָס איז, זאָגט ער, נומער איינס. און ברויט מיט פלייש פאַר די סאָלדאַטען איז צוויי. און דאָס דריטע: היי און האָבער פאַר די פערד, ווי זאָגט איהר, מספּוא לגמלים, און פינף שעה צייט געב איך אייך, זאָגט ער, אויף צו באַטראַכטען זיך“. און ער באַווייזט אונז אויף די פינגער: „פינף שטונדען!“ און טהוט אַ וואונק צו דער טהיר, הייסט אונז געהן.

קאָן מען, ווי זאָגט איהר, אַזוי גוֹיאָב ניט זיין און מע מוז געהן. הויבען מיר זיך אויף און ווילען אָנהויבען געהן. מאַכט ער צו אונז, דער קאָמענדאַנט הייסט עס: „געהן וועט איהר געהן, נאָר ניט אַלע, זאָגט ער; דריי פון אייך לאָז איך איבער, זאָגט ער, ביי מיר פאַר אַ משכון, בכדי איך זאָל זיין, זאָגט ער, זיכער מיט אייער קאָנטריבוציע“.

און ער נעמט, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און לאָזט איבער בײַ זיך דעם רב און דעם קאַזשאַנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, איז צוויי, און מײַן יחיאל׳ען אַ דריטען, איהר פֿאַרשטעהט צי ניין, און מיר געהען שוין אַהיים אָהן דעם רב און אָהן דעם קאַזשאַנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און אָהן מײַן יחיאל׳ען.

איך געה און די ערד וויעגט זיך אונטער מיר: וואָס פֿאַר אַ תירוץ וועל איך, אשטײגער, זאָגען פֿאַר מײַן ווייב, אַז זי וועט מיך פֿרעגען, וואו איז איהר זוהן? און וואָס וועל איך זאָגען צו מײַן שנור, אַז זי וועט מיך פֿרעגען, וואו איז איהר מאַן? אויף וועלכע גוטע יאָהר האָב איך גאָר אײַנגאַנצען באַדאַרפֿט מיטשלעפּען אין דער דעפּוטאַציע מײַן יחיאל׳ען, פֿאַרוויסט און פֿאַרפֿינסטערט בין איך געוואָרען, אַז ער זאָל אַרײַן אין געפֿענקעניש פֿאַר אַ משכון?! מײַן יחיאל אַ משכון?!!... און וואָס הייסט, אייגענטליך, אַ משכון? איך צעפּרעג מיך בײַ מײַנע קרושניקער בעלי־בתים — זײַ ווייסען מעהר פֿון אַ טוידטען! פֿויל איך מיך ניט און טהו אַ לויף אַוועק צוריק צום פּריץ, צום קאָמענדאַנט הייסט עס: „אַזוי און אַזוי, אדוני קיניג, וואָס הייסט אַ משכון? וואָס איז דער פּשט דערפֿון?" צעלאַכט ער זיך, דער דײַטש, און מאַכט צו מיר: „אַ משכון הייסט, אַז טאָמער ברענגט איהר מיר ניט צו דער צײַט די קאָנטריבוציע, ווערען זײַ געשאָסען".

איז ווי ער האָט דאָס מיר אויסגערעדט, אַזוי איז מיר געוואָרען, איהר פֿאַרשטעהט צי ניין, קאַלט אין אַלע אברים און פֿינסטער אין די אויגען, און איך נעם און טהו אַ פֿאַל־צו צו איהם צו די פֿיס: „לאָז אַרויס, זאָג איך, מײַן זוהן, און נעם, זאָג איך, בעסער מיך, זאָג איך, פֿאַר אַ משכון!"... צעלאַכט ער זיך ווידער אַמאָל: „ניין, זאָגט ער, דיך דאַרף איך ניט, איך דאַרף דײַן זוהן"... איהר הערט? ער דאַרף מײַן זוהן!!... מײַן זוהן באַדאַרף ער האָבען!!!...

שוין! מע בלאזט שוין ווידער שופר... דאס רופט מען אייך מסתמא צו א גלעזעל טיי, און ס'איז שוין טאקי צייט אייך דורכ־צושוועכען דעם האלז, האטש רעדען האב איך גערעדט די גאנצע צייט, נים איהר. נעהמט זשע, פאני שלום־עליכם, טרינקט אייך אויס אייער גלעזעל טיי, איהר פארשטעהט צי ניין, און קומט באלד צו־ריק, וועל איך אייך דערצעהלען ווייטער, ווי אזוי מיר, קרושניקער אידען הייסט עס, האבען געצאהלט דעם דייטש קאנטריבוציע. דאס איז זיך א גאנץ באזונדערע מעשה פאר זיך, מיט א מוסר־השכל, וואס איז כדאי איהר זאלט זי אויסהערען מיט קאפ. אויף ווי־דערזעהן.

4.

קאנטריבוציע.

— — — איז וואו האלטען מיר, הייסט עס? — ביי דער קאנ־טריבוציע. צעהנטויזענד קאנטריבוציע הייסט ער זיך באצאהלען, דער דייטש, קלאפ און צעהל, במזומנים הייסט עס, און חוץ לזה ברויט מיט פלייש פאר די סאלדאטען, און היי און האבער פאר די פערד, און פינף שעה צייט גיט ער אונז אויף צו באטראכטען זיך, און פאר א באוואהרעניש האט ער גענומען ביי אונז א משכון — דעם רב און דעם קאזשאנער רב, דעם ראבינער הייסט עס, און מיין יחיאל'ען א דריטען, דאס הייסט, איהר פארשטעהט צי ניין, קוים וועט אויסגעהן די פינף שעה און מיר וועלען איהם נים צושטעלען אלסדינג, וואס ער פאדערט, איז פארפאלען — ווערען זיי געשאסען!

קאנט איהר שוין פארשטעהן, פאני שלום־עליכם, וואס ס'האט זיך אפגעטהאן דערנאך ביי אונז אין קרושניק? און וואס ביי מיר אין שטוב איז געווארען — וויל איך שוין גארנים רעדען! חושך! חושך ואפילה!!... מען איז גלייך אוועק אלע אידען אין די בתי־מדרשים און מע האט זיך געגעבען א נעם צום תהלים, גוזר תענית

געוועזן אויך, ווי זאָגט איהר, אונזערע אַלטע מיטלען. די געוויינען מיט די געשרייען האָבען דערגרייכט עד לב השמים — ביז׳ן זיבעטען הי־מעל אריין! גוואַלד, אידישע קינדער, גיט עפּיס איין עצה, געפינט עפּיס איין אויסוועג, וואָס טהוט מען? אזא גזירה!... מילא, ברויט און פליייש פאַר די סאָלדאַטען און היי און האָבער פאר די פערד — וואָס זאָל מען טהון? עלעהיי, לאָז זיך אונז דאכטען, פאָני האָט זיך אַריינגעריסען, קאָזאַקען זענען באַפאַלען, אָדער גלאַט הלילה אַ פּאָגראָם — וואָלט געוועזן בעסער? נאָר וואו װעלען מיר נעמען דאָס ביסעל מזומנ׳ס? די עשרת אלפים? צעהן טויזענד רובעל, איהר פאַרשטעהט צי ניין! ס׳איז אַקוראַט ווי מע זאָל אונז זאָגען, אַשטייגער, צעהן טויזענד מיליאָן! נאָר ס׳איז עפּיס אַ תירוץ? אַ גזירה! און נאָך מיט אַ משכון אויך! אזא משכון! לעבעדיגע נפשות! צוויי רבנים און מיין יחיאל אַ דריטער! נו, ווי מיינט איהר, וועלען מיר שווייגען? נאָר וואָס וועט אונז העלפען, אַז מיר׳ן שרייען? און דערווייל די צייט שטעהט נים. אָט־אָט, אָקערשט ווי מע קוקט זיך ארום, איהר פאַרשטעהט צי ניין, לויפען איבער די עטליכע שעה און פאַרפאַלען! וואָס וועט זיין מיט׳ן משכון? מיט די לעבעדיגע נפשות??

פאַלט איינער אויף איין עצה, וועט איהר הערען, און דוקא זאַ איד אַ פיינער בעל־הבית, חזקאל מנוחה׳ס רופט מען איהם. ער איז מנוחה׳ס אַ מאַן און מיינער אַ מחותן. מאָהלט אייך, ער וואָלט לאַנג געמעגט ווארטען ביז איך וואָלט מיט איהם שליסען מחותנ׳ע־שאַפט, נאָר ס׳איז דרינען אַ גאַנצע מעשה, וואָס איך וועל אייך ניערצעהלען, אם ירצה השם, איין אַנדערס מאָל. איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט מישען איין מעשה מיט דער אַנדערער און האָב ליעב, ווי זאָגט איהר, אַ ווארט און צוויי און אראָפּ פון מארק.

די מנוחה, וואָס איך זאָג אייך, איז אַ שם־דבר, אַ מאַנסבילשער קאָפּ אויף איהר, אַ אידינע אַ קאָזאַק! איהר קאָנט פאַרשטעהן שוין

פון דעם אליין, אז מע רופט דעם מאן אויפ׳ן ווייב׳ס נאמען, איז איינס פון די צוויי: אדער דער מאן איז א גארניש שבגארניש, אדער דאס ווייב איז א גאנצער יא־טעבי־דאם.

דא האט איהר ביידע זאכען: חוץ וואס זי איז א גאנצער ספאדיק, איז ער א כשר׳ע בהמה, א זאק פאלאווע, א שענע באָרד און ווייטער גארניש. איצט וועט איהר הארכען א שענס, וואס א איד פארגינט זיך.

דערהערט פון דעם גרויסען אומגליק, אז דער דייטש הייסט זיך באצאהלען צעהן טויזענד קאנטריבוציע, און אז ער האט פאר־האלטען א משכון דעם רב מיט׳ן קאזשאנע רב, דעם ראבינער הייסט דאס, און מיין יחיאל׳ען א דריטען, איז זיך מיישב אט דער לעקיש, מיין מחותן טאקי, און גיט אט אזא איין עצה: לאז מען, זאגט ער, נעמען פון אלע בתי־מדרשים, זאגט ער, פארהאן דארטען, זאגט ער, צו עטליכע רייניגקייטען, ספר־תורה׳ס הייסט עס...

מעהר האט ער שוין אבער א ווארט נישט גערעדט. קיין האל־בען ווארט אפילו. דאס האב א י ך איהם געמאכט שווייגען. איך בין, דארפט איהר וויסען, א מענטש א היציגער און א כהן דערצו. און א כהן, זאגט מען, איז א בעל כעסן, חאטש אפילו כעס, זאגט מען, איז ניט אזא שענע מדה, כעס איז, זאגט מען, עבודה זרה. נאר מען איז דאך ניט מעהר ווי א מענטש, איהר פארשטעהט צי ניין, האט דאס מיר געגעבען א נעם־אן ביים הארצען און עס האט זיך אין מיר צעפלאקערט א פייער, ס׳איז מיר, הערט איהר, אזש פינסטער געווארען אין די אויגען! און איך האב איהם אוועק־געגעבען א גאב — וואס ס׳איז מיר געקומען אויף דער צונג, דאס האב איך איהם אריינגעזאגט. מיין גאנץ ביטער הארץ האב איך אויסגעלאזט צו זיין קאפ: „נאך דאס פעהלט אונז, האב איך איהם געזאגט, אז מיר זאלען אליין בידים, זאג איך, נעמען און אוועקגע־בען דאס איינציגע און דאס הייליגסטע, וואס מיר פארמאגען? צו־ביליג איז געווארען, זאג איך, ביי אונז די תורה! ווער ס׳זאל

ניט דורכפאָהרען פאַרביי, — אַ ביסקאָפּ, אַ גלח, אַ גובערנאַטאָר, אַ ספּראַוניק, אַ שוואַרץ יאָהר — טראָגען מיר איהם אַרויס די תורה! אַלעמען די תורה! אַ, ניט דערלעבען, זאָג איך, וועלען דאָס נישט אונזערע שונאים און נישט מיר אַליין, אַז מיר זאָלען זיך צעשיידען מיט אונזער איינציגען מאַיאָנטעק, וואָס מיר פאַרמאָגען! מיר וועלען זיך גיכער, זאָג איך, פאַרקויפען פאַר קנעכט, מיר מיט אונזערע ווייבער און קינדער און קינדס־קינדער, נאָר גאָט'ס תורה, זאָג איך, — אַזאַס! דאָס, זאָג איך, וועלען מיר נישט אוועקגעבען פאַר כל הון דעלמא! לאָז מען אונז שניידען, זאָג איך, לאָז מען אונז בראָקען, לאָז מען אונז בראָטען, לאָז מען אונז ברענען, ווי מע האָט געשניטען און געבראָקט, געברענט און געבראָטען אונזערע אָבות אבותינו!" גוט־גוט אריינגעזאָגט, און איך האָב מיך אַזש צעוויינט פאַר הארצוועהטיג.

חאַפּט ער מיך אָן פאַר ביידע הענט, דער מחותן מיינער, און זאָגט צו מיר: „משוגע'נער כהן, זאָגט ער, וואָס איהר זענט! איך האָב, זאָגט ער, גאָר אַזוי ווייט ניט געמיינט, זעהט נור אַביסעל! איך האָב נור געזאָגט, זאָגט ער, אַז מיר זאָלען נעמען, זאָגט ער, די רייניגקייטען און קומען צו איהם, זאָגט ער, מיט די רייניגקייטען און זאָגען, זאָגט ער, אָט דאָס פאַרמאָגען מיר און דאָס האָבען מיר, און ווייטער טהו מיט אונז וואָס דו ווילסט, מיר זענען ביי דיר אין די הענט... וועט ער, זאָגט ער, אויף אונז רחמנות האָבען און וועט פאַרגעסען, זאָגט ער, פון דער גאַנצער געשיכטע מיט דער קאָנטריבוציע מיט אַלע מיט איין אַנדער, און מיר'ען דערווייל, זאָגט ער, אויסגעלייזט ווערען פון איין אומגליק"... געפעלט אייך אַ איד אַ חכם?

בקיצור, אויסגעפיהרט מסתמא האָב א י ך, ניט ער; מיר האָבען די ספר־תורה'ס נישט געריהרט פון אָרט. גענומען האָבען מיר, איהר פאַרשטעהט צי ניין, די פּרוכת'ן מיט די העמדעלעך, מיט די גאַרטעלעך, מיט די יד'לעך און מיט די עץ־החיים'ס —

אַלסדינג, וואָס איז פון ריין זילבער, ווי זאָגט איהר, כסף טהור, און מיר האָבען דאָס געבראַכט איהם צו טראָגען, דעם קאָמענדאַנט הייסט עס, און צוגעפאַלען צו איהם, און אַ גוטען ווין געטהאָן דערביי, און געזאָגט צו איהם: „אדוני קיניג, כך וכך, אַט דאָס פּאַרמאָגען מיר און דאָס האָבען מיר, און ווייטער טהו מיט אונז וואָס דו ווילסט, מיר זענען ביי דיר אין די הענט"...

איז דאָך אָבער פּאַרהאַן אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט, איהר פאַרשטעהט צי ניין, וואָס טהוט דער אויבערשטער? שטעהט ער אויף, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, טהוט אונז אַ קוק אין די אויגען אריין, און איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז ער איז געוואָרען עפּיס ווי מטושטש, ווי פאַרשעהמט איז ער געווען... דערנאָך געהט ער צו צום טיש, נעמט די אַלע זאַכען, וואָס מיר האָבען איהם גע־בראַכט צו טראָגען, באַטראַכט זיי איינציגווייז, יעדע זאַך באַזונ־דער, און רופט זיך אָן צו אונז: „מיינע הערען! איהר קאָנט עס, זאָגט ער, נעמען צוריק. איך דאַרף עס נישט. מיר זענען ניט קיין פעלד־גזלנים, זאָגט ער, און נישט קיין קאָזאַקען. ס'איז איי־ערע קאָזאַקען, זאָגט ער, זענען געוואוינט געוואָרען צו ראַבירען בתי־מדרשים און הייליגע זאַכען. מיר זענען, זאָגט ער, דייטשען און אונזער קאיזער, זאָגט ער, ברויכט ניט אייערע הייליגקייטען".

כהאי לישנא, איך בין אייך נישט מגזם אפילו אַ האָר — איך האָב פיינט אַזעלכע זאַכען.

און וואָס טויג אייך, דער גוי איז געוואָרען גאָר איין אַנדער גוי, איהר פאַרשטעהט צי ניין, און איין אַנדער פּנים, אַנ־דערע אויגען און איין אַנדער לשון, — שיער־שיער ניט געבעטען אונז זיצען, און האָט באַלד ארויסגעגעבען אַ באַפויל, מע זאָל ארויסלאָזען די פאַרהאַלטענע, דעם רב און דעם קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און אַז ס'איז געקומען צו מיין יחיאל'ען, וואָס איך האָב שוין געוואָלט דערלעבען איהם זעהען אין דערהיים, איהר פאַרשטעהט צי ניין, ביי זיין ווייב מיט זיין קינד, נעמט ער, דער

קאָמענדאַנט הייסט עס, און לעגט אַרויף די האַנד אויף זיין פּלייצע און רופט זיך אָן צו מיר: „אַט דאָס איז דיין זוהן?“ רוף איך זיך אָן: „ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר — וואָס איז דען?“ „איהם, זאָגט ער, לאָז איך נישט אַרויס. איהם לאָז איך, זאָגט ער, איבער ביי מיר“... נאָר שאַ! מע בלאָזט שוין ווידער אַ תקיעה גדולה. דאָס רופט מען אונז שוין צו דער שענער וועטשערע אין אַ גוטער שעה. אויב איהר'ט וועלען, קאָנט איהר אַרויסגעהן באַלד נאָך דער וועטשערע, וועלען מיר אייך דערצעהלען ווייטער. און אַז ניט, קאָנען מיר דאָס איבערלאָזען אויף מאָרגען, אם ירצה השם. דער עיקר, איהר זאָלט נאָר געדענקען וואו מיר האַלטען אין די יוצרות. און בכדי איהר זאָלט ניט פאַרגעסען, וועל איך אייך געבען איין עצה: אַז איהר האָרכט פון מיר, למשל, אַ מעשה, נעמט מען אַ ביכעלע, מע זעצט זיך אוועקעט מיט אַ בליישטיפט אין האַנד, איהר פאַרשטעהט צי ניין, און מע פאַרשרייבט דאָס אַלסדינג וואָרט ביי וואָרט אויף פּאַפּיער, אַזוי ווי איהר קאָנט — און לאָז עס טאַקי בלייבען פאַרשריבען, ווי זאָגט איהר, לזכרון — אויף דור דורות.

5.

יחיאל — אַ „בירגערמייסטער“.

— — — זענט איהר חאָטש גוט געשלאָפען, פּאַני שלום־עליכם? איך, ברוך השם, ניט. איך ווייס ניט פון קיין שלאָף, איך זאָל שוין אַזוי ניט וויסען פון קיין שלעכטס מיט אייך אינ־איינעם. ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל מיר שיסט אין די אויערען. עס שיסט נאָך פון דעמאָלט אָן, עס וויל גאָרנישט אויפּהערען צו שיסען. און פון ביידע זייטען שיסט עס מיר, איהר פאַרשטעהט צי ניין? — פון איין זייט דער דייטש און פון דער אַנדערער זייט פּאַני. און ווער איך אַנשלאָפען אויף אַ וויילע — אַזוי קומט מיר אַקעגען מיין יחיאל, ווי ער שטעהט אַ צוגעבונדע־

נער צו א בוים, די הענט ארונטער, קוקט אויף מיר טרויעריג, און מיט ליעבשאפט, און מיט טרערען אין די אויגען, גלייך ווי ער וואלט זאגען צו מיר: „זיי געזונט, טאטע, מיר זעהען זיך שוין ניט מעהר!"... נאר איך פארחאפ אייך, ווי זאגט איהר, די לאק־שען פאר די פיש, און איהר האט דאך ניט ליעב, אז מע חאפט, ווארום פון איילעניש, זאגט איהר, קומט קיין גוטס ניט ארויס, און צייט האבען מיר דא אויפ׳ן שיף, געלויבט דער אויבערשטער, געגוג, קאנען מיר זיך דעריבער פארגינען זיצען מעהר מיט א האל־בע שעה. וואס קאן דא זיין? די גרויסע געשעפטען? אדער מע עסט, אדער מע שלאפט, אדער מע נודעט זיך גלאט קוקענדיג אין ים אריין — וואסער און הימעל, הימעל און וואסער! מענטשען האבען אויסגעטראכט א נסיעה — טפו, גאט זאל ניט שטראפען פאר די רעד!

וואו זשע, הייסט עס, האלטען מיר? ביי מיין יחיאל׳ען. ווי אזוי קירה־דייטש האט איהם פארהאלטען אינאיינעם מיט׳ן רב און מיט׳ן קאזשאנע רב, דעם ראבינער הייסט עס, א משכון פאר דער קאנטריבוציע, וואס ער האט זיך געהייסען באצאהלען, און דערנאכדעם, ווי אזוי ער האט די רבנים ארויסגעלאזט, און מיין יחיאל׳ען האט ער זיך באטראכט, דער דייטש הייסט עס, און האט איהם איבערגעלאזט ביי זיך — ער וועט איהם, זאגט ער, צונויף קומען.

מיט וואס פאר א הארץ איך בין אהיים געקומען אהן מיין זוהן — בעדארף איך אייך ניט דערצעהלען קיין מעשיות. איהר זענט דאך א פאטער און האט קינדער, פיהלט איהר שוין דעם טעם. און וואלט איך אליין חאטש נישט געווען דער גאנצער חייב, וואר־רום ווער האט איהם מיטגעשלעפט מיט דער דעפוטאציע צום קא־מענדאנט, אז ניט איך? גוואלד געשריגען! וואס וועל איך זא־גען פאר מיין ווייב? וואס פאר א תירוץ טראכט מען צו פאר מיין שנור, חאטשבי אויף דער הייסער מינוט? און איך בלייב

שטעהן פון יענער זייט טהיר, איהר פאַרשטעהט צי ניין, ווי אַ פאַרזינדיגטער קונדס, און קאָן גאָר צו זיך אַהיים נישט קומען! און איך שטעה מיר אַזוי און טראַכט און טראַכט, און נעם און טהו איין עפען־אויף די טהיר האַסטיג מיט אַ מאָל און טהו מיר אַ פרעג גלאַט אַזוי, בדרך אגב, אין דער וועלט אַריין: „ניטאָ נאָך יחיאל?“ זאָגט מען מיר מסתמא: „ניין. ער איז דען באַפרייט שוין?“... זאָג איך: „נאָך אַ מין באַפרייט! פריי צו פריי איז ניט גלייך! פריי, זאָג איך, זענען זיי אַלע דריי, נאָר אונזער יחיאל, זאָג איך, איז אַרויס גאָר מיט אַ קנאַק“... ווערען זיי דאָך מסתמא טוידט ווי די וואַנט: „וואָס פאַר אַ קנאַק?“ זאָג איך: „מיט אַ דאַנק־בריעף איז ער אַרויס, זאָג איך, און מיט איין אָרדען און מיט אַ קוועטש די הענט און מיט אַ בראַוואָ! אונזער יחיאל, זאָג איך, איז איצטער, זאָג איך, ביי׳ם דייטש געהויכט און געקרוינט, אַ גאַנץ קנעפעל“, זאָג איך. און אַליין חאַפּ איך אַ קוק אין שפּיעגעל אַריין, איהר פאַרשטעהט צי ניין, ווי זעה איך אויס נאָך אַזוי פיעל שקרים וכזבים? פאַרשטעהט זיך, אַז מיינע קוקען מיר אין מויל אַריין און גלויבען מיר איטליכס וואָרט. וואָס ווייסען זיי, ווייבער משטיינס געזאָגט? פרעגען זיי זיך נאָך ביי מיר: „פאַר וואָס איז ער דאָס ביי זיי אַזוי געהויבט און געקרוינט?“ ווער איך בלומרשט אין כעס: „וואָס הייסט, זאָג איך, פאַר וואָס? פאַר שבת! איהר האָט פאַרגעסען, זאָג איך, ווער יחיאל איז? איהר האָט, זאָג איך, עפּיס אַ סך אַזעלכע יחיאלס ביי אונז אין קרושניק, אָדער אין יונעוו, אָדער אין מאַזעלבאַזשעץ, אָדער אין בילגעריי, אָדער אפילו אין דער גובערנייע אין לובלין? וואָס שווייגט איהר?“ — זאָג איך...

הקיצור, איך באַדאַרף מיך פאַר אייך ניט באַריהמען — באַריהמעריי איז איבערהויפּט אַ מיאוסע זאַך. נאָר איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז איך האָב פיינט אַ ליגנער אַקוראַט, ווי אַ בשר׳ער איד האָט פיינט חזיר. אַ ליגנער איז ביי מיר ערגער פון

א הולטאי, און אפילו פון א משומד! נאר וואס, איך בעט אייך, וואס האב איך געקאנט טהון, זאגט שוין איהר אליין, אז איך האב פאר זיך צוויי שוואכע באשעפענישען, ווייבער, איהר פארשטעהט צי ניין, וואס זייער לעבען הענגט אפ אין זיין לעבען — א ווערטעלע פקוח נפש! און איך האב גענומען באקען ליגען, אזוי ווי בייגעל, אזוי ווי מצות, איין ליגען נאכ'ן אנדערען, און דערצעהלען אזעלכע גוזמות, אז ס'איז מיר פאר זיך אליין פשוט געוועו א בזיון: ווי נעמט דאס א איד א בעל־הבית, רב יאנקעל יונעווער, איהר פאר־שטעהט צי ניין, און האקט אזעלכע שקרים, און זיי, די ווייבער, מיינען, אז ס'איז תורת משה אמת?... און איך האב גענומען און איך האב מיך קוים ארויסגעמאכט פון דער היים און בין אוועק זוכען זכות־אבות, פראטעקציעס, צום קאמענדאנט, איהר פאר־שטעהט צי ניין, אולי ירחם? און אזוי ווי איך לויף אזוי, קומט מיר ניט אקעגען מיין יחיאל? א פארסאפעטער, א פארשוויצטער, און עפּים מאדנע האפערדיג, דאס פנים שיינט, די אויגען לויכטען, און געהן געהט ער גיך, מאכט מיט די הענט. „וואס איז, יחיאל?“ „טאטע, זאגט ער, געב מיר אפ מזל טוב?“ „מזל טוב דיר, זאג איך, מיין זוהן, פאר וואס קומט דיר מזל טוב? דיין ציעג האט זיך גע־קעלבט? צי דיין קוה האט זיך געציגעלט?“ ווערד ער רויטליך, מיין יחיאל הייסט עס, און מאכט צו מיר מיט א שמייכעל: „ווייסט דו האטש, זאגט ער, טאטע, מיט וועמען דו רעדסט איצ־דערט?“ טהו איך איהם א מעסט־אפ מיט'ן קוק און מאך צו איהם: „מיט יאנקעל יונעווער'ס זוהן“. „מיט יאנקעל יונעווער'ס זוהן, זאגט ער, דאס א חוץ. דערצו בין איך, זאגט ער, נאך בורמישטש אין קרושניק“. „פון ווען אן, זאג איך, ביזט דו דאס בורמישטש?“ „שוין באלד א שעה, זאגט ער, אז איך בין בורמישטש. דאס האט מיך דער קאמענדאנט, זאגט ער, געמאכט פאר א בורמישטש, פאר בירגערמייסטער הייסט עס. שטעל דיר פאר, זאגט ער, אז אין דער צייט, וואס איהר זענט געוועז פארטראגען מיט דער קאנטרי־

בוציע, האָט דער קאָמענדאַנט דערוויילע געשיקט רופען צו זיך די קרושניקער אָנגעזעהענע גויים, פריהער דעם קאַזנאַטשיי, דערנאָך דעם פּאָטשטמייסטער, דערנאָך דעם טעלעגראַפיסט (די אַלע איבעריגע פּריצים זענען זיך צעלאָפען), און האָט זיי, זאָגט ער, געוואָלט מאַכען פאַר בורמישטש איבער קרושניק, — האָבען זיי זיך, זאָגט ער, אַלע גאַנץ פיין אָפּגעזאָגט. זיי האָבען אויסגעפונען, זאָגט ער, אַלע איין תירוץ, אַז זיי פאַרשטעהען נישט קיין וואָרט דייטש. האָט זיך דער קאָמענדאַנט, זאָגט ער, אויף זיי גוט אויסגעבייזערט און דורכגעטריבען און געשיקט, זאָגט ער, רופען דעם וואָיט פון דער גמינע, פאַן פשעפּעצקי. האָט זיך פאַן פשעפּעצקי, זאָגט ער, פאַרנייגט ביז צו דער ערד, „פּאַדאַם דאָ נאָג" און „צאַלויען רענקי" און „פּראָשען פּאַנאַ", און אַז ס'איז געקומען, זאָגט ער, צו עפּיס, האָט זיך פאַן פשעפּעצקי זעהר העפליך באַדאַנקט פאַר'ן גרויסען כבוד, וואָס מע וויל איהם, זאָגט ער, צוטיילען, נאָר ער קאָן נישט אָננעמען, זאָגט ער, דאָס שטריימעל דערפאַר, ווייל מעהרסטענטייל קרושניקער איינוואוינער זענען, זאָגט ער, אידען, און מיט אידען איז, זאָגט ער, שווער דורכצוקומען! און ער האָט גענומען דערווייל אויסרעדען אויף אידען המן'ס מסירות, פּעך און שוועבעל, אַזוי ווי פּליאַקע קאָן... דעם אייגענעם תירוץ, זאָגט ער, האָט געזאָגט אויך דער קשיאָנדז: „זשידזשי" און „זשידזשי" און „זשידזשי"!... איז דער קאָמענדאַנט, זאָגט ער, געוואָרען בייז אויף די פּאָליאַקען מיט סכנת נפשות און האָט געשוואָרען, אַז ער וועט מאַכען, זאָגט ער, אַ אידען פאַר בורמישטש — זיי, די פּוילען הייסט עס, אויף צו להכעיס! און, ווי זאָגט איהר, אומר ואוכל — ער האָט זיך אַ נעם געגעבען פריהער צום רב, דערנאָך צום קאַזשאָנע רב, צום ראַבינער הייסט עס. האָט זיך דער רב אָפּגעבעטען — ער איז, זאָגט ער, אַ זקן אַ איד און אַ שוואַכער מענטש, ער האַלט שוין ביי שטאַרבען, וואָס פאַר אַ בורמישטש איז ער? און דער קאַזשאָנע רב, דער ראַבינער הייסט עס, האָט געציטערט, זאָגט

ער, ווי א לעמעלע: „סטייטש, זאָגט ער, ווי קאָן ער עובר זיין אויף דער שבועה? ער איז דאָך, זאָגט ער, א קאזשאַנע רב, א געשוואוירענער הייסט עס! הקיצור, ער האָט זיי, די רבנים הייסט עס, אויך דורכגעטריבען און נעמט, זאָגט ער, און רופט אריין איהם, יחיאל'ען הייסט עס, און מאכט צו איהם גאָר אָהן שום הקדמות: „הנה זאָלסט וויסען זיין, זאָגט ער, יאַנקעל יונעוווער'ס זוהן, אז איך קרוין דיך, זאָגט ער, פאר בורמישטש אין קרושניק!" האָט ער איהם, יחיאל הייסט עס, געוואָלט עפּיס זאָגען, געהט ער, דער דייטש הייסט עס, און פארשטעלט איהם דאָס מויל! לאָזט איהם, זאָגט ער, ניט אויסרעדען א וואָרט, און רופט צענויף ווידער א מאָל דעם קאזנאטשיי מיט'ן פּאָטשטמייסטער, מיט'ן טעלעגראַ־פיסט, מיט'ן וואָיט פון דער קרושניקער גמינע פאן פשעפּעצקי, מיט'ן קשיאָנדז, און רופט זיך, זאָגט ער, אָן צו זיי, אויף דייטש, געוויינטליך: „מיינע הערען, זאָגט ער, זייט וויסען, זאָגט ער, אז אָט דער יודע איז אייער בורמישטש! — און טהוט, זאָגט ער, א ווייז־אָן אויף איהם, אויף יחיאל'ען הייסט עס. — איהר אַלע, זאָגט ער, פארמאָגט ניט אין קאָפּ, וואס אָט דער יודע פארמאָגט, זאָגט ער, אין דער פּיאַטע!..."

אויסגעהערט פון יחיאל'ען די שענע מעשה ביז'ן סוף, בייטעל איך דאָך אוים אַלע בייזע וויסטע חלומות אויפ'ן דייטש'ס קאָפּ און אויף זיינע הענט און פיס. „נאָך דאָס, זאָג איך, געהט דיר אָפּ, יחיאל! קארג, זאָג איך, וואס דו ביזט פאר דיין שיסען ארויף, זאָג איך, געוועזן, ניט היינט געדאכט, אויף א האָר פונ'ם טוידט, באדארפסט דו נאָך איצטערטאָ, זאָג איך, געהן שפּיעלען זיך מיט'ן מלאך־המות, ריזיקירען מיט'ן לעבען און ווערען, זאָג איך, א בורמישטש פון אסתר־תענית ביז פורים!" קוקט ער מיך אָן, יחיאל הייסט עס: „פאר וואס עפּיס פון אסתר־תענית ביז פורים?" „וואס דען, זאָג איך, אויף לאַנג? נישט מעהר, זאָג איך, זאָל דער אידישער גלות געדויערען, וויפיעל דו

וועסט, זאג איך, זיין בורמישטש אין קרושניק! דערוויל, זאג איך, האט נאך דיין דייטש ביי גאט, זאג איך, קיין קוויטעל ניט ארויסגענומען, אז קרושניק איז זיינס. דו ווייסט, זאג איך, וואס דו קאנסט האבען דערפאר, זאג איך, טאמער פאני איז גובר, און קרושניק מיט יונעוו מיט מאזעלבאזשעץ מיט לובלין פאלען אריין, זאג איך, צוריק צו איהם אין די הענט אריין? אט דער אייגענער וואיט, פאן פשעפעצקי, זאג איך, וועט דעמאלט אויסגלעטען, זאג איך, די וואנסים און וועט אוועקגעהן גלייך, זאג איך, צום נאטשאל־ניק און וועט, זאג איך, צושטעלען א בענקעלע דיר און מיר און אונז אלע, הלואי, זאג איך, זאל איך ליגען זאגען און ס'זאל זיין ניט אין אזא שעה, זאג איך, ארויסגערעדט!" און ווי מיינט איהר, פאני שלום־עליכם, ווער האט געטראפען? איך באריהם מיך ניט פאר אייך, חלילה, אז איך בין דא דער גרויסער חכם. און קיין נביאים, ווי זאגט איהר, איז היינטיגע צייטען נישט פארהאנען. נאר מען איז דאך עפים א איד אויף דער וועלט מיט א חוש הריח, איהר פארשטעהט צי ניין, האב איך אנגעשמעקט דעמאלט נאך, אז דער דייטש איז אריין צו אונז אין קרושניק מיט גוואנג און מיט טענץ און מיט'ן גאנצען טראסק, אז דא איז פארהאן אלסדינג, וואס איהר ווילט — סיי גבורה, סיי חכמה, סיי געלט, נאר איין זאך פעהלט: אריכת ימים... א סימן האט איהר — אט איז פאני דערנאך אריינ־געקומען צו אונז, האט מען באלד געקאנט ארויסזעהען, אז דער איז אריין על מנת להשתקע, מיט אלע פיער, איהר פארשטעהט צי ניין, ווארום ראשית כל דבר האט ער אנגעהויבען פון א פאגראם, פון א אידישען פאגראם מיט אלע תגין... נאר דא געה איך שוין ארויס פון איין מעשה און פאל אריין אין א נייער מעשה, און איהר האט דאך ליעב, זאגט איהר, אז יעדער מעשה זאל זיך זיין באזונ־דער א מעשה. טהו איך אייך צוליעב און מיר רוהען זיך אפ אביסעל, דערנאך וועלען מיר געהן ווייטער צו אונזערע מעשיות פון טויזענד איין נאכט.

6.

יחיאל געוועלטיגט.

— — — האַלטען מיר, הייסט עס, דערביי, ווי אַזוי מיין יחיאל'ען האָט דער דייטש געקרוינט פאַר בירגערמייסטער אין קרושניק. נו, געוויס בין איך געוועזען גערעכט, אַז כ'האָב איהם נביאות געזאָגט, אַז זיין בירגערמייסטעריי וועט געדויערען פון אסתר־תענית ביז פורים, נישט מעהר זאָל דער אידישער גלות גע־דויערען! דערפאַר אָבער האָט דער דייטש געהאַט אַ בירגערמייס־טער — מעג שוין אויף אונז ביידע זיין אַזאַ יאָהר! נישט חלילה מחמת באַריהמעריי, וואָס יחיאל איז מיינער אַ זוהן, נאָר ווייל מיר זענען אידען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, ווייסען מיר, ווי אַזוי צו פיהרען דאָס רעדעל... הלואי, הערט איהר, וואָלט מען אונז טאַקי איבערגעגעבען די גאַנצע ממשלה פון דער גאַנצער וועלט, וואָלט איהר געזעהען, וואָס פאַר אַ פנים די וועלט וואָלט געהאַט... אַ סימן האָט איהר — נעמט פוילען, טאַקי אונזער מדינה פוילען. ווי זאָגט איהר — שוין איין מאָל אַ מדינה! האָט איהר דאָך גע־האָרכט מן הסתם, ווי אַזוי פליאַקע האָט זיך אַמאָל צעאַמפּערט, נאָך פאַר סאָביעסקי'ס צייטען איז דאָס געוועזען, נישט געקאָנט זיך אויסגלייכען מיט די כבודים, ווער ס'זאָל געוועלטיגען, זיין מלך הייסט עס. איז געבליבען, מע זאָל וואַרפען גורל. האָט מען געוואָרפען גורל, איהר פאַרשטעהט צי ניין, ווער ס'וועט דער ערשטער אַריין אין שטאָדט, דער זאָל זיין מלך. איז געפאַלען דער גורל אויף אַ אידען, רב שאול וואהל, ווייל ער איז דער ערשטער אַריין אין שטאָדט. וואָס זאָל מען טהון? פאַרפאַלען — איז דער איד געוואָרען מלך און האָט געוועלטיגט, זאָגט מען, אַזוי לאַנג ווי עס דאַרף געדויערען, למשל, מע זאָל זאָגען „אשרי“ און „ובא לציון“. דערפאַר האָט ער אָבער געוועלטיגט אַזוי, אַז די פוילען קאָנען זיך נאָך עד היום פון איהם נישט אָפּלוי־

בען; ס'איז נור א וועהטיג די רשעים, א מכה זיי, וואס אט דער מלך איז געווען, איהר פארשטעהט צי ניין, א „זשידעק“, ווייטער וואלטען זיי איהם פארגעטערט און פאראייביגט!

דאס אייגענע איז געווען אויך מיט מיין יחיאל'ען. וויבאלד מע האט איהם געקרוינט פאר בירגערמייסטער אין קרושניק, אזוי האט ער פונ'ם ערשטען טאג אן גענומען מאכען נייע פאראנדקעס. קודם־כל האט ער זיך געגעבען א נעם צו מאכען שלום צווישען די פעלקער, דאס הייסט, צווישען די קרושניקער פאליאקען, גויים און להבדיל אידען. וואס־זשע האט ער געטהאן? וועט איהר הערכען, וואס יאנקעל יונעווער'ס זוהן איז א בעלן! ער האט גענומען און האט צענויפגערופען אין מאגיסטראט דעם רב מיט'ן קאזשאנגע רב, דעם ראבינער הייסט עס, און, להבדיל, דעם קשיאנדז מיט'ן גלח מיט'ן וואיט פון דער גמינע, פאן פשעפעצקי, און האט פאר זיי געהאלטען א גאנץ פיינע דרשה, און דוקא אין פויליש לשון, און האט זיי אויפגעקלערט און באוויזען מיט אותות ומופתים, אז ס'איז נישט גוט, וואס מענטשען קריעגען זיך, און אז ס'איז טויזענד מאל געזינטער פאר אלעמען, אז מע לעבט בשלום, ווארום אויף שלום, איהר פארשטעהט צי ניין, שטעהט די וועלט. ער האט דאס געבראכט אזוי ווייט, אז מע האט זיך געגעבען איינס דאס אנדערע דאס ווארט (אונזער וואיט פון דער גמינע פאן פשעפעצקי האט אזש ארומגעחאפט מיין יחיאל'ען: „מאי קאחאנע פאן יחיאלו!“), און מע האט זיך געגעבען אלע תקיעת־כף, אז מהיום והלאה איז מען גוטע פריינד, שלום ושלוה, אויס פריץ, אויס גוי, אויס איד, להבדיל, קיין שפור פון קנאה־שנאה, איין עק, א סוף! און די מיאוס'ע ווערטער מיט די צונעמענישען, ווי למשל: „זשידזשי“, אדער „ביילים“, אדער „פליאקע“, אדער „חם“, אדער „דבר אחר“, זאלען אויסגעמעקט און פארגעסען ווערען! אנשטאט „זשידזשי“ און „ביילים“ זאל זיין בעסער „איזראעליטי“. אנשטאט „פליאקע“ — „פאני דאבראדזיעיע“. אנשטאט „חם“ און „דבר

אחר" — „עשו'ס אייניקעל"... און וואָס איז שייך צום באָיקאָט, וואָס די פוילען באָיקאָטירען די אידען, האָט ער אַרויפגעלעגט אַ שטראָף, מיין יחיאל הייסט עס, פון אַ דרייערעל ביז אַ פינף־און־צוואַנציגער, נישט נור פאַר באָיקאָטירען — אַפילו פאַר'ן וואָרט „באָיקאָט" אַליין, טאָמער רעדט עמיצער אַרויס, איז חיות נימ זיכער! דאָס וואָרט „באָיקאָט", איהר פאַרשטעהט צי ניין, איז לא יזכר ולא יפּקד!

דאָס האָט איהר אייך נומער איינס. והשנית האָט ער איינגעפיהרט, אויפ'ן פערלאַנג פונ'ם דייטשען קאָמענדאַנט, אַ וואַך, אַ מין שטאָדט־מיליציע, וואָס זאָל שטעהן תמיד גרייט און אָפּהיטען די שטאָדט, טאָמער ווערד חלילה קרושניק באַפאַלען פונ'ם שונא. און ווי אַזוי, מיינט איהר, האָט ער דאָס געמאַכט? פיין, מיט אַ שכל און מיט אַ רעכענונג! ביי יעדער שטוב, האָט ער איינגעפיהרט, זאָלען תמיד שטעהן צוויי ערלים, באַוואָפענט מיט שטעקענס, איינער בייטאָג, דער אַנדערער ביינאַכט. און כדי מע זאָל זיין באַוואָהרענט, אַז די ערלים, וואָס שטעהען ביינאַכט אויף דער וואַך, וועלען ניט אַנשלאָפען ווערען, וואָרום איין ערל, אַז עס קומט ביינאַכט, פאָפט ער, זאָל אויף יעדע צעהן ערלים זיין איין איד, להבדיל, אַ משגיח, וואָס זאָל השגחה געבען. מחמת אַ איד, איהר פאַרשטעהט צי ניין, איז מעהר מסוגל אויף אַכטונג צו געבען... היינט האָט ער אַרויפגעלעגט שטייער אויף יעדען בעל־הבית, סיי אַ איד, סיי אַ גוי להבדיל, מוז צושטעלען דעם קאָמענדאַנט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל מעהל און אַזוי פיעל זאַלץ און אַזוי פיעל טיי און צוקער. וואָס דער מענטש איז רייכער, איהר פאַרשטעהט צי ניין, באַדאַרף ער אַלץ מעהר שטייערען, און ווידער צוריק, דאָס אייגענע פאַרקעהרט — ווער ס'איז איין אָרעמאַן, ניט דאָ געדאַכט, און קאָן ניט און האָט ניט און פאַרמאָגט ניט — איז ער פּטור.

דאָ האָב איך מיך אריינגעמישט און האָב איהם געזאָגט, זאָג איך: „דאָס, זאָג איך, יחיאל, וואָס דו האָסט געמאַכט שלום צווישען די פעל־קער, סקאַסירט דעם באַיקאָט און איינגעפיהרט א וואָך, איך מיין, זאָג איך, די שטאָדט־מיליציע, דאָס, זאָג איך, אָהרט מיך ניט. פאַר־קעהרט, זאָג איך, זעהר גלייך האָסט דו געטהאָן, זאָג איך. נאָר ביי די שטייערען, זאָג איך, וואָס דו האָסט אַרויפגעלעגט, — דאָ, זאָג איך, ביזט דו, מיין זוהן, מחילה דורכגעפאַלען. וואָרום וואָסער שוטה, זאָג איך, וועט דאָס וועלען צאָהלען מעהר, ווי ער קאָן? און ווער, זאָג איך, וועט ניט זיין א בעלן זיך פאַרשרייבען צווישען די אָרעמע לייט, בכדי ער זאָל פאַרשפּאָרען צו צאָהלען שטייער? ובפרט, זאָג איך, אז אין קרושניק, זאָג איך, זענען דאָך דאָס רוב, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אָרעמע לייט, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים!"

און כך הוה. ווער איז געוועזן גערעכט? ווען נישט דער דייטש, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, קומט איהם צו־הילף, וואָלט מען איהם, יחיאל'ען הייסט עס, צעריסען אויף שטיקלעך! דער ערשטער איז געווען דער וואָיט פון דער גמינע, פאַן פשעפּעצקי. ער האָט זיך ניט געפוילט און איז אוועק צום קאָמענדאַנט און האָט איהם אריינגערוימט א סוד, אז דער זשידעק, וואָס ער האָט איהם געקרוינט פאַר בורמישטש, נעמט צענויף דאָס גאַנצע ביסעל גוטס פון קרושניק און באַהאַלט דאָס פאַר'ן „מאַסקאַל", פון פאַני'ס וועגען און פאַר זיינע קאַזאַקען, אויף וועלכע די „ביילִיסעס" קוקען אַרויס, ווי אויף משיח'ן — א סימן, לאָז מען זוכען ביי זיי אין די קעלערס און אויף די בוידעמער, וועט מען געפינען פון כל טוב... און דאָס ווייסט איהר דאָך מסתמא, אז א מסור האָט אין זיך א כח — מע גלויבט איהם. און וואָס טויג אייך, מע האָט זיך א נעם געגעבען צו די קרושניקער אידען און מע האָט גענומען מאַכען „אָביסקעס", זוכען, נישטערען, און אז מע זוכט, ווי זאָגט איהר, געפינט מען; מע האָט געפונען באַהאַלטען אין די קעלערס

און אויף די בוידעמער, איהר פארשטעהט צי ניין, טאקי פון כל טוב. ביי ווענמען מע האט געפונען באהאלטען אביסעל זילבער, ביי ווענמען דאס פסח'יגע געפעס, ביי ווענמען א פלעשעל „וויש־ניק" און ביי ווענמען שבת'דיגע מלבושים. ביי איינעם, ביי אבא דעם שוחט, האט מען אויסגעטרייסעלט א גאנצען מאיאנטעק — דריי שארפע מעסערס, איינגעוויקעלט אין א פאטשיילע, און א זע־קעלע מיט א מין זאך, וואס האפט דעם אנבליק פון פולווער...

אט דא האט זיך אנגעהויבען א חתונה! מע האט זיך א נעם געגעבען צו אבא דעם שוחט: „וואס איז דאס ביי אייך, רב איד, פאר געוועהר?... דאס האט איהר צוגעגרייט פאר די קאזאקען? זייט זיך מודה!"... האט זיך אבא דער שוחט גענומען דרעהען אהין און אהער — ס'איז שלעכט, ער קאן זיך ניט ארויסדרעהען! מילא, די מעסערס — דאס זענען, זאגט ער, זיינע כלי־זין, זיינע אינסטרומענטען, איהר פארשטעהט צי ניין, זיינע חלפים. „וואס־זשע האסט דו זיי באהאלטען אויפ'ן בוידעם?" ער האט, זאגט ער, מורא געהאט פאר דער מאביליזאציע. פאני, זאגט ער, מאכט מאביליזאציע, קאן זיך עס אויסלאזען ביי איהם, זאגט ער, מיט א פאגראם... „גוט, וואס־זשע איז אט דאס זעקעלע, וואס האפט דעם אנבליק פון פולווער? וואס איז דאס פאר א מין?" טענה'ט נעבאך אבא דער שוחט: ס'איז גארניט, ס'א געלעכטער, זאגט ער, דאס איז מוהל־מעהל, וואס מע באשיט, זאגט ער, א קינד תיכף נאך דער מילה. נאר געה רעד מיט קירה־דייטש — מילה הייסט, מילה מארגען, אז יענער האט זיך ארייגגענומען אין קאפ קאזאקען! און ס'איז געבליבען, מע זאל שיקען רופען דעם רב מיט'ן קאזשאנע רב, דעם ראבינער הייסט עס, און אלע איבעריגע שבעה טובי עיר, די פיינסטע בעלי־בתים פון קרושניק, און מיך מיט מיין יחיאל'ען בתוכם — און דא איז אפוירגעקומען א טרויע־ריגע געשיכטע, וואס טרעפט זיך איין מאל אין צעהנטויזענד יאהר! ס'איז כדאי, די דאזיגע געשיכטע זאל דערצעהלט ווערען גאנץ בא־

זונדער און באשריבען ווערען דורך אייער פענדעל, לאזען, אדרבה, אידען לייענען און לאזען עס אונזערע קינדער דערצעהלען פאר זיי־ ערע קינדער און קינדס־קינדער, אז ס׳איז געווען אמאל א משוגעת, וואס מע האט עס גערופען מלחמה, און אז ס׳איז געווען אמאל א מדינה, וואס מע האט זי גערופען פוילען, און אז די מדינה האט גע־ הערט צו פאני׳ן, און דער דייטש האט געשארפט אויף איהר די צייהן, און דערווייל זענען אידען געווען דאס כפרה־היהנדעל, און ווער ס׳האט געהאט גאט אין הארצען, דער האט זיך אין אונז נוקם געווען, זיך געבאדען אין אונזער בלוט... האט קיין פאראיבעל נים, פאני שלום־עליכם, אז איך הויב אן צו רעדען דערפון, נעמט מיך אן ביי׳ם הארצען, און איך מוז זיך אפשטעלען אויף א ווײלע, אי־ בערהאפען דעם אטהעם.

7.

די קרושניקער דעפוטאציע.

— — — האלטען מיר, הייסט עס, ביי דעם, ווי מיין יחיאל איז מיט גאטס זיינער הילף בורמישטש אין קרושניק און געוועל־ טיגט, ווי זאגט איהר, ביד חזקה, און די פאליאקען ימח שמם וזכרם גראבען, זוכען אויף איהם בלבולים און רעדען אוים אויף איהם און אויף אונז אלעמען המן׳ם מסירות, אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז די דייטשען האבען גענומען מאכען „אביסקעס" אין שטאדט, דאס הייסט, מע האט גענומען זוכען און נישטערען און טרייסלען, און גאט האט זיי געהאלפען, זיי האבען אויסגעטרייסעלט ביי אבא דעם שוחט באהאלטענע חלפים מיט א זעקעל מוהל־מעהל, וואס חאפט דעם אנבליק פון פולווער, און ס׳האט זיך אנגעהויבען א חתונה — טאטעניו! ראשית חכמה, האט מען דעם שלים־מזל, דעם שוחט, הייסט עס, צוגענומען און אריינגעזעצט איהם במחילת כבודו אין קאטשומענט אריין איינעם אליין, עס זאל איהם חלילה

קיין עין הרע ניט שולט זיין, אז קיינער זאָל צו איהם ניט צוטרעטען, — און אין שטאָדט איז געוואָרען, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, חושך ואפילה, תשעה־באב! און מע האָט זיך א וואָרף געגעבען באַלד צו מיר: „סטייטש, זאָגען זיי, יאַנקעל, וואָס שווייגט איהר? אייער זוהן, זאָגען זיי, איז בורמישטש און איהר זענט, זאָגען זיי, אַזאַ חשוב — איין וואָרט א גוטס ווען איהר זאָגט, זאָגען זיי, אַזוי ווערד דער שלים־מזל, דער שוחט הייסט עס, געהאָלפען“... טענה איך צו זיי, צו דער שטאָדט הייסט עס: „טשעפּעט זיך אָפּ, זאָג איך, איהר האָט, זאָג איך, אַ גרויסען טעות, מיינע ליעבע אידען! ערשטענס, זאָג איך, בין איך גאָר ניט אַזאַ גרויסער חשוב, ווי אייך ווייזט זיך אויס; און אפילו לאָמיר, זאָג איך, זאָגען, אז יאָ, איז אויך ניט אַזאַ גרויסע מעלה, זאָג איך; אדרבה, אָט ווייל, זאָג איך, מיין יחיאל איז בורמישטש און ווייל, זאָג איך, איך בין א חשוב, ווי זאָגט איהר, אַ צד אין באָד, קאָן איך, זאָג איך, גיכער קאַלי מאַכען, זאָג איך, איידער פאַרריכטען, וואָרום איהר זאָלט קענען די דייטשען, זאָג איך, זוי י איך קען זיי, וואָלט איהר דאָס ניט געזאָגט, זאָג איך; איך וועל אייך, זאָג איך, קלאָר מאַכען, וואָס א דייטש איז: אַ דייטש, זאָג איך, האָט פיינט חניפה, ווי א כשר'ער איד חזיר, און קאָן נישט ליידען פוסטע רעד, און פון לשון אונטערקויפען, זאָג איך, איז דאָך אָפּגערעדט; ס'איז ניט פּאָני, זאָג איך, איהר פאַרשטעהט צי ניין, וואָס קוקט אייך אין יד אריין, טאָמער וועט איהר איהם עפּיס נתן'ען... דייטש, זאָג איך, איז איין איידעלע מאַטעריע, זאָג איך!“... וואָלט שוין געמעגט זיין גענוג, איאָ? האָט איהר דאָך אָבער צו טהון מיט אידען זאָלען געזונט זיין! איהר זאָגט זיי דאָס, ענטפערען זיי אייך בוידעם! זאָגט איהר זיי בוידעם, ענטפערט מען אייך פּעטרישקע! און דאָ דעם שוחט'ס ווייב מיט די קינדער שטעהען ביי דער זייט און וויינען, און יאָמערען, און שלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנט. איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר, פּאַני שלום־עליכם, איך האָב אַ טבע, אז איך דערזעה טרערען, בלייב

איך געפּלעפּט. איך קאָן ניט זעהען, ווי יענער וויינט. איך קאָן נישט — און שוין! ניט מחמת איך באַריהם זיך פאַר אייך, אז איך בין א גוטער, נאָר דער כח פון טרערען, איהר פאַרשטעהט צי ניין! צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? אז ס׳איז אומזיסט די טרחה, מע פאַר־שפּאָרט מיך בעטען, מע האָט גאָר פון אויבען געשיקט מ י ך רו־פען, און ניט נאָר מיך אליין, נאָר דעם רב אויך, מיט דעם קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און אויך די אַלע איבעריגע פיינסטע בעלי בתים פון קרושניק. איז אונז געוואָרען רעכט קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, נאָר מיר האָבען זיך אַנגענומען מיט מוט, און גענומען זיך גרייטען אין וועג אַריין, דאָס הייסט, מיר האָבען זיך אַנגעטהאָן אַלע שבת׳דיג, מיט צילינ־דערס, פיין, ווי עס געהער צו זיין; עס האָט אויסגעזעהן, אז נישט מע רופט אונז, נאָר מיר געהען אַליין מעשה דעפּוטאַציע, איהר פאַרשטעהט צי ניין... דערווייל האָט דערזעהען מיינע, אז איך טהו אָן די שבת׳דיגע קאַפּאָטע פּלוצים אין מיטען מיטוואָך, פרעגט זי מיך: „יאַנקעל, וואוהין איז?“ זאָג איך איהר ניט מסתמא, אז מע רופט מיך פון אויבען, ווארום צו וואָס באַדאַרף א אידינע אַלסדינג וויסען? נאָר איך דערצעהל איהר א מעשה, אז דאָס געהען מיר מיט א דעפּוטאַציע צום זייטש, צום קאָמענדאַנט הייסט עס, ראַטעווען א אידען נעבאַך פון דער תליה. פאַרברעכט זי די הענט און הויבט אָן צו ליאַרעמען: „יאַנקעל, מע דאַרף ניט! און א מכה איז איהר! און א דונער האָט זי דערשלאָגען! און איין אומגליק האָט זיך גענומען אויף כל ישראל, הלואי זאָל זי ליגען זאָגען!“ ווי געוויינטליך, א ווייב. וואָס פאַרשטעהט א אי־דינע, משטיינס געזאָגט? חאָטש דעם אמת טאָר מען ניט פאַר־לייקענען, אז מיינע עליה השלום איז געוועזן ניט אזא נאַרישע אידינע, ווי אַנדערע ווייבער, אָבער גאָרנישט קיין נאַרישע, מע קאָן זאָגען פאַרקעהרט, א אידינע א קלוגע איז זי געוועזן, א גאַנץ קלוגע, און צייטענווייז פּלעגט זי רעדען גאָר ווי א חכמה, ווי א

חכמה נפלאה! נישט מחמת זי איז געווען מיינע, דערפאַר זאָג איך עס, און נישט מחמת זי איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט, דערפאַר לויב איך זי, ווי זאָגט איהר: „אחרי מות קדושים". ניין. איך בין נישט גלייך צו אַנדערע מאַנען. א סימן — ווען איהר זענט אין קרושניק און טהוט אַ פרעג אויף מרים מירעל יאַנקעל יונגע־ווער'ס, וואָלט איהר זיך אָנגעהערט שבחים, מיט שבחים, מיט שבחים! ערשטענס, אַ אידינע אַ צדקנית. ניט חלילה קיין „וצדקתך", ווי אַנדערע ווייבער, וואָס קאָנען זיך ניט צעשיידען מיט'ן קרבן־מנחה, אָדער מיט'ן צאינה־וראינה. דאָס אחוץ. פרום איז זי געוועזען, זעהר פרום! נאָר ווער שמועסט דען פון פרומ־קייט? מיר רעדען פון גוטסקייט רעדען מיר, פון לשון כאַראַקטער! דאָס איז געווען אַ אידינע! אַ מזג טוב! אַ מענטש אָהן אַ גאַל! וואָס איז שייך זאָגען אָהן אַ גאַל? יעדער מענטש האָט אַ גאַל, וואָס אַז איהר טרעט איהם אָן, שיסט ער אויס. ווארום אַ מענטש איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מענטש, איהר פאַרשטעהט צי ניין? נאָר איך וויל אייך ניט מישען איינס אינ'ם אַנדערען, און באַריהמען זיך, ווייסט איהר דאָך, אַז כ'האָב פיינט. דעריבער מאַך איך עס בקיצור און געה בעסער אריבער גלייך צום עיקר המעשה, ווי אַזוי מיר זענען געגאַנגען, איך און דער רב און דער קאַזשאָנע רב, דער ראַבינער הייסט עס, און די איבעריגע שבעה טובי עיר פון קרושניק, צום אדון בפקדך, צום קאָמענדאַנט הייסט עס, האָרכען וואָס וועט ער זאָגען. און געגאַנגען זענען מיר פעסט, ווי אויף איין אייזערנעם בריק — פאַרט, ווי זאָגט איהר, אַ שטיקעל חשוב ביים פריץ, דער פאָטער פונ'ם קרושניקער בירגערמייסטער — מיט דער האַנט אוועק־מאַכען קאָן מען דאָס ניט! און געהענדיג אַזוי, האָבען מיר זיך דערוויילע צוגעריידט, ווי אַזוי און וואָס מיר זאָלען מיט איהם רעדען, מיט'ן קאָמענדאַנט הייסט עס. אָנהויבען האָב איך גע־זאָלט, אַזוי האָבען מיר אָפּגעשמועסט, מיט די ווערטער פון „ואתחנן": „א ת ה ה ח י ל ו ת ל ה ר א ו ת א ת

עבדך" — דו, דייטש, האסט אנגעהויבען צו באווייזען צו דיין קנעכט, את גדלך — דיין גרויסקייט; דו, הייסט עס, דייטש, ביזט געוועזען צו אונז אלע מיט גנאד פון דעם ערשטען טאג אן, וואס דו האסט געשטעלט דיין פוס אויף אונזער לאנד"... און נאך כדומה אזעלכע הויכע ווערטער. צו וואס זאלען מיר ווארטען, איהר פארשטעהט צי ניין, ביז ער וועט אונז אמאל עפים זאגען? אמעהר, וועלען מיר בעסער פארהאפען פריהער, און בדרך אגב וועלען מיר ארייננווארפען א פאר ווערטער וועגען שוחט, איהם קלאר מאכען, ער זאל וויסען, ווער דער שלים-מזל איז, דאס הייסט, אבא דער שוחט, און צו וואס האט ער באהאלטען זיינע חלפים, און וואס באדייט דאס זעקעלע מוהל-מעהל — א גאנצע דרשה. נאר אז ס'איז באשערט, ווי זאגט איהר, איין אומגליק, נעמט עס אפ דאס לשון. און אט-א-דא הויבט זיך ערשט אן די רעכטע מעשה פון טויזענד איין נאכט, וואס אז איך דערמאן זיך, שטעלען זיך מיר נאך איצט די האר קאפויר.

* * *

בקיצור, געקומען צו געהן צום קאמענדאנט, טרעפען מיר אין הויף דעם שלים-מזל, טאקי אבא דעם שוחט הייסט עס, ווי ער שטעהט א געבונדענער, די הענט ארונטער, און צוויי זעלנער מיט אנגעלאדענע ביקסען פון ביידע זייטען. די זעלנער שטעהען גרייט צו דער ארבייט, און ער, דער שוחט נעבאך, טרייסעלט זיך ווי א לולב און שעפטשעט עפים שטילערהייד, אפנים, ער זאגט ודוי, ניט אנדערש... ווילען מיר דאך מסתמא א שמועס טהון מיט איהם: „רב אבא, גאט איז מיט אייך!" טהוען די זעלנער א וואונק צו אונז מיט די ביקסען: הזהר והשמר — אז טאמער, הייסט עס, רעדען מיר אוים מיט איהם אווארט, מיט'ן שוחט הייסט עס, אזוי ווערען מיר געשאסען! און אז א דייטש זאגט, אז ער וועט שיסען, איז ער א בטוח. ובפרט אין אזא צייט, ווען די גאנצע וועלט איז, ווי זאגט איהר, משוגע געווארען! באלד עפים — שיסט

מען! מע קומט־צו צו אייך, איהר פארשטעהט צי ניין, און מע זאָגט אייך: „פעטער! איהר האָט א שמעק טאבאק — איז גוט, אניט — שיט איך אייך!“... מע גיט אייך נישט קיין צייט אפילו צו באטראכטען זיך, פאר וואָס און פאר ווען! און ווער שמועסט, למשל, איהר זאָלט וועלען פארענטפערען זיך, אז איהר זענט גאָר קיינמאָל ניט געוועזען קיין טאבאק־שמעקער — איז חיות ניט זיכער! אט אזא וועלט איז דאָס געוואָרען, און נעה מאך!

בקיצור, ווי אזוי אונז, קרושניקער אידען, איז געוואָרען אויפ'ן הארצען, אז מיר האָבען דערזעהען דעם שוחט א געבונדענעם און ער זאָגט ודוי — באראָט איך אייך נישט דערצעהלען; נישקשה, איהר קאָנט זיך עס שוין אליין משער זיין. איך האָב מיר נור געטראכט: „רבונו דעלמא כולה! גוואלד געשריגען, וואָס וועט דאָ זיין, למשל, מיט דעם אידען? און וואָס וועט זיין מיט זיין ווייב, די אלמנה נעבאך, און מיט זיינע קינדער, די יתומים, טאָמער, חלילה וחס, איהר פארשטעהט צי ניין, אל תפתח פה לשטן?“... און אזוי ווי מיר שטעהען אזוי און טראכטען, קומט ניט ארויס צו אונז — ניט דער קאָמענדאנט, נאָר איין אנדער שווארץ יאָהר? א רויטער, א געפּאקטער, א זאטער, נאָר־וואָס פיין אָפּגעגעסען און, ווי עס ווייזט אויס, אביסעל אויסגעטרונקען אויך, אָהן א היטעל און מיט א ציגאר אין די צייהן, און נעבען איהם שטעהען נאָך צוויי אָפּיציערען, אויך אָפּגעגעסענע און אויך אָהן היטלען. זיי קוקען אויף אונז, מיר אויף זיי — מע באטראכט זיך, הייסט עס, איינס דאָס אנדערע דערוויי̈ל אזוי, אָהן ווערטער. וואָס ווייטער וועט זיין — ווייסט מען ניט. וואָלט דאָס געוועזען ער אליין, דער קאָמענדאנט הייסט עס, און וואָלט ער אונז אויפגענומען ווי מענטשען, אין שטוב, ניט אין דרויסען, וואָלט געוועזען גאָר אנדערע דבורים, מיט אנדערע ווערטער, מיט אנדערע רעד. און אזוי וואָס? גאָרנישט! מע שטעהט און מע שוויינט. מיר, דאָס הייסט, איך און דער רב און דער קאזשאָנע רב, דער ראבינער הייסט עס, שטע־

העזן סאַמע פאַרענט ביי׳ם רעכטען פייער, און זיי, די איבעריגע קרושניקער בעלי־בתים חשובים, שטעהען הינטער אונז און שטופּען אונז פון הינטען, מיר זאָלען עפּיס אָנהויבען זאָגען. נאָר געהט זאָגט, אַז סע זאָגט זיך ניט! און אָגב וואָרט איך אויפ׳ן רב — ער איז עלטער, און דער רב וואָרט אויפ׳ן קאַזשאַנע רב, ער איז אַ געשוואוירענער. דערזעהען, אַז קיינער רעדט ניט, אַ דעפּוטאַציע אָהן ווערטער, אַ שטילע וועטשערע, רופט זיך אָן צו אונז ער, דער גראַבער הייסט עס: „ווער זענט איהר?“ האַפּ איך מיך שוין אַרויס, ווי איין עזות־פּנים, יעבור עלי מה, און שטעל איהם פאָר, אַז דער אַלטער, דער זקן הייסט עס — דאָס איז אונזער רב, זאָג איך, און דער יונגערער — דאָס איז דער קאַזשאַנע רב, דער ראַבינער הייסט עס, און איך בין, זאָג איך, יאַנקעל יונעווער, דער פּאַטער, זאָג איך, פונ׳ם קרושניקער בירגערמייסטער. מיין איך, אַז ער וועט דאָ בטל ווערען; צום סוף — ווער־וואָס? לא קם ולא זע! דערזעהען, אַז גדלות געהט דאָ ניט, האָב איך אָנגעהויבען מיט רחמים, ווי זאָגט איהר, כי בתחנונים ידבר רש: „אַזוי און אַזוי, זאָג איך, מיר זענען געקומען צו דיר, זאָג איך, אַ דעפּוטאַציע, די פאַרנעהמסטע בעלי־בתים פון קרושניק, מיט אַ בקשה, זאָג איך, בעטען רחמים פאַר אַט דעם אידען“, — זאָג איך, און באַווייז איהם אָן מיט דער האַנט אויפ׳ן שלים־מזל, אויף אבא דעם שוחט הייסט עס. הערט ער מיך אויסעט, דער גראַבער דייטש, הייסט עס, און טהוט אַ מאַך צו די זעלנער, מע זאָל אונז נעמען. נעמט מען אונז, איהר פאַרשטעהט צי ניין, און מע פיהרט אונז אַוועקטאַקי תוך כדי דבור און מע זעצט אונז אַריינעט, ווי די אמת׳ע גנבים, איטליכען באַזונדער אין איין אַנדער חדר. און געדויערט האָט עס אַ רגע כמימרא, אַ סך ווייניגער, ווי איך דערצעהל אייך! וואָלט מען חאַטש געלאָזט אונז שיקען אָנזאָגען אַהיים, וואו מיר זענען — איטליכער האָט דאָך אַ ווייב און קינדער — איז ניין! אַריינגעזעצט, צוגעשלאָסען די טהיר — און שוין! פרעגען אַ

דייטש, פאר וואס? איז דאך ניט שייך! ערשטענס, וועט ער אייך ניט ענטפערען. איז איינס. און דאס אנדערע — טאמער וועט חלילה זיין נאך ערגער, ווארום מלחמה־צייט, איהר פארשטעהט צי ניין, אז סע שמעקט מיט פולווער, באדארף מען גלאט זיין געהיט מיט איין איבעריג ווארט, ווארום מי יודע, ווער פון די צדדים וועט מנצח זיין און מיט וואס דער סכסוך קאן זיך אויסלאזען? עס קאן נאך זיין, ווי זאגט איהר, עליונים למטה ותחתונים למעלה, דאס הייסט, ווער עס דארף ליגען אין דער ערד זאל מנצח זיין, און ווער עס דארף מנצח זיין — זאל דער גאר ליגען אין דער ערד און באקען בייגעל...

בקיצור, מיר זענען געוועזן גוט, גוט אין דער ארבייט, האטש אפילו, אז מע וויל צוריק, וואס פאר א חטא האט מען אויף אונז געקאנט געפינען, וואס מיר זאלען דא מורא האבען? ובפרט, מיר האבען דאך צו טהון, איהר פארשטעהט צי ניין, מיט דייטשען! נאר געהט רעכט זיך, אז דאס איז א צייט, וואס דייטשען גופא זענען ניט קיין דייטשען, פראנצויזען קיין פראנצויזען און איינגלענדער קיין איינגלענדער. אלע האבען זיך אנגעטהאן אין פעל און האבען זיך פארשטעלט, איהר פארשטעהט צי ניין, פאר חיות, ווילדע חיות רעות צו אלדי שווארץ־יאהר! ס'איז געווארען ערגער פונ'ם דור המבול, עק וועלט איז געווארען. איהר מיינט אודאי, מע האט אויף אונז ארויפגעלעגט א געלד־שטראף? אדער מע האט אונז חלילה געמשפט מיט שמיץ? ניין, דאס גראד ניט! נאר אז איהר זאלט זיין מיט אכצעהן קעפ, וועט איהר אויך ניט צוטראכטען! אט פאלגט מיך, מוטשעט זיך אפילו ניט. גיט מיר עטליכע מינוט צייט אויף איבערצוחאפען דעם אטהעם, וועל איך אייך עפיס דערצעהלען א שענס, און איהר וועט זיין אזוי גוט און וועט מיר זאגען, וואס איז דאס געוועזן: א שפאס? איין ערנסט? אדער א חלום?

8.

קדוש־לבנה.

— — — די מעשה, וואס איך וויל אייך דערצעהלען איצי־דערט, איז א מעשה פון קדוש־לבנה, דאס הייסט, ווי אזוי מיר, קרושניקער אידען, האבען מחדש געווען די לבנה. נאר דערצו מוזען מיר געדענקען, אז מיר האלטען ביי דער סדרה „וישב“, ווי אזוי מע האט אונז גאנץ פיין א ר י י נ ג ע ז ע צ ט אין חד־גדיא אריין, מיך און דעם רב, און דעם קאזשאנע רב, דעם ראבינער הייסט עס, מיט אלע איבעריגע שבעה טובי העיר, די גאנצע גיל־דענע פאהן פון קרושניק, דערפאר, וואס מיר זענען באגאנגען אזא פארברעכען — מיר האבען זיך אנגענומען אבא דעם שוחט'ס קריוודע, דאס הייסט, מיר האבען געבעטען פאר איהם רחמים, גע־וואלט ראטעווען, איהר פארשטעהט צי ניין, א אידען פון דער תליה.

בקיצור, זיצען מיר זיך אט אזוי געזונטערהייד, איטליכער אין זיין חדר'על, ווי זאגט איהר, ניט על התורה ועל העבודה און ניט אויף צעהן ריבעל א וואך זיצען מיר, נאר מיר זיצען פשוט אין טערמע גלייך מיט אלע גנבים און מיט אלע שכורים, — וואס זאל מען טהון? וישב — מע האט אונז באזעצט, ווי זאגט איהר, זיצט מען. זיצט מען א שעה, זיצט מען צוויי, זיצט מען דריי, עס ווערד שוין באלד נאכט, — איך בעט אייך, וואס ווילען מיר אויסזיצען? און דארט, אין דערהיים, ווייסט מען אפילו ניט וואו מיר זענען — דאס איז נאך ערגער פון אליז! און חוץ לזה, גלאט — איטליכע זאך מוז דאך האבען איין עק! ממה נפשך, אדער אהין, אדער אהער. דער קאפ ווערד, זאג איך אייך, שיער ניט צעשפרונגען טראכטענ־דיג, און טראכטען טראכט זיך לויטער שלעכטס און לויטער ער־גערס! עס שמעלט זיך מיר פאר, ערשטענס, אז מע משפט אונז קרי־מינאל; און דערנאך, ווי אזוי מע פיהרט אוים אויף אונז דעם פסק־דין

לויט דעם גאַנצען שלחן ערוך פונ׳ם פעלד־געריכט. דאָס הייסט, מע האָט אונז מחילה אויסגעשטעלט אַלעמען, די פיינסטע קרושניקער בעלי בתים, מיט׳ן רב און מיט׳ן קאַזשאָנע רב, מיט׳ן ראַבינער הייסט עס, אין איין שורה. און צוועלף זעלנער מיט די אָנגעלאָדענע ביקסען שטעהען שוין גרייט אַקעגען אונז און וואַרטען נור אויפ׳ן גוטען וואָרט, — קומט צו געהן דער קאָמענדאַנט בכבודו ובעצמו — אַזוי שטעלט זיך מיר פאָר — און ער הייסט אונז זאָגען ודוי — פאַרט אַ דייטש איין איידעלמאַן! ווער איך מסתמא אויפגעקאָכט און טראַכט מיר: יעבור עלי מה, שוין סאַי ווי סאַי אַ מינוט פאַר׳ן טוידט, לאָם איך מיר חאָטש קיהלען, ווי זאָגט איהר, דאָס האַרץ, און לאָם איך איהם חאָטש זאָגען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער! און איך הויב אָן מיט׳ן לשון פון ויגש, און מאַך צו איהם אַזוי: „ב י א ד ו נ י — הער נאָר אויס, דייטש, י ד ב ר נ א ע ב ד ך ד ב ר ב א ז נ י א ד ו נ י — לאָז מיך אויסרע־דען אַ וואָרט פאַר דיר, ו א ל י ח ר א פ ך ב ע ב ד ך — נאָר זאָלסט מיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען“... און אַזוי ווייטער, נישט געלעגט קיין כבוד, וואָס ער איז אַ דייטש, איהר פאַרשטעהט צי ניין, און אַ קאָמענדאַנט, און וואָס איהם איז געראָטען, ער האָט איינגענומען קרושניק... און אַזוי ווי איך טענה מיך אוים מיט איהם, במחשבה הייסט עס, עפּענט זיך די טהיר און עס קומט ניט אריין אַ זעלנער מיט איין אָנגעלאָדענער ביקס? אריינגעקו־מען, טהוט ער צו מיר אַ וואונק, איך זאָל, הייסט עס, זיך מטריח זיין און געהן מיט איהם. העלפט ניט און מע דאַרף זיך מטריח זיין און געהן מיט איהם. איך קום ארויס אין דרויסען — שוין שטאָק־נאַכט; איך קוק מיך איין — די איבעריגע זענען אויך דאָ, דער גאַנצער שפּיעגעל פון קרושניק, און דער רב מיט׳ן קאַזשאָ־נע רב, דער ראַבינער הייסט עס, בתוכם. ביי יעדען שטעהט זיך אַ זעלנער פון הינטען, אָנגעוואָפענט מיט איין אָנגעלאָדענער ביקס,

און — דער עלטסטער פון די זעלנער טהוט א קאמאנדעווע: „פאר־ווערטס!“ — מע זאל געהן, הייסט עס... געהען מיר שוין אלע אינ־איינעם, די גאנצע דעפוטאציע, שטילערהייד, אהן ווערטער, וואר־רום רעדען טאר מען דאך ניט, ווי זאגט איהר: אסור לדבר! נאר יעדער זיפץ מיט יעדען קרעכץ רייסט אויס א שטיק הארץ, אשטייגער, אזוי ווי, למשל, ראש השנה צו מוסף פאר די תקיעות, האט איהר זיך צוגעהערט, ווי אידען קרעכצען? מעהר פון אלץ האט מיר וועה געטהאן דאס הארץ אויף אונזער רב, נעבאך א איד א זקן, א בן שבעים — וואס זאג איך א בן שבעים? ער האט באדארפט דע־מאלט, לויט מיין חשבון, אלט זיין גוטע פינף און זיבעציג, און אפשר, אז איהר'ט מיך שטארק בעטען, טאקי אלע אכציג, ווארום איך געדענק איהם נאך אויף מיין חתונה אין יונעוו, — חתונה האב איך געהאט אין יונעוו, איהר פארשטעהט צי ניין, און איהם האט מען אראפגעבראכט פון קרושניק — איז ער שוין דעמאלט געווען א איד א זקן, דאס הייסט, ניט קיין זקן, נאר גרויע האר האט ער שוין געהאט, און פון מיין חתונה ביז היינט האבען מיר שוין א קיימא־לן, אזוי גרויס ווי — איך זאל אייך זאגען אקוראט — געדענק איך ניט, און אגב וויל איך ניט אפטרעטען פון דער געשיכ־טע, וואס איך דערצעהל אייך, ווארום סע שוואכט אפ, איהר פאר־שטעהט צי ניין, דעם ענין און מע קאן חלילה פארגעסען וואו מע האלט, האטש א זכרון האב איך — הלואי ווייטער. א סימן האט איהר, אט וועל איך אייך זאגען וואו מיר האלטען.

מיר האלטען אלזא ביי'ם רב, ווי ער געהט זיך אזוי, דער זקן, אויף צופריהער, און מיר, קרושניקער בעלי בתים, נאך איהם, און מע זיפצט און מע קרעכצט און מע טאר קיין ווארט נישט ארויס־רעדען. און וואלטען אונזערע היימישע געוואוסט, וואו מיר זענען, און וואלטען מיר אליין האטש געוואוסט, וואוהין מע פיהרט אונז — איז ניין! ווי זאגט איהר, כצאן לטבח יובל — ווי די שאף צו דער שלאכט. אויף א גוט ארט מע זאל אונז פיהרען — דאס זעהט

מען נישט, וואָרום ווי וואָלט אונז דער דייטש ניט געזאָגט, וואוהין מיר געהען? און אז מע וואָרט דאָרט אויף אונז מיט כבודים — דאָס אודאי ניט, וואָרום ער וואָלט אונז נישט אַזוי געטריבען, ווי ער טרייבט אונז — „פאָרוועָרטס" און „פאָרוועָרטס"! און אייִדער מיר קוקען זיך אַרום, זענען מיר שוין אויף דער טוידטער גאַס, דאָרט, וואו מע געהט צום נייעם הייליגען אָרט. איך זאָג „צום נייעם", מחמת אין קרושניק האָבען מיר, ברוך השם, צוויי בית־עלמין'ס, איינעם איין אַלטען און איינעם אַ נייעם, דאָס הייסט, דער נייער איז שוין אויך גענוג אַלט, און קיין עין הרע פיין באַזעצט, אַ קבר נעבען אַ קבר, מע וועט שוין באַלד דאַרפען אָפּנעמען פעלד אויף אַ דריטען בית־עלמין, אויב גאָט, הייסט עס, וועט שענקען דאָס לעבען, די מלחמה וועט אַמאָל האָבען איין עק, און קרושניק וועט בלייבען קרושניק, און אידען וועלען זיין אידען...

בקיצור, למאי זאָל איך אייך לאַנג מאריך זיין? אַזוי ווי מיר געהען, שיינט אַרויס די לבנה און מיר טהוען אַ קוק — מיר זענען שוין גאָר ניט ווייט פונ'ם בית־עולם; אָט איז דער טויער, אָט איז דאָס „אוהל", און אָט זענען מיר אַלע דאָ! וואָס זאָל איך קלערען, אַשטייגער? מסתמא איז עמיצער געשטאָרבען אין שטאָדט איין אדם חשוב, אָדער אפשר האָט מען געבראַכט צופיהרען אהער פון ערגיץ אַ בר־מינן, וואָס מע דאַרף איהם ברענגען צו קבר־ישראל? איי, צו וואָס באַדאַרפען מיר זיין דערביי? און צו וואָס מיט אַזאַ לויה פון זעלנער? איז דער תירוץ: למאי וואָס דען האָט מען אונז געבראַכט צופיהרען אהער פלוצים אין מיטען ביי נאַכט אויף קבר־אָבות? דערווייל, אַזוי ווי מיר טראַכטען דאָ, מיר טהוען אַ קוק — ער איז אויך דאָ, דער שלים־מזל, אבא דער שוחט הייסט עס! ער און צוויי זעלנער מיט איהם! וואָס טהוט דאָ דער שוחט? גאָר אַ קלייניגקייט: ער שטעהט מיט אַ גראָבאייזען אין האַנט און גראָבט אַ קרקע און וויינט, גיסט מיט טרערען... איז אונז די זאַך באַלד נישט געפעלען: ערשטענס,

פון ווענעמס וועגען גראבט ער עס א קרקע? והשנית, וואס איז אבא דער שוחט פאר א גרעבער? און חוץ לזה, וואס איז דאס וויינען, וואס ער וויינט? פון אלע זייטען, איהר פארשטעהט צי ניין, איז דאס קשה, פלאי פלאים, גארניט צו פארשטעהן!

עס האט אבער קיין סך צייט נישט גענומען, אפשר אזוי פיעל, ווי איך דערצעהל אייך, און אפשר נאך ווינציגער, און עס זענען פארענטפערט געווארען אלע קשיות. דער עלטסטער פון די זעלנער האט געגעבען א קאמאנדעווע, און ס'איז באשאפען געווארען, איך וויים ניט פון וואנען, עטליכע זאסטופעס מיט עטליכע גראבאייזענס, און מע האט אונז גענומען, איהר פארשטעהט צי ניין, און מע האט אונז אוועקגעשטעלט, אפגעטרעטען איינס פון דאס אנדערע עטליכע טריט, געגעבען איטליכען באזונדער א זאסטופ אין האנט אריין און באפוילען, מיר זאלען מוחל זיין זיך גראבען קברים, יעדער באזונדער פאר זיך א קרקע, מחמת ניט שפעטער ווי אין א פאר שעה ארום — אזוי האט מען אונז געגעבען צו פארשטעהן — ווערען מיר געשאסען...

איהר ווילט וויסען, ווי אזוי מיר האבען געפיהלט, בעת מע האט אונז אנגעזאגט די דאזיגע בשורה טובה? איז פאר יענע קאן איך אייך ניט זאגען, דאס איז זייער עסק. נאר פאר זיך בין איך אייך ערב און איך שווערה אייך בהן שלי, אז גארניש. אבער טאקי ממש גארניש! דאס הייסט, וואס איז שייך גארניש? א לעבעדיגער מענטש, א געזונטער און א שטארקער, מיט א ווייב מיט קינדער, גיט מען איהם פלוצים א זאסטופ אין האנט אריין און מע הייסט איהם, איהר פארשטעהט צי ניין, ער זאל מוחל זיין זיך אליין אויסגראבען א קרקע, מחמת אט באלד וועט ער געשאסען! איך בעט אייך, פאני שלום-עליכם, בארעכענט עס נור אקוראט, מיט קאפ, איהר האט עפים אין דעם א באגריפיע? ניין, דאס באדארף מען אליין איבערלעבען;

יענעם געבען צו פאַרשטעהן איז ארויסגעוואָרפען! נאָר וואָס דען? מען איז דאָך עפּיס אַ מענטש אַ בר־דעת, מיט אַ שכל־הישר, טהוט מען אַ טראַכט אָהין־אַהער און מע גיט זיך אַליין אַ רעד אויס דאָס האַרץ: „מילא, וואָס איז דאָ? אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט איהר, אַז גאָט הייסט שטאַרבען, קאָן מען קיין חכם נישט זיין און מע דאַרף שטאַרבען. ביזט דאָך נישט איינער, עס שטאַרבען איצטערט מענטשען אין די אלפים, אלפי אלפים, ווי פליעגען פאַלט מען, ווי שטרוי! עלעהיי, לאָז זיך דיר דאַכטען, יאַנקעל יונעוווער, אַז דו ביזט אויך אַ זעלנער און אַז דו ביזט אויך אין סאַמע פייער. שוטה! ווער טראַכט בעת מלחמה וועגען טוידט? אָדער פאַרקעהרט, ווער טראַכט בעת מלחמה וועגען עפּיס אַנדערש, אַז ניט וועגען טוידט? וואָרום אין תוך אריין געשמועסט, וואָס איז דען מלחמה, אַז ניט דער מלאך־המות אַליין? הײנט וואָס איז שייך צו זאָגען אויפ'ן מלאך־המות, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַז ער זאָל מורא האָבען פאַר'ן טוידט?“... טראַכט אייך קאָרשט אריין אין דעם, רב שלום־עליכם, וועט איהר אַרויסזעהן, ווי טיעף דאָס איז!

בקיצור, צו וואָס פילוסופיא? איהר ווילט דאָך וויסען דעם שפּיץ. איז קאָן איך אייך זאָגען אַזוי ווייט, אַז איך אַליין ווייס בסך הכל גלייך מיט אייך וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. עפּיס אַ מהומה איז געוואָרען פּלוצים, אַ טומעל פון גאָט, אַ באַראַבאַנען פון פּויקען און אַ לויפעניש פון זעלנער און אַ טופּען פון פערד — רבונו דעלמא כולה! וואָס טהוט זיך דאָ? איין איבערקעהרעניש? סדום ועמורה? ערדציטערניש? משיח'ס צייטען? עק וועלט? אין איין כהרף־עין זענען אונזערע זעלנער פאַרשוואונדען געוואָרען, און מיר, קרושניקער אידען, זענען געבליבען איינע אַליין אויפ'ן נייעם בית־עולם מיט די זאַסטופּעס אין די הענט — און שאַ! מיר האָבען פאַרשטאַנען, דאָס הייסט, פאַרשטעהן האָבען מיר ביט פאַרשטאַנען גאָרנישט ניט, למאי זאָל איך זאָגען אַ לי־

גען? נאר דערפיהלט האבען מיר מיט אלע אונזערע חושים, איהר פארשטעהט צי ניין, אז דא איז עפּיס געשעהן אזעלכעס, וואס איז חוץ לדרך הטבע, טאקי נאר א נס מן השמים, און אז מיר זענען נצול געווארען פון א סכנה! נאר פונדעסטוועגען, מיר זאלען עפּיס קאנען רעדען, עפּיס זאגען איינס דאס אנדערע — דאס לא! עס האט אונז, איהר פארשטעהט צי ניין, אפּגענומען די צונג — און שוין! און ווי איין מענטש, גלייך ווי מיר וואלטען זיך אויפגערעדט פון פריהער, האבען מיר אוועקגעלעגט די כלי־זיין, גענומען די פיס אויף די פּלייצעס, און, ווי זאגט איהר, הלך משה מרדכי — זיך גע־לאזט געהן, פריהער פּאוואלינקע, דערנאך אביסעל גיכער, און דער־נאך לויפען, אבער טאקי לויפען, איהר פארשטעהט צי ניין, ווי מע לויפט פון א שרפה! פון וואנען האט זיך גענומען צו אונז אזוי פיעל מוטה? און ועל כולם, דער רב, דער זקן — וואו האט ער גע־נומען כח צו לויפען מיט אזא אימפּעט? והראיה, ער איז טאקי נעבאך גיך צוגעשטאנען, נישט געקאנט לויפען ווייטער, האט ער זיך אפּגעשטעלט, צוהאלטענדיג זיך מיט דער האנט ביים הארצען, קוים וואס ער חאפּט דעם אטהעם. האבען מיר שוין צוליעב איהם אויך אפּגעשטעלט זיך — ס'איז נישט קיין דרך־ארץ איבערלאזען א רב אליין אין מיטען גאס. און רעדען קאנען מיר נאך אלין נים, און וויסען וואס דא איז פארגעקומען — ווייסען מיר נאך אלין נימ. נאר מיר הערען ווי מע פויקט און ווי מע לויפט און ווי מע שיסט, עפּיס טהוט זיך, גאט, אפּנים, רעכענט זיך פאר אונז, ווי אין פּסוק שטעהט: ה' ילחם לכם ואתם תחרישון — יא, מיר שווייגען, קא־נען נישט רעדען! דער ערשטער, וואס האט יא ארויסגערעדט אווארט, איז געווען דער רב דער זקן. „קינדער! — האט ער זיך אנגערופען צו אונז, קוקענדיג ארויף, צו דער שיינענדיגער לבנה. — ווייסט איהר, וואס איך וועל אייך זאגען, זאגט ער? אז דער אויבערשטער, זאגט ער, האט יא אזוי געפיהרט, ער האט רחמנות געהאט אויף אונזערע ווייב און קינדער, זאגט ער, און מיר זענען

אַרויס פון אַזאַ סכנה, קומט איהם, זאָגט ער, מיר זאָלען איהם מחדש זיין זיין לבנה, ס'איז היינט די רעכטע צייט"... און נישט לאַנג געטראַכט, שטעלט ער זיך אַוועקעט אין מיטען שטאָדט אַקעגען דער לבנה, דער רב הייסט עס, און מיר אַלע אַרום איהם, און דער רב האָט אָנגעהויבען פרעהליך אויף אַ קול „הללויה!" און מיר אַלע נאָך איהם, און וואָס ווייטער אַלץ לעבעדיגער, און אַז ס'איז געקו־מען צום „כשם שאני רוקד", האָבען מיר אונטערגעשפּרונגען שוין גאָר לעבעדיג, ממש אונטערגעטאַנצט! — אַזאַ קדוש־לבנה, מעגט איהר מיר גלויבען בנאמנות, האָט קרושניק נאָך נישט געהערט, זינט קרושניק איז קרושניק, און וועט שוין ניט הערען, דאַכט מיר, קיין מאָל! דאָס איז געווען, ווי זאָגט איהר, שוין איין מאָל אַ קדוש־לבנה! איהר קאָנט פאַרשטעהן, ווי ווייט מיר זענען געווען גאָרנישט כהאי עלמא, אַז ס'איז געקומען צו די „שלום־עליכם'ס". הער איך עפּיס עמיצער זאָגט צו מיר מן הצד גלייך אין אויהער אַריין און מיט אַ געוויין: „שלום עליכם?" ענטפער איך איהם „עליכם שלום!" און קוק מיך איין — ס'איז ער! דער שלים־מזל! אבא דער שוחט, הייסט עס! ווי קומט ער אַהער? איז ער דען אויך געווען מיט אונז אויף קבר אבות? טפו! זאָל דאָס ווע־רען! איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז ער איז דאָ געווען דער ער־שטער! אפנים, מיר זענען אַלע געווען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, רעכט מטושטש! מיר האָט זיך נאָר געוואָלט אַרומהאַפּען דעם דאָזיגען שלים־מזל און צעקושען זיך מיט איהם, און ועל כולם האָט זיך מיר געוואָלט צעקושען מיט'ן רב, זכותו יגן עלינו, ער איז שוין איצט אויף דער אמת'ער וועלט, און אַ סוף האָט ער געהאַט — הלואי אויף אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרען, רבונו של עולם! איהר וועט שוין הערען, איך וועל אייך נים דורכלאָזען קיין זאַך, האָט קיין מורא'ט נים. דאָס איז געווען אַ איד! וואו זעהט מען היינט אַזעלכע אידען? שטעלט אייך פאָר וואָס אַ רב קאָן: פאַר־טיג געוואָרען מיט קדוש־לבנה, ווילט זיך איהם נאָך זאָגען

א פאר ווערטער, זיך שטעלען אויף א פסוק, און דוקא פון שיר־השירים: „קול דודי — האט ער אנגעהויבען — הנה זה בא"... דעם חסרון, מוז מען זאגען, האט ער געהאט, זאל ער מיר מוחל זיין: ער פלעגט ליעב האבען צו זאגען, דרשנ'ען הייסט עס. האבען מיר זיך מיישב געווען: ניין! קדוש־לבנה איז עפים אנדערש, נאר דרשות הערען מיט פסוקים פון שיר השירים ביי נאכט, אין מיטען שטאדט, נאך אזעלכע פחדים און נאך אזעלכע נסים מיט גבורות ונפלאות — דאס, רבי, לאז שוין זיין אויף איין אנדערש מאל! און מיר האבען פארקאטשעט די פאלעס, איהר פארשטעהט צי ניין, און גענומען לויפען יעדער צו זיך אהיים, האבען מיר געטראפען א נייע חתונה! אבער אזא חתונה, וואס אלע חתונות, וועלכע האבען זיך אפגעשפיעלט ביז אהער, זענען א גארניש, א קינדער־שפיעל! דאס וועט איהר אליין אויך זאגען. נאר איך זעה, איהר זענט שוין מיעד און ווילט שלאפען. א גוטע נאכט. אם ירצה השם, מארגען זעהען מיר זיך, וועל איך אייך דערצעהלען א נייע מעשה.

.9

ער הענגט שמונה־עשרה.

— — — אידען באריהמען זיך מיט זייער קעשעניוו. קעשעניוו, זאגען זיי, האט זיך קונה שם געווען אויף דער וועלט מיט איהרע פאגראמען און מיט איהרע חוליגאנעם. חא־חא! נישטא ווער ס'זאל לאכען! אויך מיר א שטאדט — קעשעניוו! קעשעניוו איז א הונט אקעגען קרושניק! הערט איהר, פאני שלום־עליכם? קעשעניוו באדארף הייצען די הרובע ביי קרושניק! קעשעניווער חוליגאנעם, זאלען מיר מוחל זיין, מעגען קומען קיין קרושניק זיך לערנען ביי אונזערע שליאכטעס און ביי פאני'ס קאזאקען, ווי אזוי מע דארף זיך רע־

בענען מיט א אידען. ערשטענס, ווי פארמאגט דען קעשעניוו דאס געוועהר מיט די הארמאטען ? דארטען, אז מען איז געגאנגען צעשלאגען א שטוב, האט מען זיך צענויפגענומען הונדערט גויים, און מע האט באדארפט דערצו שטעקענס מיט שטיינער מיט קליינע שטיינדלעך, — און וואס קאן מען מאבען מיט אזעלכע כלי־זין, משטיינס געזאגט ? ביז מע צעשלאגט צוויי־דריי הייזער, ביז עפיס־וואס, קיהלט אפ דער כעס — און אויס ! און דא, ביי אונז אין קרושניק, איין צעהנדליג גוטע ביקסלעך, אדער איין הארמאט א רעכטער, אז ער לאזט ארויס א פאר קוילען, צעשיסט עס א גאנצע גאס און ווישט אייך אפ דעם מארק מיט די קלייטען און מיט די יאטקעס און מיט אלע הייזער ארום און ארום ! וואס דארפט איהר א סך לומדות ? אט האט מען ביי אונז אין איין שמע־ישראל אפגעווישט גאנץ קרושניק, אזוי, אז ס'איז נישט געבליבען פון דער שטאדט קיין שריד ופליט, קיין זכר אפילו ! מיט'ן פונדאמענט האבען זיי ביי אונז אויסגעווארצעלט אלסדינג, וואס איז שייך צו אידען, גלייך ווי זיי וואלטען אריין ניט צו זיך, נאר צום שונא אין לאנד אריין, און גלייך ווי קרושניק וואלט געווען מי יודע וואס פאר א באפעסטיגטע שטאדט ! א מין פאריז ! צי א מין ווארשא ! אז בסך הכל, דארפט איהר וויסען, איז קרושניק פון תמיד אן געווען א שטאדט, ווי אזוי זאל איך אייך זאגען ? א הפקר־שטאדט, א שטאדט, איהר פארשטעהט צי ניין, וואס שטעהט אין דרויסען. נישט קיין הויפען, נישט קיין סערע, נישט קיין גערטנער, קיין פארקאנעס, קיין ארומצוימאכצען, נאר שטיבער מיט שטיבלעך, נאקעטע, הוילע, ארעמע, אידישע הייזלעך — האט מען זיי צעקלאפט, צעלאמעט, צעשאסען, צעהאקט, צעריבען, צעמאהלען און אפגעווישט — אויס, נישטא קרושניק !

און מיינט איהר — נור קרושניק ? אזוי איז געווען מיט קרושניק, און אזוי איז געווען אויך מיט יונעוו, און מיט ראבעוו, און מיט מאזעלבאזשעץ, און מיט בילגעריי, און מיט די אלע איבעריגע

אידישע שטעדטלעך אַרום און אַרום, ביז לובלין, ווייל לובלין איז דאָך די הויפּט־שטאָדט, איך מיין די גובערניע, און דאָרטען זיצען, חוץ אידען, אויך פּריצים און פּאָליאַקען, און אינגאַנצען די רציחה אויף אונז האָט זיך גענומען פון זיי, פון די פּאָליאַקען. ווען ניט די פּאָליאַקען מיט זייער גיסען בוימעל אויפ'ן פייער, מיט זייער טראָגען אין די אויהערען אַריין, וואָלט אפשר גאָרנישט געווען. דער ערשטער האָט זיך אויסגעפּיינט פאַן פּשעפּעצקי, דער וואָיט פון דער גמינע, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט וועגען איהם אין מיינע פריהעריגע מעשיות. ער האָט באַלד, נאָך אין יענער נאַכט פון קדוש־לבנה, אָפּגעטראָגען צום „נאַטשאַלניק" אין אויהער אַריין, אַז מיר, קרושניקער אידען, הייסט עס, זענען געווען מיט די דייטשען איין האַנט. אַ סימן, זאָגט ער, קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט, זאָגט ער, אַננעמען דאָס שטריימעל פון בורמישטש, נאָר איין יחיאל מיינער האָט דאָס, זאָגט ער, אָנגענומען... מעהר האָט פאַני נישט באַדאַרפט. עס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם אַ פייער אויף אַלע אידען, און מעהר פון אַלעמען אויפ'ן בירגערמייסטער אַליין, דאָס הייסט, אויף מיין יחיאל'ן, און ס'איז אַרויס איין „אוקאַז" פונ'ם שטאַב, מע זאָל איהם אויפזוכען, יחיאל'ן הייסט עס, און מע זאָל איהם ברענגען צו פיהרען אַ לעבעדיגען אָדער אַ טויד־טען! און נישט נור איהם אַליין — אונז אַלעמען, די גאַנצע גיל־דענע פּאָהן פון קרושניק, מיט'ן רב און מיט'ן קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, זאָל מען נעמען, איהר פאַרשטעהט צו גיין, און מע זאָל אונז ברענגען צו פיהרען — ער וויל אונז זעהען, פאַני הייסט עס. און טאָמער מיינט איהר, אַז איך האָב עס ניט געוואוסט פריהער, אַז ס'וועט אַזוי זיין? געוואוסט! ווי איהר זעהט מיך אַ אידען! אַ סימן האָט איהר — איך האָב זיי באַלד געזאָגט: „אידען, זאָג איך, ווי גאָט איז אייך ליעב, לאָמיר זיך, זאָג איך, אָפּטראָגען!" באַצייטענס נאָך האָב איך זיי דאָס געזאָגט, וויבאַלד מיר האָבען נאָר דערהערט, אין יענער נאַכט, אַז

דער דייטש ל ו י פ ט און אַז פֿאַני ג ע ה ט, וואָרום דאָרט, וואו פֿאַני שטעלט אַוועק אַ פוס, האָב איך געוואוסט, וועט קיין גראָז ניט וואַקסען. איך האָב זיי געזאָגט, זאָג איך: „לאָמיר לויפען אין דער וועלט אריין, וואו, זאָג איך, די אויגען וועלען טראָגען, אבי, זאָג איך, ניט זיין דאָ!" האָב איך אפילו ביי זיי אַלעמען כמעט ווי גע׳פועל׳ט. האָט זיך אָבער איינער אַוועקגעשטעלט — דאָס איז געווען דער רב, דער זקן. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט — איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ער וויל ניט, ער וויל נישט. ער וויל ניט, זאָגט ער, לויפען סתם אין דער וועלט אריין פאַר כל הון דעלמא, זאָגט ער; אַז דער שומר ישראל, זאָגט ער, וועט אונז וועלען אויסהיטען, וועט ער אונז, זאָגט ער, אויסהיטען, ווי ער האָט אונז אויסגעהיט ביז אַהער, און טאָמער חלילה ניט, איז אַ סימן, זאָגט ער, אַז ס׳איז אונז אַזוי באַשערט. און אויב אַזוי, זאָגט ער, לאָז חאָטש זיין, ווי אין פסוק שטעהט: ו ש כ ב ת י ע ם א ב ו ת י — דאָס הייסט, איהם האָט זיך געוואָלט פשוט קומען צו קבר ישראל און ליגען דוקא ביי זיך אין קרושניק אויפ׳ן הייליגען אָרט — פאַרהאַן אַלערליי יצר־הרע׳ס אויף דער וועלט... נאָר אַפילו אַזאַ פאַרגניגען קאָן זיך אויך אַ איד נישט פאַרגינען. ווי זאָגט איהר, אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ער האָט זיך נישט גערעכט, אונזער רב, הייסט עס, אַז ער וועט אריינפאַלען אין די הענט פון צוויי־פיסיגע חיות, וואָס זענען ניט אויסען קיין זאַך, נאָר מענטשליך בלוט, און איבערהופּט — אידיש בלוט!...

אָנגעהויבען האָט זיך די חתונה נאָך פון ביינאַכט, ווי איך האָב אייך שוין דערצעהלט. פֿאַני האָט זיך אַ לאָז געגעבען איבער די הייזער זוכען און נישטערען. טאָמער האָט זיך פאַרוואַלגערט ערגיץ מכלומר׳שט אַ דייטש, און, זוכענדיג, האָט מען דערווייל געטהאָן דאָס, וואָס פֿאַני דאַרף טהון, דאָס, למשל, וואָס פֿאַני האָט געטהאָן אין קעשעניוו, אין ביאַליסטאָק, אין באַלטע, אין קאַטערינעסלאַוו און אין אַנדערע אידישע שטעדט, — מיט דעם אונטער־

שיעד, וואס דארטען איז מען באפאלען און מע האט געשלאגען און גערויבעוועט, און דא האט מען מיט ישוב־הדעת פריהער אויס־געטרייסעלט אלע קעשענים און נאכגעפרעגט זיך ביי יעדען „טשא־סיקי, טשאסיקי“ — זייגערלעך, זייגערלעך! און געמיינט האט מען ניט דוקא זייגערלעך, נאר אויך קייטלעך, פינגערלעך, אויהערינגלעך און בייטעלעך מיט געלט איז אויך נישקשה. און דערנאך שוין, אז מע האט אלסדינג צוגענומען, מקיים געווען, ווי זאגט איהר, דעם פסוק „וינצלו את מצרים“, האט מען שוין א נעם געגעבען זיך אויך צו די נפשות: געבונדען, געשלאגען, געשטאכען, געשאסען, געהאנגען — און איבערהויפט געהאנגען! געהאנגען האט מען ביי אונז אזוי פיעל, אז ס'איז נישט געווען שוין קיין בוימער און קיין סלופעס. האט מען איבערגעלעגט קלעצער אויף א דאך, און דאר־טען, אויף די קלעצער, האט מען אויפגעהאנגען אונזערע אחינו בני ישראל פון קרושניק איינציגווייז... איינציגווייז...

דעם ערשטען פעטשאטעק האט געמאכט דער רב, דער זקן, זכר צדיק לברכה. צו איהם האבען די קאזאקען זיך ארייגעריסען גאנץ פריה, כמעט פאר טאג נאך; ער האט נאר־וואס געהאט אנ־געטהאן טלית ותפלין און געשטעלט זיך דאווענען, זענען זיי אריין, ווי א וואסער, און האבען זיך געגעבען א לאז צו איהם: „וואד־קא!“ — ער זאל זיי געבען בראנפען, הייסט עס. וואס עפיס בראנ־פען? פשוט, אויפ'ן ניכטערען הארצען, איהר פארשטעהט צי ניין, מענטשען זענען אויסגעהונגערט און מיעד, ווילט זיך נעבאך א טרונק בראנפען. נאר ווי קומט צו א רב א זקן דער ביטערער טראפען? און נאך אין אזא צייט, וואס דאס ביסעל משקה איז ביי פאני'ן אין חרם? באווייזט ער זיי מיט די הענט, וויל נישט מפסיק זיין, אז קיין בראנפען האט ער נישט אין זיין גבול אפילו. קריגט ער א פאטש מסתמא מיט א רעכטען מי־שברך אינאיינעם, גליטשט זיך אראפ ביי איהם דער של־ראש פונ'ם קאפ, בויגט ער זיך אן און וויל איהם אויפהויבען, חאפט ער א קלאפ פון הינטען

איבער'ן קאפ און פאלט חלשות. נעמען די קאזאקען און וויקלען איהם איין גאנץ פיין אין טלית ותפלין, בינדען איהם צו צו איין עק פון א פערד, מחילה, און שלעפען איהם אוועק א האלב־טוידטען איבער דער גאנצער שטאדט אין מארק אריין און הענגען איהם אויף אויף א בוים, און שטעלען אוועק א יון און זאגען איהם או, אז אט אזוי זאל ער הענגען דריי טעג מיט דריי נעכט, קיינער זאל זיך ניט דערוועגען איהם אראפנעמען.

און אט אזוי איז געבליבען הענגען דער רב, דער זקן, א צעהרג'עטער, א צעבלוטיגטער, אין מיטען מארק, אין טלית ותפלין, געשאקעלט פונ'ם ווינט אהין און אהער, אויסגעזעהן גלייך ווי ער דאוועגט, גלייך ווי ער שטעהט שמונה עשרה. און ווער עס געהט דורך, שטעלט זיך אפ, קוקט אן און לויפט אוועק א פארציטערטער און זאגט אן דעם צווייטען, דער צווייטער — א דריטען, דער דריטער — א פיערטען, איינער דעם אנדערען: „געהט זעהט!"... און דער עולם לויפט! וואס לויפט איהר? בהמות! פערד! וואס האט איהר דא ניט געזעהען? איהר האט קיינמאל קיין געהאנגענעם ניט אנגעקוקט? צי וועלכע גוטע יאהר?... נאר צוריק געשמועסט, נעמט מיך אליין טאקי, אזא אלטער נאר ווי איך בין, — וואס בין איך געלאפען אנקוקען? וויפיעל געזונט האט עס מיך דערנאכדעם געקאסט? וויפיעל נעכט בין איך נישט געשלאפען?... און עד היום נאך, לאמיך זיך נור פארטראכטען, אדער צומאכען די אויגען, שטעהט ער דען ניט מיר אקעגען, דער רב דער זקן, ווי ער הענגט אויפ'ן בוים, א צעבלוטיגטער, א בלויער, א פארגליווערטער, איינגעוויקעלט אין טלית ותפלין, שאקעלט זיך אהין און אהער, גלייך ווי ער דאוועגט, גלייך ווי ער שטעהט שמונה־עשרה — וואס זאג איך? ניט ער שטעהט, נאר ער ה ע נ ג ט! איהר פארשטעהט צי ניין? ע ר ה ע נ ג ט ש מ ו נ ה ־ ע ש ר ה!

נאר ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען? פתח שין איז שא! לאמיר דערפון היינט נישט רעדען מעהר! לאמיר בעסע־

רעדען, ווי זאגט איהר, פון פרעהליכערע זאכען — ביי אייך איז ניט געווען קיין פאגראם? ביי אייך האט מען קיין אידען נישט געהאנגען? פון וואסער א לאנד, אייגענטליך, לויפט איהר, פאני שלום־עליכם?

.10

פאני וויל יחיאל זאל געהן הויך...

— — — איך בעט אייך, פאני שלום־עליכם, מאכט מיך קלאר, וואס איז דער מעהר מיט דער עקדה, וואס אלע תפלות און דער גאנצער סדור זענען פול מיט איהר? נעמט, למשל, ימים נוראים, איז אויף יעדען שריט און טריט דערמאנען מיר דעם רבונו־של־עולם: ז כ ו ר ל נ ו ע ק ד ת י צ ח ק — זאלסט אונז דערמאנען די עקדה פון יצחק! זאלסט אונז ניט פארגעסען, הייסט עס, די טובה, וואס מיר האבען דיר געטהאן דורך אונזער עלטער־עלטער־זיידען, דורך אברהם אבינו!... און אין מחזור, אז עס קומט צום ו ב נ ו ה נ ע ק ד, צעלאזט זיך עס אביסעל דער חזן, צעגיסט זיך ווי א סאלאוויי — וואס איז? באשר אברהם אבינו האט געפאלגט דעם רבונו־של־עולם און האט געזאלט אויפברענגען זיין זוהן יצחק'ן פאר א קרבן. זעהט נאר, וואס דא טהוט זיך א ביסעל! הערט נאר, ווי מע גוואלדעוועט! שוין אזוי פיעל צייט אוועקגעגאנגען, טויזענדער יאהרען, און מע קאן זיך גאר ניט אויסצאהלען! מיינט איהר דאך אודאי, אז איך מאך דאס חוזק חלילה פון גאט און פון זיינע תפלות? פארשטעהט איהר אליין, אז איך בין ניט דער איד. מיר פאהרען דאך מיט אייך אויף איין שיף, ברוך השם, שוין העכער א וואך, האט איהר מיך באדארפט דערקענען, אז איך בין ווייט פון איין אפיקורס און פון איין אפ־שפעטער. נאר וואס דען? איך זאג עס אקעגען דעם, וואס דארט האט גאט אליין געוואלט אויספרובען אברהם אבינו'ן, ווי געטרי

ער איז צו איהם, נאָר אַ פּרוב טהון; און דאָ ביי מיר האָט פאַני, באלף אלפי הבדלות, מיך געוואָלט צ ו ו י נ ג ע ן, אַז איך אליין, איהר פארשטעהט צי ניין, זאָל מיט מיינע אייגענע הענט נעמען און באשטראָפען מיין זוהן !... מאהלט אייך, אַזוי לאַנג קרענקט דער, וואָס מיר ביידע ווייסען, ווי לאַנג ער האָט דאָס ביי מיר אויס־געפיהרט ! און אַז איך זאָל וויסען, אַז דער טוידט וועט מיר זיין, ממש דער טוידט, — נו, וואָלט ער עס ביי מיר אויסגעפיהרט? והראיה? — נאָר איך האָב פארגעסען, אַז איהר האָט ליעב אַ מעשה זאָל מען אייך דערצעהלען בהדרגה, און פּאַוואָלינקע, נישט פאר־האַפּט, ווי זאָגט איהר, די מוספ'דיגע שמונה־עשרה פאַר דער שחרית'דיגער. איך אליין, ווי איהר האָט מיך באַדאַרפט דערקענען, בין איך אזא מענטש ווי איהר. ובפרט, אַז מיר ביידע האָבען דאָ גענוג צייט אויפ'ן שיף.

הקיצור המעשה, האַלטען מיר, אפנים, דערביי, ווי אַזוי די פּאַליאַקען, הייסט עס, האָבען אונז פאר'מסר'ט פאַר פאַני'ן, אַז מיר, קרושניקער אידען, זענען געווען יד־אחת מיט'ן דייטש — אַ סימן, אָט איז מיין יחיאל געווען בורמישטש, געקרוינט, הייסט עס, פון די דייטשען פאר בירגערמייסטער, באַדאַרף מען נאָך האָבען אַ בעסערען באַווייז? אי, ס'איז געווען, ווי זאָגט איהר, באין ברירה? מע האַפּט אייך אָן פאר'ן גאָרגעל און מע זאָגט אייך: זיי בורמישטש, אָדער דו ווערסט געשאָסען? — דאָס געהט זיי ניט אָן. ביזט דו אַ רוסישער, דאַרפסט דו אונז זיין איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען, ווי זאָגט איהר: יהרג ואל יעבור — גע'הרג'עט ווערען, הייסט עס, און בלייבען געטריי ! איז במה דברים אמורים — ווען איז דאָס געוועזען? אַז ס'איז מיין לאַנד, און מיין גוטס וערד געהיט, און מיין גוף איז געשיצט, און פאַר מיין ווייב און קינדער בין איך זיכער. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז דאָס לאַנד, זאָגט מען מיר אַלע טאָג, איז ניט מיינס, איך בין גאָר, זאָגען זיי, אַ פ ר ע מ ד ע ר, איין איינגעבעטענער, און מע

טרייבט מיך דעריבער און מע יאָגט מיך, ווי אַ הונט; און מיין גוטס, זאָגען זיי, איז גאָר ניט מיינס, ס'איז הפקר; און מיין גוף געהערט צו זיי; און מיין ווייב קאָנען זיי הרג'ענען; און מיינע טעכטער מעגען זיי שענדען; און קיינער קאָן זיך פאַר מיר ניט אָננעמען, וואָרום דאָס הייסט אַריינגעמישט זיך, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אין יענעמס געשעפטען; — ווי באַלד אַזוי, פרעג איך אייך, פון וואַנען זאָל זיך נעמען ביי מיר דער „יהרג ואל יעבור"?

בקיצור — צו וואָס לאַנגע טענות? מע האָט אונז געשיקט רופען, אַלע פאַרנעהמסטע בעלי בתים פון קרושניק, צום אָדון הגדול, דאָס הייסט, צום סאַמע גענעראַל פונ'ם רוסישען שטאַב, מיר זאָלען איהם אָפּגעבען דין־וחשבון, וואָס מיר האָבען געהאַט צו טהון מיט'ן דייטש, און איבערהויפּט — מיין יחיאל'ן, ווי אַזוי ער איז געוואָרען בורמישטש? און עס האָט ניט געהאָלפען קיין חכמות, אַז פאָני רופט מע זאָל קומען — קומט מען, און אגב האָט ער געשיקט אַ פּאָר יונים אויך, טאַקי קאָזאַקען ממש, מע זאָל אונז נעמען און ברענגען צו פיהרען; און מע האָט אונז גענומען און געבראַכט צו פיהרען אין שטאַב אַריין אַלעמען, חוץ איין רב, — דער רב דער זקן איז מיט אונז ניט מיטגעגאַנגען, פשוט, ווייל ער איז שוין דעמאָלט, ווי איך האָב אייך פריהער דערצעהלט, געהאַנגען שמונה עשרה אין מיטען מאַרק אויף אַ בוים, און זיין נשמה איז שוין זיכער געווען אין אויסגעלייטערטע אין גן־עדן, האָטש ביי אונז אין שטאָדט האָט מען געהאַט געזאָגט, אַז מע האָט איהם געזעהן, דעם רב הייסט עס, שוין נאָכ'ן הענגען, אַרומגעהן איבער קרושניק איין איינגעבויגע־נעם, ווי אַלע מאָל, מיט זיין יאַמשאָווען שטעקען אין האַנט. עס האָט געהייסען, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אין עולם־התוהו — און דאָס איז גאַנץ מעגליך נאָך אַזאַ מיתה, ווי ער האָט געהאַט, אַז ער האָט אפילו נישט געקאָנט קומען צו קבר ישראל, משטיינס געזאָגט... איך זעה אָבער אַרויס, רב

שלום־עליכם, נאָך אייערע אויגען, אַז איהר זענט אַ ווינציגער מאמין אין די זאַכען. איז ווי איהר ווילט אייך. נויטען קאָן איך אייך ניט, איהר זאָלט מיר גלויבען אויף נאמנות. ווילט איהר — גלויבט, ווילט איהר ניט — גלויבט ניט. אודאי, ווען איהר זאָלט זיין איין אונזעריגער, דאָס הייסט, ווען איהר זענט ביי אונז אין קרושניק אין דער צייט פון מלחמה און איהר לעבט דורך דאָס, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט, וואָלט איהר זיך אָנגעהערט און אָנגעזעהען אַזוי פיעל זאַכען, אַז איהר וואָלט ניט ווילענדיג אָנגעהויבען צו גלויבען אין אַלע נאַרישקייטען. פאַר וואָס רוף איך עס נאַרישקייטען? וואָרום ס'איז דאָך סוף־כל־סוף פאַרט נישט מעגליך, אַז אַ געהאַנגענער זאָל נאָכ'ן טוידט נעמען אַ שטעקען אין האַנד און מאַכען אַ שפּאַציער, ווי זאָגט איהר, איבער דער שטאָדט. און ווי־באַלד מיר וועלען גלויבען אין דער מעשה מיט'ן רב'ס ארומגעהן אין עולם־התוהו, וועלען מיר שוין מוזען גלויבען אויך אין יענער מעשה מיט'ן האַלב־יאָהריגען קינד, טאַקי מיין טאָכטער'ס קינד, וואָס האָט זיך אויפגעחאַפּט פון שלאָף, אויפגעזעצט זיך אין וויעגעלע און גענומען זאָגען נביאות, וואָס וועט זיין מיט דער מלחמה. גאַנץ קרושניק האָט דערמיט געהאַט צו טהון. און שולדיג אין דעם איז ניט אַזוי מיין טאָכטער, ווי מיין מחותן דער שוטה, יחזקאל מנוחה'ס. נאָר איך מיש אייך שוין ווידער איין מעשה מיט דער אַנדערער, און איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב עס פיינט. נאָר וואָס זאָל מען טהון? דער קאָפּ איז אַזוי דערשלאָגען, הערט איהר, און דער ים זשומעט, ער האָט זיך עס צעשפּיעלט אַביסעל, גלייך ווי מע ווערד פון איהם גליקליך, זעהט נור!

הקיצור המעשה, האָט מען אונז, מיך מיט מיין יחיאל'ן און מיט אַלע איבעריגע פאַרנעהמסטע בעלי־בתים פון קרושניק, געשיקט רופען, אַז מיר זאָלען זיך מטריח זיין צום נאַטשעלניק. געהען מיר, הייסט עס, צום נאַטשעלניק מיט'ן גאַנצען פּאַראַד, ארומגערינגעלט מיט קאָזאַקען פון אַלע זייטען, — געהאַט אַ לויה, קיין

עין־הרע, זעהר אַ שענע, כמעט אַלע פּאָליאַקען פון שטאָדט האָבען זיך צענויפגעזאַמעלט אונז באַגלייטען און האָבען אונז מכבד געווען מיט אַלערליי אויסגעשרייען: „זשידזשי!“... „ביילים!“... „הורא, ביילים!“... און די געלעכטערען זענען געגאַנגען ביז'ן הימעל אַריין! און פאַר גרויס גדולה, אַפּנים, האָבען זיך די פּאָליאַקען דערווײַלע מתחתן געווען מיט די קאָזאַקען, באַפאַלען די אידישע הייזער, מקיים געווען אינאיינעם די מצוה פון אַ אידישען פּאָגראָם, ווי זאָגט איהר, מיט אַלע פּליטערלעך. די פּוילען אַליין האָבען, הייסט עס, נישט געפּאָגראָמעוועט. חס וחלילה, — למאי זאָל איך אויסטראַכטען אַזאַ בלבול? — פּליאַקע האָט נאָר אָנגעוויזען, וואו ס'ע זיצט אַ איד, דאָס הייסט, זיי האָבען נאָר געוואָיעוואָדיוועט, און די קאָזאַקען האָבען שוין געטהאָן זייער אַרבייט, אָפּגערעכט דעם סדר פון פּאָגראָם ככל משפּטו וחוקתו, מיט אויפּטרענען דאָס בעט־געוואַנט, מיט צעשפּרייטען די פּעדערען, מיט ראַבעווען דאָס אי־דישע האָב־און־גוטס און לעגען אויף די פוהרען, און מיט בינדען פרומע אידען פאַר די פּאות, און מיט פּייניגען די ווייבער פאַר די אויגען פון זייערע מאַנען, און מיט מאַנס זיין די טעכטער פאַר די אויגען פון זייערע מאַמעס... און די פּאָליאַקען זענען זיך גע־שטאַנען און האָבען געקוועלט, און דער נאָמען „ביילים“ איז נישט אַראָפּ פון זייערע ליפּען...

איך וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסען, הערט איהר, וואָס פאַר אַ נקמה איז פאַרהאַן אויף דער וועלט, וואָס מיר זאָלען זיך ווינשען צו דערלעבען אין אונזערע אומזיסטיגע שונאים, די פּאָליאַקען? וואָס פאַר אַ שטראָף איז פאַרהאַן ביי גאָט, וואָס די דאָזיגע איי־דעלע רוצחים האָבען ניט פאַרדיענט ביי אונז? איך מיין, אַז ס'איז פאַרהאַן נאָר איין נקמה, נאָר איין שטראָף פאַר זיי — און דאָס וועלען מיר, דאַכט זיך, דערלעבען אין גיכען, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף, אַז פון אַלע גליקען, מיט אַלע זיסע צוזאָגעכצען, וואָס מע זאָגט זיי צו פוןביידע זייטען, וואָס שלאָגען זיך פאַר זיי, ווע־

לען זיי, די פּאַליאַקען הייסט עס, קריגען געבראַכען די ביינער און גוט אויסגעריסען ווערען פון די פּאַראַנדקעס, וואָס יעדער פון די צוויי וועט זיך נעמען ביי זיי איינפיהרען, פּאַני אויף זיין שטייגער און דער דייטש אויף זיין שטייגער, און דערנאָך ערשט וועלען זיי באַקומען פון פּאַני'ן אַ מכה און אַ פייג פונ'ם דייטש... עס וועט זיך אויסלאָזען, ווי יענע מעשה מיט די צוויי ווייבער, וואָס ווערד דערצעהלט ביי אונז אין די ספרים. אַ מענטש האָט געהאַט צוויי ווייבער, איינע אַ יונגע, די אַנדערע איין אַלטע, אוןביידע האָבען זיי איהם ליעב געהאַט. פלעגט די יונגע איהם אויסרייסען אַלע טאָג אַ גרויע האָר, ער זאָל ניט אויסוויזען אַלט. און די אַלטע פלעגט איהם אויסרייסען אַלע טאָג אַ שוואַרצע האָר, ער זאָל ניט אויסוויזען יונג. דער סוף איז געווען, אַז ער איז געבליבען קרח מכאן און קרח מכאן; אויף אונזער לשון וועט עס הייסען פשוט, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פּליכעוואַטע... אָדער ס'איז פאַרהאַן אַ מדרש ביי אונז פון אַ פּאַסטוך מיט אַ וואָלף, וואָס האָבען מלחמה געהאַלטען פאַר אַ שעפּעלע; דער האָט געשלעפּט צו זיך און דער צו זיך; אַזוי לאַנג, ביז דאָס שעפּעלע איז צעריסען געוואָרען... איך וואָלט אייך געקאָנט ברענגען נאָך משלים אַ סך, נאָר איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט מאריך זיין. עס בלייבט איבער נאָר איין זאַך, טאָכ נר וועט איהר פרעגען אַ קשיאַ: סטייטש, ווי טאָר עס אַ איד זיין אַזאַ מין אכזר און וועלען דערלעבען אויף יענעם אַזוי פיעל שלעכטס, יענער מעג זיך זיין אפילו אַ שונא, אין דער צייט, וואָס אונזערע חכמים זאָגען בפירוש, אַז ד א ס ו ו א ס פ א ר ד י ר א י ז נ י ט ג ו ט ז א ל ס ט ד ו י ע נ ע נ י ט ו ו י נ ש ע ן? זענט איהר אפשר אויך גערעכט. נאָר איך וואָלט אַ בעלן געווען, אַז עמיצער אַנדערש זאָל זיין אויף מיין אָרט און אויסשטעהן דאָס, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען. מילא, פון די קלעפּ מיט די סטוסא־

קעם, וואס מיר האבען געהאפט פון די קאזאקען ביז מיר זענען גע־
קומען אויפ׳ן ארט — דאס בין איך א י י ך מוחל, און אז מיר
זענען געקומען אויפ׳ן ארט, אין רוסישען שטאב אריין הייסט עס,
האט מען אונז אריינגעזעצט ווי די גענז, נאר יעדען אין א באזונ־
דער קעמערעל, און עס האט זיך אנגעהויבען איין אויספארשונג
און איין אויספרעגעניש וועגען די דייטשען, וואו האבען מיר גע־
נומען אזוי פיעל געלד און אזוי פיעל ברויט און אזוי פיעל אמוני־
ציע פאר די דייטשען? חאטש לעבען זאלען זיי אזוי ביידע, די
פאליאקען מיט די קאזאקען, ווי מיר ווייסען פון וואס צו זאגען!
דערנאך רופט זיך אן דער גענעראל, א וואיענער מיט א רויט
פנים און מיט פאליעטען, — אפשר איז ער גאר ניט קיין גענעראל,
אפשר איז ער נאר א פאלקאווניק, אדער גאר א קאפיטאן, איך זאל
אזוי וויסען פון איהם: „ווער, זאגט ער, פון אייך, אידען, איז דא
דער זשיד יאנקעל?"... זאג איך: „יאנקעל — דאס בין איך".
רופט זיך אן צו מיר דער גענעראל, אדער דער פאלקאווניק, ווייסט
איהם דער רוח: „דאס איז דיין זוהן יחיאל, וואס איז אזוי דער־
הויכט געווארען ביי די דייטשען?" זאג איך: „יא, יחיאל —
דאס איז מיינער א זוהן, און איהם האבען, זאג איך, די דייטשען
געצוואונגען, זאג איך, ער זאל זיין בורמישטש אויף א קורצער
צייט, ביז דו וועסט, זאג איך, אריינקומען צוריק קיין קרושניק"...
„אזוי, — זאגט צו מיר וויעדער דער גענעראל, אדער דער פאלקאוו־
ניק, — אט וועל איך דיר, זאגט ער, באווייזען, אז דיין זוהן איז ביי מיר,
זאגט ער, נאך העכער געקרוינט. אט וועל איך דיר ווייזען, זאגט
ער, ווי הויך ער וועט ביי מיר באלד זיין"... און מיט די ווערטער
נעמט ער מיך אונטער דער האנד, דער גענעראל הייסט עס, אדער
דער פאלקאווניק, נעמען זאל איהם ביי׳ם הארצען און ביי דער לע־
בער, און פיהרט מיך ארויס אין הויף ארויס, צו באווייזען מיר,
ווי הויך מיין זוהן וועט ביי איהם זיין... און געהענדיג מיט מיר,
מאכט ער צו מיר אזוי: „ביי דיר איז דאך מסתמא, זאגט ער,

דיין זוהן טהייער? ווייל איך, זאָגט ער, אַז דו אַליין מיט דיינע אייגענע הענט זאָלסט איהם באַעהרען, זאָגט ער, מיט איין אָרדען אויפ'ן האַלז..." טראַכט איך מיר: רבונו של עולם, וואָס טהוט זיך דאָ? ניט שוין זשע האָט מיין יחיאל נושא חן געווען ביי'ם רוסישען גענעראַל, אָדער פּאָלקאָווניק, פּונקט אַזוי ווי ביי'ם דייטשען קאָמענדאַנט? ניט שוין־זשע ווערד ער באַשענקט פון פּאָני'ן מיט איין אָרדען? פאַר וואָסערע מעשים טובים? אי וואָלט דאָס געווען, טראַכט איך מיר, אַ מפּלה פאַר די פּאָליאַקען! אײ־אײ־אײ! פּליאַקע וואָלט איינגענומען אַ מיתה משונה!... נקמה! דאָס געפיהל פון נקמה, איהר פאַרשטעהט מיך מיין!... נאָר צוריק שמועסענדיג, ווי באַלד אַז איין אָרדען, טראַכט איך מיר, צו וואָס קאָזאַקען? צו וואָס נאַגאַיקעס? צו וואָס קלעפּ? צו וואָס איינשפּאַרען ווי די גענז, און יעדען אין באַזונדערע קעמערלעך?... און דאָס הארץ איז מיר, ווי זאָל איך אייך זאָגען? דרייסיג פּוד! פופציג פּוד!... נאָר צוריק טהו איך מיר אַ לעבן־גיבען: אַ קשיא אויף פּאָני'ן — אפשר איז ביי איהם אַזוי דער איינפיהר? מיר'ן עלטער ווערען מיט אַ מינוט, וועלען מיר וויסען... און כך הוה — מיר זענען עלטער געוואָרען מיט אַ מינוט — חאָטש די מינוט האָט זיך געצויגען אַ יאָהר! און אַז מיר זענען געקומען מיט'ן גענעראַל, אָדער מיט'ן פּאָלקאָווניק, ס'זאָל אויף איהם קומען אַ מפּלה, אין הויף, אַז מיר זענען געקומען צום גוטען אָרט, איז מיר פאַרענטפערט געוואָרען אַלסדינג... און אַז איך האָב דערזעהן מיין יחיאל'ן שטעהן אַ געבונדענעם ביי אַ בוים, און צוויי קאָזאַקען מלאכי־חבלה ביי די זייטען, און דאָס פּנים — אַ שענערען לעגט מען אין דער ערד אריין, — האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז אָך און וועה איז צו מיר, ווי אַזוי מיין יחיאל וועט ווערען דערהויכט, און מיט וואָס פאַר איין אָרדען פּאָני וויל איהם באַשענקען... נאָר האָט צייט אַ ביסעל — דאָס איז נאָך גאָר: די רעכטע מעשה מיט דער עקדה הויבט זיך ערשט אָן.

איך האָב נאָך געהאַט אויף זיך אַ גענעראַל, אַ פּאַלקאָווניק, האָבען זאָל ער אייך ס׳מאַיאָווע קדחת אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר. המן איז געווען אַ גאָלד! פּרעה — אַ שנעק! טיטוס — אַ הונט!... אויב איהר וועט מיר צוזאָגען, אַז איהר׳ט האַלטען קאָפּ, וועל איך אייך בעטען, מיך לאָזען איבערהאַפּען דעם אָטעם אויף אַ ווייל׳ינקע. און אגב וועט איהר זיך אַליין אויך אַביסעל אויסרוהען, וואָרום איך האָב אייך שוין, דאַכט מיר, אָנגעדולט אַ קאָפּ אַזוי פיעל, אַז איהר וועט מיך האָבען צו געדענקען! טאָמער האָט אייך גאָט אויסגע־היט, הייסט עס, פון רשעים־פּאַליאַקען און פון שכורים־קאָזאַקען, האָט ער אָנגעשיקט אויף אייך אַ פּוילישען אידען, חאַ־חאַ, וואָס זי־צען זיצט ער אין קרושניק און רופען רופט מען איהם יאַנקעל יונעוער, ווייל ער איז אַ יונעוער, פון יונעוו, איהר פאַרשטעהט צי ניין...

.11

יחיאל צו דער עקדה.

— — — פרעגט מיך, אַשטיינער, איצטער, וואָס האָב איך דע־מאָלט געפיהלט און וואָס האָב איך דעמאָלט געטראַכט, אַז דער רוסישער גענעראַל, אָדער פּאַלקאָווניק, ווייסט איהם דער שוואַרצער יאָהר, האָט מיך אַרויסגעפיהרט אין הויף און האָט מיר באַוויזען מיין יחיאל׳ן שטעהן אַ געבונדענעם, צו פּאַרטיגען צו דער תליה, און רופט זיך אָן צו מיר כהאי לישנא:

„זעהסט דו, זאָגט ער, אָט די תליה? דאָס האָב איך, זאָגט ער, אויסגעפונען אַ פאַרהעכערונג פאַר דיין זוהן דעם בירגערמייס־טער, פאַר זיין געטריישאַפט, זאָגט ער, און פאַר זיין איבערגעבענ־הייט צו אונזער פיינד. געקומען איז איהם אייגענטליך, זאָגט ער, שיסען. איז אָבער שיסען פאַר אייך צופיעל כבוד, און אגב, זאָגט ער, איז אַ שאָד קוילען און פולווער. מלחמה־צייט, פאַרהאַן ב״ל־

בערי פון איהם... איצטער זיי אזוי גוט, זאָגט ער, אַט האָסט דו די שטריק, נעם טהו איהם אָן, דעם זוהן דיינעם, אויפ׳ן האלז — אַט איז דיין כבוד“... — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

נו, וואָס זאָלט איהר קלעהרען, אז מע דערלעבט אזא כבוד פון פאָני׳ן, ימח שמו וזכרו? אין איין מינוט זענען מיר דורכגעפלויגען אין קאָפּ אפשר טויזענד מחשבות און געדאַנקען. וואָס זאָל איך טהון, למשל? זאָל איך איהם פאַלען צו די פיס, קושען די הענט, בעטען ביי איהם רחמים פאַר מיין קינד? זאָל איך איהם זאָגען מיט בייזען, אז ניין, ער וועט דאָס ניט דערלעבען, ניט ער און ניט א גרעסערער פון איהם, אז איך, יאַנקעל יונעווער, זאָל אויפהויבען מיין האַנט אויף מיין זוהן? אָדער זאָל איך איהם זאָגען: „הענג בעסער מיך! הענג אויף אונז ביידען אויף איין שטריק, דו המן, דו טיטוס, דו אזוינער און אזוינער!“?... דערנאָך האָב איך מיך באטראַכט — ניין. מע דאַרף נישט. עס טויג ניט אזוי. לאָם איך איהם בעסער זאָגען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, א פּאָר ווערטער, גלאַט אזוי מיט גוטען, הייסט עס. ממה נפשך, וועט ער מיך אויסהערען, איז דאָך אודאי גוט. אלא וואָס דען? ער וועט נישט וועלען הערען — איז דאָס סאַי וסאַי פאַרפאַלען. מיין לעבען איז דאָך סאַי וסאַי, ווי זאָגט איהר, ניט ווערטה א פּרוטה. וואָרום ס׳איז דאָך נאַריש, איך ווער דאָך איהם ניט פאָלגען און וועל מיין זוהן מיט מיינע אייגענע הענט צו דער תליה ניט ברענגען, וועט ער דאָך מיך סאַי וסאַי הרג׳ענען, היינט וואָס האָב איך דאָ אָנצו־ווערען?...

הקיצור, איך האָב מיך אָנגענומען מיט הארץ, יעבור עלי מה, און רוף מיך אָן צו איהם, צום גענעראַל הייסט עס, אָדער צום פּאָלקאָווניק ימח שמו, און מאַך צו איהם אזוי: „הער זשע אויס, זאָג איך, וואַשע וויסאָקאָיע, וואָס איך וועל דיר זאָגען, זאָג איך. די מעשה דערפון איז אזוי. א מענטש, זאָג איך, איין אָפּגעמשפּט׳ער צום טוידט מעג, זאָג איך, זאָגען פאַר׳ן טוידט וואָס ער

וויל. נישט קיין סך, זאָג איך, נאָר עטליכע ווערטער — דאָס, זאָג איך, ווערסט דו אַליין זאָגען, אַז איך מעג. וויל איך דיר, זאָג איך, זאָגען אַט וואָס. פון אונזער חומש, „ביבליע" הייסט עס ביי אייך, געדענקסט דו, זאָג איך, מן הסתם, מיט וואָס פאַר אַ גרינג האַרץ אברהם אָבינו, זאָג איך, האָט געפיהרט זיין איין־איינ־ציגען זוהן יצחק'ן צו דער עקדה, זאָג איך. ער, אברהם אָבינו הייסט עס, האָט, ווי דו ווייסט, אפילו די צונג נישט איבערגעקעהרט. ווייסט דו, זאָג איך, פאַר וואָס? דערפאַר, וואָס גאָט, אַט יענער גאָט, זאָג איך, וואָס זיצט אַט דאָרט אויבען אין הימעל, האָט איהם אַזוי געהייסען. און אַז גאָט הייסט, זאָג איך, איז דאָס אַ מצוה און פאַרגעניגען און אַ כבוד, אַ שמחה, זאָג איך. ווארום אַ קלייניגקייט — אַזאַ זכיה, זאָג איך, אַז גאָט אַליין, דער מלך מלכי המלכים, האָט אויסגעקליבען, זאָג איך, מיין זוהן פאַר אַ קרבן! קאָן דען זיין אַ גרעסערער כבוד? דו ביזט דאָך אָבער, זאָג איך, וואָשע וויסאָקאָיע, ווי איך זעה גרויס, אַ מאַן איין אויפריכטיגער, ווערסט דו דאָך, זאָג איך, מיר נישט זאָגען, אַז גאָט האָט דיר געהייסען, זאָג איך, אַז דו זאָלסט מיר הייסען, איך אַליין זאָל איהם אויפברענגען מיין זוהן פאַר אַ קרבן. היינט ווי קאָן איך, זאָג איך, אויספילען דיין געבאָט? ווערסט דו מיר, זאָג איך, זאָגען, אַז דיין מלך האָט דיר אַזוי געהייסען און דו ביזט, זאָג איך, מקיים זיין געבאָט. איז אַזוי ווי, זאָג איך, איך וועל דיין באַפויל ניט מקיים זיין, ווייל דו ביזט געשיקט געוואָרען, זאָג איך, ניט פון גאָט, נאָר פון אַ מלך בשר ודם, ווערסט דו מוזען, זאָג איך, דעם באַפויל פון דיין מלך אַליין מקיים זיין, און מיך, זאָג איך, ווערסט דו פאַר מיין ניט פאָלגען דיך מסתמא אויך ניט שאַ־נעווען און ווערסט מיך מסתמא אויך, זאָג איך, טוידטען. אויב אַזוי, זאָג איך, האָב איך צו דיר אַ קליינע בקשה — און אַ בקשה פון אַ מענטשען פאַר'ן טוידט מוז מען אויספאָלגען! — מיין בקשה, זאָג איך, איז, אַז דו זאָלסט מיך ה ע נ ג ע ן

א ו י פ צ ו פ ר י ה ע ר, פאַר מיין זוהן, וואָרום איך בין זיין פאָטער, און די טבע פון דער וועלט איז, אַזוי, זאָג איך, האָט זי גאָט באַשאַפען, אַז אַ קינד זאָל זעהן זיין פאָטער אַ טוידטען, ניט אַ פאָטער זיין קינד... אַז איך וועל שטאַרבען, זאָג איך, פריהער פון מיין קינד האָטש מיט עטליכע מינוט, וועט מיין זוהן, זאָג איך, קאָנען זאָגען נאָך מיר קדיש"...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָט מיט די ווערטער און מיט דעם לשון האָב איך צו איהם געזאָגט, צום גענעראַל הייסט דאָס, אָדער צום פּאָלקאָווניק, ווייסט דער רוח די ביינער זיינע.

אַז איהר וועט מיך פרעגען, פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ שטאַרקייט מיט אַזאַ כח הדבור? ווייס איך אַליין ניט פון וואַנען. מיר דאַכט זיך אויס, הערט איהר, אַז ניט נור אַ גענעראַל, אָדער אַ פּאָלקאָווניק, — דער קייסער אַליין זאָל געוועזן זיין דערביי, וואָלט איך איהם געזאָגט דאָס אייגענע. אַ מענטש, אַז ער זעהט פאַר זיך דעם מלאך־המות, איהר פאַרשטעהט צי ניין, און פיהלט, אַז ער איז מיט איין פוס שוין אויף יענער וועלט, איז ביי איהם דעמאָלט אַ פּאָלקאָווניק און אַ גענעראַל און אַ קייסער — בלאָטע! אין אַזאַ מינוט אַז אַ מענטש רעדט, רעדט ער גאָר אַנדערש, ווי זאָגט איהר: ד ב ר י ם ה י ו צ א י ם מ ן ה ל ב... והראיה? מיינע ווערטער זענען זיהם, אפנים, אריין גוט אין די ביינער, דעם גענעראַל אָדער דעם פּאָלקאָווניק, וואָרום ער איז באַלד נאָר אַנדערש געוואָרען און רופט זיך אָן צו מיר: „פון וואַנען נעמט זיך, זאָגט ער, צו אַזאַ אידען ווי דו אַזאַ שטאַרקייט, גלייך, זאָגט ער, ווי דו וואָלסט גאָר קיין מורא ניט געהאַט פאַר'ן טוידט?"...

דערזעהען, אַז דער אָדון לאָזט זיך רעדען, מאַך איך צו איהם: „אויב, זאָג איך, וואַשע וויסאָקאָיע וועט מיר שענקען נאָך אַ צוויי מינוט, וועל איך דיר, זאָג איך, זאָגען פון וואַנען עס נעמט זיך צו מיר אַזאַ שטאַרקייט מיט אַזאַ כח אויף ניט צו מורא האָבען

פאַר'ן טוידט. פאַרהאַן, זאָג איך, ביי אונז אַ גמרא, ביי אייך ווערד־
עס אָנגערופען „תלמוד", זאָג איך. דערצעהלט זיך, זאָג איך, די
גמרא אַ מעשה פון די עשרה הרוגי מלכות, וואָס זענען אָפּגע'משפּט
געוואָרען צום טוידט. איז איינער פון זיי, זאָג איך, אַרויף אַ לע־
בעדיגער אויפ'ן הימעל און האָט זיך גענומען נאָכפרעגען, וואָס איז
די מעשה מיט די עשרה הרוגי מלכות, וואָס מע האָט זיי אָפּגע־
משפּט צום טוידט? האָט מען איהם, זאָג איך, געענטפערט, אַז
עס איז אַזאַ גזירה פון א י ה ם, פון גאָט אליין הייסט עס,
און ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. פרעגט ער, פאַר וואָסערע זינד?
ענטפערט מען איהם: פאַר מכירת יוסף, דערפאַר, הייסט עס,
וואָס די עשרת השבטים האָבען פאַרקויפט זייער יונגערען ברודער
יוסף, און פאַר אַזאַ זאַך, זאָגט מען איהם, קומט מיתה. סע
שטעהט בפירוש אין דער תורה. בּ־עגט ער: סטייטש, אַזוי פיעל
צייט אַוועקגעגאַנגען, האָט מען נישט געקאָנט זיך אָפּרעכענען, זאָגט
ער, מיט זיי פאַר מכירת־יוסף און ־עוואַרט אויף אונז, אויף די
עשרה הרוגי מלכות? ענטפערט מען איהם דאָרטען: פון זינט
מע האָט פאַרקויפט יוסף'ן ביז היינטיגען טאָג איז נאָך ניט געווען
אַזאַ דור, וואָס זיינע קינדער זאָלען זיין מ ע ה ר ע ר ר י י ן
א ו ן א ו מ ש ו ל ד י ג, ווי די דאָזיגע עשרה הרוגי מלכות...
דו פאַרשטעהסט, זאָג איך צו איהם, צום גענעראַל אָדער צום פאָל־
קאָווניק, מיט וואָס פאַר אַ גדלות, זאָג איך, און מיט וואָס פאַר
אַ פרייד איך און מיין זוהן און אונזערע אַלע איבעריגע קרושניקער
אידען געהען צו דער תליה, אַז מיר ווייסען, אַז ר י י נ ע ר א ו ן
א ו מ ש ו ל ד י ג ע ר פון אונז איז נישטאָ אויף דער גאַנצער
וועלט?!"...

און מעהר האָב איך שוין, איהר פאַרשטעהט צי ניין, קיין
איינציג וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדען, ווייל איך האָב מיר פאַר־
געשטעלט, ווי אַזוי איך העגג און ווי אַזוי מיין יחיאל זאָגט נאָך
מיר קדיש, און ווי אַזוי מיין ווייב און קינדער וויינען נאָך מיר,

און עס איז מיר געוואָרען מאָדנע ענג אין האַלז און פינסטער אין די אויגען, און טרערען האָב איך דערפיהלט, געזאַלצענע טרערען קויקלען זיך מיר איבער דער באָרד, און גלייך אין מויל אריין...

— — — — — — — — — — — — — — —

איהר ווילט וויסען, פּאַני שלום־עליכם, דעם היוצא לנו מזה? דעם פּועל־יוצא, הייסט עס, פון מיין רעדען? האָט קיין יסורים ניט — ס'איז נישט געווען ארויסגעוואָרפען. איך האָב מיט מיינע רעד מציל געווען פון דער תליה זיך אליין און מיין יחיאל'ן, דאָס הייסט, מיך האָט מען ארויסגעלאָזט און די איבעריגע אַלע האָט מען געהאָנגען, נאָר מיין יחיאל'ן האָט מען די תליה פאַרביטען אויף איין אַנדער שטראָף. מע האָט איהם אַוועקגעשיקט צו דער מלחמה, צום סאַמע פייער, און ער איז דאָרטען דעם ערשטען טאָג גע'הרג'עט געוואָרען און נישט געקו־מען צו קבר ישראל. פון וואַנען וויים איך דאָס? ווייל זיין נאָמען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, איז אריין אינ'ם צע־טעל פון די „געפאַלענע“, און איך קאָן נאָר זאָגען: „תהי נשמתו צרורה בצרור החיים“, און אַ גוטער מליץ זאָל ער זיין. וואָרום וואָס נאָך בלייבט מיר איבער צו זאָגען? פאַרגעסט נישט, אז אויף אַ סך איין ערגערען אופן איז פאַרלוירען געגאַנגען מיין צווייטער זוהן, מיין שמואל־משה. איך האָב אייך פון איהם, ווענען מיין שמואל־משה'ן הייסט עס, דאַכט מיר, נאָך גאָר נישט דער־צעהלט? מיין שמואל־משה — דאָס איז שוין געווען גאָר איין אַנ־דער מין חברה־מאַן, נישט יחיאל — ווי קומט ער צו יחיאל'ן? ס'איז גאָר לא זו הדרך! דאָס הייסט, ער איז אויך געווען נישט פון די, וואָס געהען ארוים לתרבות רעה, און איז אויך געווען אַ יונג אַ גערעכטענער, אַ וואוילער, אָבער גאָר אַ וואוילער; נישט מחמת איך באַריהם זיך; איהר זעהט דאָך, אז איך דערצעהל אייך אַלסדינג, סאַי גוטס, סאַי שלעכטס, איך פאַרלייקען נישט פון אייך קיין זאַך, ווייל איך זעה,

איהר זענט א מענטש, וואס ניט אייך נארט מען. נאר וואס דען? איך האב מורא, אז איהר ווילט שלאפען. און ס'איז שוין טאג־צייט אויך. לאז איך עס איבער אויף מארגען און זאג אייך: א גוטע נאכט און שלאפט געזונט.

.12

שמואל־משה א חברה־מאן.

— — — זאגט דעם אמת, פאני שלום־עליכם, ס'איז אייך גאר־ניט קשה די גאנצע צייט: וואס פאהרט דאס אזא איד, ווי יאנ־קעל יונעוועד פון קרושניק, קיין אמעריקא, אויף דער עלטער, איין מענטש אליין, אז ער האט דארטען ניט, ווי זאגט איהר, קיין קינד און קיין רינד, קיין גואל און קיין קרוב? דער תירוץ איז אבער: ווי אזוי וואלט יעקב אבינו אנגעשפארט קיין מצרים, ווען זיינע קינדער זאלען נישט געווען פארקויפען אהינצוצו זייער ברודער יוסף? טאמער איז דער משל ניט אזוי גלייך צום נמשל — בין איך ניט שולדיג. איך האב אייך נאר געוואלט זאגען, אז יעדער וואָרום האט, ווי זאגט איהר, זיין דארום. מסתמא איז דא דערינען א מעשה. און די מעשה איז די, וואס ס'איז א גרויסע סברה, אז מיין צווייטער זוהן שמואל־משה, אט דער חברה־מאן, וואס האט געזאלט געשאסען ווערען ביי פאני'ן אין פיער און צוואנציג שעה און איז נצול געווארען בדרך נס, ווי איהר וועט אט באלד הארכען, איז געזונט און שטארק און געפינט זיך איצט אין יענעם לאנד, וואוהין מירביידע, איך און איהר, פאהרען אצינ־דערט. הגם, איך מוז אייך זאגען דעם ריינעם אמת, אז איך בין אין דעם נישט אזא גרויסער מאמין, נישט מחמת איך בין, חס ושלום, אזא גרויסער אפיקורס, וואס גלויבט נישט אין נסים — דאס נישט. אדרבה! ע ר, אז ער וויל, קאן ע ר! ע ר האט שוין באוויזען, ווי זאגט איהר, גרעסערע קונצען! נאר וואס זשע

דענן ? דאָס וואָלט געווען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, שוין צופיעל פאַר אַזאַ שלים־מזל, ווי איך, צו גוט פאַר יאַנקעל יונעוועך פון קראָשניק. והראיה ? אָט האָט איהר אַ סימן. אָט בין איך געווען גלייך מיט אייך און גלייך מיט אַלע אידען אין דער דאָזיגער שטאָדט — ווי אַזוי הייסט זי ? — קאָפּענהאַק. טויזענדער און טויזענדער מענטשען האָבען זיך דאָרט געוואָלגערט גלייך מיט מיר, אויסגעריסען געוואָרען, געזוכט און גענישטערט און סוף־כל־סוף פאָרט אויסגעזוכט איינס דאָס אַנדערע. עס איז געווען אַ תענוג צו זעהען, ווי אַזוי מאַנען האָבען געפונען זייערע ווייבער, ווייבער — זייערע מאַנען, ברידער — זייערע שוועסטער, קינדער — זייערע מאַמעס. פאַר וואָס האָב איך נישט נעהאָט דאָס גליק ביי גאָט צו געפינען דאָרט מיין שמואל־משה׳ן ? אלא וואָס דען ? איהר וועט זאָגען, אפשר איז ער אָפּגעפאָהרען פון דעם קאָפּענהאַק איי־דער איך בין אהינצוצו געקומען ? אָדער אפשר איז ער געפאָהרען קיין אַמעריקאַ גאָר דורך איין אַנדער וועג, ניט דורך קאָפּענהאַק ? זאָגען מיר אָבער די אידען, וואָס פאָהרען מיט מיר אונטען אין דריטער קלאַס, אז קיין אַמעריקאַ איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, אוי־סער קאָפּענהאַק, — גלויב איך זיי ניט. פאַר וואָס ? פּשוט, ווייל אידען זענען בהמות. אידען ווייסען ניט דעם חילוק פון ים ביז יבשה. אויף דער יבשה איז פאַרהאַן וועגען, פאַרהאַן רעלסען, פאַר־האַן אייזענבאַהנען ; אָבער אויפ׳ן ים — וואָס איז שייך אויף אַ ים וועגען ? אי וואָס ? — איהר׳ט מיר זאָגען, ס׳שטעהט דען ניט בפירוש געשריבען „ה נ ו ת ן ב י ם ד ר ך“ ? — ע ! וואָס גלייכט איהר דאָס צו דעם ? דאָס האָט גאָר איין אַנדער טייטש מיט איין אַנדער פּשט ! מע באַדאַרף וויסען, ווי זאָגט איהר, וואו דער „חמור“ שטעהט...

הקיצור המעשה — דערווייל האָט איהר מיך אַביסעל אָראָפּ־געשלאָגען פונ׳ם וועג, און מיר האַלטען נאָך גאָר פון פאָרינט, ביי מיין שמואל־משה׳ן, וואָס איהר קענט איהם נאָך גאָר ניט און

ווייסט נישט וואס פאר א חברה־מאן דאס איז. א רעכטער חברה־מאן! איהר ווילט וויסען, וועלכעס ווערד אנגערופען ביי מיר א „חברה־מאן"? א חברה־מאן ווערד אנגערופען ביי מיר יעדער איינ־ציגער, וואס וויל זיך אויספיינען, יוצא זיין פאר דער וועלט, זיין בעסער, ווי גאט האט איהם באשאפען, איהר פארשטעהט צי ניין — אלע איינס: א ציוניסט, א סאציאליסט, אדער גלאט א קאכלע־פעל — ביי מיר האבען זיי אלע איין ווערטה און הייסען ביי מיר מיט איין נאמען — „חברה־לייט". אי, וועט איהר פרעגען ביי מיר א קשיא, טאקי אויף מיר אליין: סטייטש, אט בין איך געווען כל ימי א קהל'ס־מאן און א קאכלעפעל אין קרושניק און איבערגע־קריעגט זיך מיט דער גאנצער שטאדט? — אביסעל א גלייכעניש! בין איך דאך עפים געווען א איד א בעל־הבית, מיט א שטוב און מיט א נאמען, עפים א גאנצער יש, געווען ביי וואס אנצונעמען, איהר פארשטעהט צי ניין — און דער וואס? א גארניש, א יונ־געל, א צוציק, נאך דער מאמעס מילך, ווי זאגט איהר, גישט אויס־געטריקענט, קיין צוואנציג יאהר נים אלט אפילו! אמת, אז איהר'ט אויף איהם א קוק טהון, וועט איהר זאגען, אז דער בחור איז אלט אריבער צוואנציג, און פארשטעהן פארשטעהט דאס דוקא אזוי פיעל, ווי א מענטש, וואס איז לכל הפחות דרייסיג יאהר, און קע־נען קען עס דוקא אלסדינג, אי רעדען, אי שרייבען, אי לייענען, אי חשבונ'ען, — נישט חלילה מחמת באריהמעריי זאג איך עס; איהר ווייסט דאך, אז איך האלט נישט דערפון. נאר אז איהר'ט זיך באגעגענען מיט עמיצען פון אונזערע מקומות, טאמער וועט זיך אייך מאכען, און איהר וועט א פרעג טהון א מינדסט קינד אויף יאנקעל יונעווער'ס זוהנדעל, וועט מען אייך זאגען: „וואסער זוהנדעל? דאס בחור'על? — א פייער, א ברען, א שייגעץ, איין עזות־מחוצף־פנים, איין אויסוואורף פון דער נאטור!"... חאטש ס'אליגען! ס'איז שקר וכזב! ער איז נישט קיין אויסוואורף און נים קיין עזות־מחוצף־פנים... דאס הייסט, א שטיקעל עזות־פנים

זיין וועט איך ניט פארשווייגן קיינעם, עס מעג זיך זיין ווער עס וויל זיך, אפילו דער גובערנאטאר אליין, וועט ער איהם מאכען מיט דער בלאטע גלייך! דאס הייסט, ער וועט זיך אייך ניט זידלען, חלילה וחס! נאר ער וועט אייך אזוי אפּענט־פערען, אז ס'וועט אייך ווערען פינסטער אין די אויגען, און איהר'ט זיין צופריעדען, אז ער'ט אייך לאזען צורוה... פון וואנען האט זיך גענומען צו מיר אזא זוהן? פונקט דער היפך פון יחיאל'ן — אויף וויפיעל יענער, עליו השלום, איז געווען א פּאליטישנע, א שטי־לער און א בנעימות'דיגער, אויף אזוי פיעל איז דער א קלעק — איהם צו לענגערע יאהר, אויב ס'איז אמת, אז ער לעבט... דער, אז ער טשעפּעט זיך אן אין א זאך, איז איהם ניט אפּצורייסען! און האט עס ארויסגעזאגט דאס ווארט פונ'ם מויל, למשל, אויף נאכט טאג און אויף טאג נאכט, — איז פארפאלען, מעגען קומען כל מלכי מזרח ומערב! סיידען ער וועט זיך אליין ארומקוקען. זאגען איהם מוסר — זאל אייך גאט היטען! נאך ערגער! דעמאלט וועט ער אייך ערשט טהון קאפּויר! איך געדענק ניט אקוראט, נאר מיר דאכט זיך, אז איך האב אייך שוין איין מאל באמערקט, אז עקשנים זענען מיר אלע אין קרושניק, מיר האבען א שם אויף דער וועלט פאר עקשנים, און צווישען די קרושניקער זענען מיר די גרעסטע עקשנים. היינט שטעלט אייך פאר, וואס דאס איז פאר א פויגעל, אט דער שמואל־משה הייסט עס, אז ביי אונז אין דער משפּחה האט ער קיין אנדער נאמען, נאר „דער עקשן"...

הקיצור, איז זיך מיישב איין מאל אט דער עקשן, דאס איז געווען גאר צום אנהויב פון דער מלחמה, נאך איידער מע האט א רוף געגעבען מיין יחיאל'ן צו דער אפּאלצעניע, און קומט אהיים און רעט זיך ביי דער מאמען, זי זאל איהם איינפּאקען די זאכען און מיטגעבען גרעט — ער פאהרט, זאגט ער, אין דער גוברניע, קיין לובלין הייסט עס. „וואס וועסט דו טהון אין דער גוביר־ניע?" — גאר גיש, ער וועט זיך, זאגט ער, איינגעבען צו פּאני'ן אין

דער דיענסט. „ביזט משוגע? צי חסר דעה? צי מטורף?" — אַט אזוי וויל ער — און שוין! די „פּאַטרעטיזמע" האָט זיך אין איהם צעברענט. אַלע געבען זיך איין, זאָגט ער, פריי, וויל ער אויך זיך איינגעבען פריי. „מיר'ן זיי וויזען, זאָגט ער, אַז מיר זענען זיי ניט ווייניגער געטריי ווי די פּוילען, אויב ניט מעהר נאָך!" און ער ברענגט מיר אַ ראיה פון פּאַן פּשעפּעצקי'ס זוהנדעל, סטאַש. „נאַ, זעה, זאָגט ער, אַ גימנאַזיסטעל, זאָגט ער, פון זעכסטער קלאַס און האָט זיך שוין פאַרשריבען אין פּאָלק!" בייטעל איך מסתמא אויס אַלע בייזע חלומות: „בהמה, זאָג איך, בצורת אדם וואָס דו ביזט! וואָס גלייכסטו זיך, זאָג איך, צו סטאַשען? סטאַש, זאָג איך, איז אַ גוי און קאָן זיך דערדיענען, זאָג איך, צו איין אָפיציער, און צו אַ פּאָלקאָווניק, און צו אַ גענעראַל, און אפשר נאָך העכער אויך, און דו, זאָג איך, וואָס? האָסט פאַרגעסען, זאָג איך, אַז דו קומסט אַרויס, זאָג איך, פון צו אַ גרויסען יחוס, זאָג איך, פון אברהם, יצחק ויעקב?" איז דאָך עס אָבער שמואל־משה עקשן, און אַ חברה־מאַן דערצו, מאַכט ער צו מיר: „אַט וויל איך קום אַרויס, זאָגט ער, פון אַזאַ הויכען יחוס, באַדאַרף איך זיי, זאָגט ער, באַווייזען, ערשטענס, אַז ס'אַליגען, וואָס מע זאָגט אויף אונז, אַז מיר ציטערען פאַר אַ ביקס און שרעקען זיך איבער פאַר אַ שאָס, און, צווייטענס, לאָזען זיי, זאָגט ער, זעהען, אַז מיר זענען גלייך צו אַלע און אַז מיר פ א ר ד י ע נ ע ן זאָגט ער, צו זיין גלייך מיט אַלע"... איהר פאַרשטעהט, וואוהין דאָס ציעלט?... וויל איך דאָך איהם מסתמא אָפּענטפערען, ווי זאָגט איהר, על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון, לאָזט ער זיך ניט, דער חברה־מאַן, און מאַכט צו מיר: „טאַטע, עס וועט דיר גאַרניש העלפען, זאָגט ער, איך בין, זאָגט ער, אַ זעלנער און געה אין דער מלחמה, און זייט געזונט. איך וועל אייך, זאָגט ער, שרייבען בריוולעך"... כהאי לישנא — מיט די ווערטער.

פאַרשטעהט זיך, אַז מיינע, ווי באַלד נאָר זי האָט דערהערט

אזא לשון מיט אזעלכע דבורים, — אז זי האט גענומען צו חלש'ען — חלש'ט זי נאך. „סטייטש, זי וועט דאס ניט אויסהאלטען! זי וועט זיך גאר א מעשה אנטהון!“ טענה איך צו איהר: „שא, זאג איך, מרים, מירעל, פאלג מיך, לאז זיין שטיל, וועסט דו בעסער מאכען. דאס משוגעת, זאג איך, וועט איהם איבערגעהן, וועט ער אליין חרטה האבען“. והראיה, ווער איז גערעכט געווען? הלואי וואלט ער מיך געפאלגט דאס מאל און אלע מאל. איז עס דאך אבער שמואל־משה עקשן, האט ע ר אויסגעפיהרט, ניט מיר, און איז אוועק אין דער גובערניע אריין, און גלייך אהין, וואו מע דארף, און האט געגעבען א לעג־אוועק א שמועס, און דוקא בעל־פה, די צונג באדארף מען איהם, ווי זאגט איהר, ניט פיקען, און ער האט זיי געזאגט כך וכך, אז ער אליין, הייסט עס, איז א איד. און אז ער איז יאנקעל יונעווער'ס א זוהן פון קרושניק, און זיין נאמען איז שמואל־משה, און ער בעט, מע זאל איהם צונעמען פריי אין דער דיענסט אריין... האט מען איהם דוקא אויסגעהערט, באטראכט דעם נפש און רעכט אויסגעלאכט, אפגע'לצ'עוועט, געמאכט חוזק, ווי פאני קאן. איינער א גענעראל האט איהם א פרעג געגעבען — אזוי שרייבט מיר שמואל־משה אין זיין ערשטען בריעף: — „צו וואס ווילסט דו זיך איינגעבען אין דער דיענסט?“ ענטפערט איהם מסתמא מיין שמואל־משה: „איך וויל געהן אין דער מלחמה“. פרעגט איהם ווידער דער קאמאנדיר: „מיט וואס ווילסט דו האנדלען אין דער מלחמה? מיט אידישע פיש, צי מיט רוסישער וואדקא?“ האט איהם אפילו שמואל־משה געוואלט אפענטפערען, ווי ער קאן, ס'זאל איהם ווערען גרין און געל, נאר ער האט זיך מיישב געווען, ווי זאגט איהר, לאז איין מאל זיינס איבערגעהן, און רופט זיך אן צו איהם, צום קאמאנדיר הייסט עס: „איך וויל, זאגט ער, וואשע וויסאקע, געהן אין דער מלחמה איבער צוויי זאכען: ערשטענס, זאגט ער, איז דאס מיין חוב, איך ביז מחויב צו געהן שלאגען זיך פאר מיין פאטערלאנד; והשנית, זאגט

ער, ווילט זיך מיר באַווייזען, אַז אַ איד קאָן אויך, זאָגט ער, עפּיס אויפטהון אין דער מלחמה, אַז אַ איד, זאָגט ער, קאָן ניט נאָר האַנדלען מיט אידישע פיש אָדער מיט רוסישער וואָדקע, נאָר אַז ער קאָן, זאָגט ער, שיסען אויך". צעלאַכט זיך דער קאָמאַנדיר נאָך שטאַרקער: „ווי קומט צו אַ אידען שיסען?" זאָגט צו איהם מיין שמואל־משה: „קאָנסט מיך פאַרהערען" — אַ יונגאַטש קאָן! אוודאי האָט מען איהם פאַרהערט שיסען — וואָס מיינט איהר, שפּיעלעכלעך? ביי פאָני'ן געהט דאָס ניט אָן! און ניט נאָר שיסען אליין, מע האָט איהם אין איין וועגס, אַזוי שרייבט מיר שמואל־משה, פאַרהערט אַלסדינג — אי שרייבען, אי לייענען, אי חשבונ'ען, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען, זאָגט ער, אַז ער איז אומעדום אין דערהיים. וואָס דען, איך בעט אייך? אַז פּשעפּעצקי'ס זוהנדעל סטאַש האָט געקאָנט אָפּגעבען עקזאַמענט אויף זעכס קלאַסען גימנאַזיע, וואָלט מיין שמואל־משה געקאָנט אָפּגעבען אויף צוועלף קלאַסען. גלאַט — איהם האָט מען קיין מאָל נישט צוגעלאָזט, דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך...

הקיצור, איהר ווילט דאָך וויסען מסתמא דעם שפּיץ — צי מע האָט איהם אריינגענומען, צי ניט? נאָך אַ מין אריינגעמען! פאַר וואָס זאָל מען איהם ניט אריינעמען, איך בעט אייך? אַ שענער יונג, אַ הויכער, אַ ברייטער — אַ חיות אויף איהם אַ קוק צו טהון, ווי זאָגט איהר, בלוט און מילך! און אויגען — אש־להבה! אַ היציגער פאַרשוין נאָך פון קליינווייז אויף, אַלע מאָל געריסען זיך אין פייער אריין. למשל, איך האָב מיך דערמאָנט אַ קליינינקייט: אַז ער איז נאָך געווען גאָר אַ שנעק, ווי זאָגט איהר, אַ קליינער וועוריק, האָט זיך געטראָפען אַ מעשה, איין ערל האָט זיך געגעבען אַ שמועס־אוים וועגען אידען עפּי־ ניט אַזוי פויגעלדיג, אָנגערופען אונז מיט'ן נאָמען „זשיד". דער שטיינער איז, — אַז מיין חברה־מאַן טהוט ניט אַ שפּרונג־אויף און לאָזט איהם ניט אַראָפּ קיין צוויי פּעטש, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַז

פונקען זענען געפלויגען! אדער, אשטייגער, נאט אייך נאך א מעשה: אז ס'האט זיך אנגעהויבען ביי אונז די שענע געשיכטע מיט'ן פוילישען באיקאט אויף די אידען, און ס'איז ארויס איין מאל א קלאנג, אז פליאקע וועט מאכען אויף אונז א פאגראם, האט איהר באדארפט זעהען, ווי דער חברה־מאן האט זיך עס אביסעל אנגעצונדען, פארקאטשעט די ארבעל און שוין גרייט געווען איינער אליין אוועקצולעגען אין איין שמע־ישראל א מאה גויים און נאך מעהר, אז מע וועט באדארפען! א שטיקעל גליק, וואס פליאקע האט ליעב נאר צו רעדען מיט דער צונג און דערביי בלייבט עס... אז איך זאג אייך א חברה־מאן, איז א חברה־מאן!

בקיצור, מיין חברה־מאן איז אריין, און ווי נאר ער איז אריין, מיין שמואל־משה הייסט עס, אזוי האט מען איהם תוך כדי דבור אוועקגעשיקט מיט זיין פאלק אין דער מלחמה אריין, און אוועקגעשטעלט איהם גלייך אין פייער אריין אקעגען דייטש, איהר פארשטעהט צי ניין, און אויף דער דריטער וואך שוין האט מען איהם באשענקט מיט א מעדאל, א „געארגי" רופט מען דאס, ס'איז א גרויסע זכיה, שרייבט ער, צו באקומען א געארגי! און שפעטער מיט א פאר וואכען האט מען איהם געשענקט נאך א „געארגי", און אין אנדערהאלבען חדשים ארום ווידער א מאל א „געארגי"! נאר צו וואס באריהמעריי, פוסטע דבורים? איך האב עס פיינט! — איהר ווילט וויסען, ווי אזוי און פאר וואס ער האט באקומען אזוי פיעל מעדאלען? זייט זיך מטריח, רוקט זיך צו אביסעל נעהענטער, אט האט איהר אייך א פעקעל בריוולעך, פון איהם טאקי, פון מיין שמואל־משה'ן הייסט עס, וואס ער שרייבט צו מיר פון דער מלחמה, פונ'ם סאמע פייער. איך וועל אייך נישט לייענען אלע פון אלף ביז תיו. שרעקט זיך ניט! איך וועל אייך נאר ארויסלייענען פון זיי דאס נויטיגסטע, אדער, ווי זאגט איהר, דעם סאמע תמצית, וועט איהר זעהן גבורות ונפלאות, און איהר וועט פארשטעהן וואס פאר א חברה־מאן דאס איז! דערזויילע וועלען מיר

פריהער געהן עפּים נעמען אין מויל אריין, אויב מע קאן עס נאר נעמען אין מויל אריין, ווייל ניט אלץ, וואס מע גיט דא אויפ'ן שיף, מעג מען עסען, און נישט אלץ, וואס מע מעג, ווי זאגט איהר, קאן מען עסען...

אויף וויעדערזעהען.

.13

די גבורות ונפלאות פון שמואל־משה'ן.

— — — איהר זאגט, ס'איז נישט פאַרהאַן קיין צוויי גלייכע מענטשען אויף דער וועלט. וואס דארפט איהר צוויי גלייכע מענטשען? נאט אייך צוויי ברידער, פון איינע טאטע־מאמע, איך מיין דאס טאקי מיין יחיאל'ן, עליו השלום, מיט מיין שמואל־משה, להבדיל בין החיים למתים, אויב, הייסט עס, איך האב א זכיה ביי גאט און ס'איז אמת, אז שמואל־משה לעבט און איז אין אמע־ריקא... אט האט איהר אייך דעם בעסטען ביישפּיעל: צוויי קינ־דער, איין מאמע האט זיי געהאט, אין איין שטוב געוואכסען, ביי איין רבי'ן געלערענט, — איז איינער געוועזן, איהר פאַרשטעהט צו גיין, א ירא ושלם, מורא געהאט א הויך ווארט אויסצורעדען, ווי זאגט איהר, א פליעג נישט זאטשעפּעט אויף דער וואנט. דער „לא תרצח" איז ביי איהם געוועזן א גוואלד! — א קליינינקייט לא תרצח? און דער? — א חברה־מאן, און נאך וואס פאר א חברה־מאן! צווישען חברה־לייט א חברה־מאן! איך האב דאך אייך שוין דערצעהלט, וואס דאס איז פאר א צאצקע! איז דאס אבער נאך א שמינית שבשמינית. נאר צו וואס פוסטע רעד? יעדער פאטער האט ליעב צו דערצעהלען גרויסקייט פון זיינע קינדער. דאס איז שוין זינט די וועלט שטעהט. חאטש אויף וויפיעל איהר האט מיך דערקענט אט דא אויפ'ן שיף, וועט איהר אליין זאגען, אז איך בין נישט פון די פאטערס, וואס זענען בלינד און זעהען

ניט, אָדער זיי מאַכען זיך ניט זעהענדיג. איך האָב עס פיינט. ביי מיר איז אַלץ אויבענאויף, ווי אויף אַ טעלער, ווי זאָגט איהר, איין אָפּענער זעכס און זעכציג. אַט האָט איהר אייך אַ גאַנץ בינטעל בריעף פון מיין שמואל־משה׳ן, וואָס ער שרייבט מיר פון דער מלחמה. נאַט לייענט, וועט איהר אַליין זעהען, וואָס פאַר אַ פויגעל דאָס איז. קוקט נישט, פאַני שלום־עליכם, אויפ׳ן כתב, וואָס איז ניט אַזוי ריין, און ניט אַזוי שען, ווי זאָגט איהר, קאַט־שערעס מיט לאַפּעטעס. ער, מיין שמואל־משה הייסט עס, האָט אַ האַנד דוקא אַ שענע; מע קאָן זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ „כתבא רבה“. אַלע מיינע קינדער אַזוי. אַז מיינע קינדער האָבען נאָך געלערענט אין חדר, פלעגט מען זיך אַרומטראָגען מיט זייערע כתבים פון שטוב צו שטוב און פון האַנט צו האַנט. דאָס איז ביי זיי בירושה. איך אַליין, ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב אויך געהאַט אַמאָל זעהר אַ שענע „פּאַטשערקע“. די גאַנצע משפחה אונזערע פיינען זיך אויס מיט זייער „פּאַטשערקע“. נאָר וואָס דען? איהר דאַרפט דאָך אַליין פאַרשטעהן, ווי אַזוי און אין וואָס פאַר איין אופן די דאָזיגע בריעף זענען געשריעבען געוואָרען. אין טראַנ־שייעס, משטיינס געזאָגט! און לויפענדיג אונטער אַ האָגעל פון פייער! צווישען האַרמאַטען און לופט־מאַשינען! אַט נאַט, זעהט אַליין, אָדער ווייסט איהר וואָס? איך וועל אייך לייענען שטיק־לעכווייז, ווייל ס׳איז שוין אַ סך ערטער פאַרהאַן, וואָס האָבען אָפּגעריבען זיך, אַ סך בלעטלעך פעהלען, און ס׳איז טאַקי שווער צו לייענען אַלסדינג אויף איין מאָל. איך לייען אייך, פאַני שלום־עליכם, דעריבער נאָר דעם רעכטען עיקר לייען איך אייך. אַט האָט איהר, למשל, אַ בריעף, הויבט זיך אָן ביי איהם אַזוי:

„שלום, זאָגט ער, לאהובי אבי הנגיד היקר הנכבד המרומם המופלג המפורסם...“ מילא בקיצור, נו — מיר געהען ווייטער... „חכם ונבון חביב ונחמד כבוד שמו תפארתו מוהר״ר יעקב נ״י! ראשית קום איך דיר צו מעלדען, זאָגט ער, פון מיין געפינען זיך,

אַז איך געפין זיך אין דעם צוויי און צוואַנציגסטען בעסעראַביער פּאָלק..." נו, דאָס איז נישט וויכטיג פאַר אייך, מיר געהען ווייטער: „און אַז מיין נאַטשאַלסטווע איז פון מיר זעהר צופריעדען"... אויך ניט אַזוי וויכטיג... „און מיר האָבען געהאַט, זאָגט ער ווייטער, אַ געפעכט אונטער אַ דאָרף, צווישען גרויסע בערג, דריי טעג מיט דריי נעכט אונטער'ן פייער קעגען פיינד, דריי מאָל אַזוי שטאַרק ווי מיר. נאָר אונזערע האָבען זיך געוואָרפען אין פייער אַריין, אָפּגעשלאָגען אַלע אַטאַקעס און באַקומען אַלע מאָל נייע אונטערגעפרישטע פּאָלקען, וואָס זענען געפאַלען איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע, אַזוי ווי שטרוי. בלוט האָט גערונען, אַזוי ווי וואַסער. און מיר האָבען געשפּאַנט איבער טוידטע. ווארום ס'איז ניט געווען קיין צייט אויפראַמען די גע'הרג'עטע און איבערבינדען אונזערע גערואַנעטע, איבער די דייטשע שראַפּנעלען, וואָס גיסען ווי אַ רעגען, און איבער זייערע מורא'דיגע באָמבעס פון די צוויי און פערציגער האַרמאַטען, וואָס דערלאַנגען ווייט, און אונזערע קאָנען ניט אַזוי ווייט דערלאַנגען. ווען ניט דאָס, וואָלטען מיר געמאַכט פון זיי אַ תל! ווארום אונזערע, אַז ס'איז געקומען צום סוף, האָבען מיר זיך אַ וואַרף געטהאָן אויפ'ן פיינד מיט באַיאָנעטען, מיר זענען שוין געווען די לעצטע, האָט דער קאָמאַנדיר נאָר אַ זאָג געגעבען איין וואָרט: „בראַטצי!" — ברידערלעך, הייסט עס, — האָבען מיר פאַרגעסען, אַז מיר זענען שוין סך־הכל אַ הייפעל, און די דייטשען זענען נאָך אַ גאַנצער ים, און מיר האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אויף זיי מיט אַ הורא, און האַנט ביי האַנט געשלאָגען זיך מיט זיי, ביז ס'איז געוואָרען נאַכט, און דערווייל זענען אונטערגעקומען צו אונז טון הינטען נאָך און נאָך חיל, צוגעפרישטע הייסט עס, וואָס זענען געפאַלען אויף טוידט און אַ סך געפאַנגען, נאָר איך בין געווען גרינג גערואַנעט פון אַ שראַפּנעל, סאַמע אין דער קניה פון דעם לינקען פוס. נאָר איך האָב זיך געהאַלטען שטאַרק, ווייל איך האָב געהאַט די פאָהן אין די הענט. איך האָב זי אַוועק־

געגומען ביי א געפאלענעם פון די הענט ארויס, און איך האב מיר געזאגט: דער טוידט זאל מיר זיין, נאר כל זמן איך שטעה אויף די פיס, לאז איך די פאהן נישט ארויס! דאס האט געזעהען דער קאמאנדיר אליין, און אז מיר האבען אפגעטראטען און מע האט מיך גענומען אין האספיטאל, האט מיך דערפאר דער קאמאנדיר צונעשטעלט צו א „געארגי“. וואס איך דארף די טעג באקומען, און טאקי די טעג שרייב איך מיך אוים פון האספיטאל צוריק אין פאלק אריין. און איך צעהל שוין די טעג, די מינוטען, ווען איך וועל ווידער זיך קאנען נעמען צו דער ביקס, ווארום עס קאכט אין מיר דאס בלוט מיט סכנת נפשות, עס ברענט אין מיר א פייער אויפ'ן פיינד, וואס האט אוועקגעלעגט די בעסטע כחות אונזערע, אויסגעקוילעט אונזערע ברידער, אזוי ווי די אכסען, אזוי ווי שאף, און אונזערע בעסטע אפיציערען האט ער גענומען אין פלען איינ־איינעם מיט אונזערע הארמאטען און מאשינעס, מיט אונזער גאנ־צער שווערער ארטילעריע, אהן א שיעור אמוניציע, פערד און גאנ־צע וואגאנעס מיט ברויט — אויסקרענקען זאל ער דאס, ער איז שטארק, דער דייטש, אוי איז ער שטארק! מיר זענען אבער אויך גענוג שטארק! מיר'ן איהם באווייזען!...“

נו, פאני שלום־עליכם? וואס'ט איהר זאגען אויף יאנקעל יונעווער'ס זוהן און אויף יחיאל'ס ברודער? אדער נאט, אט האט איהר נאך א בריוועל: „לכבוד, זאגט ער, אהובי אבי יקירי הרבני הנגיד המרומם...“ בקיצור... „החכם המפואר הנחמד והחביב כש"ת מוהר"ר יעקב נ"י! איך האב דיין ליעבען בריעף, אבי יקירי, מקבל געווען, און דאנק דיר זעהר פאר דיינע ליעבע זיסע קלוגע רעד, וואס זענען געזאגט געווארען מיט גרויס חכמה און מיט פיעל קלוגשאפט“... מילא בקיצור, מוחל, מוחל! בעסער געווען פריהער פאלגען דעם טאטען, איידער איצט מודה זיין, אז ער פאר־שטעהט איין עסק... און ווייטער, לאמיר לייענען וואס שרייבט ער ווייטער? ווייטער שרייבט ער אזוי: „און וואס די מאמע בא־

ווײַנט אזוי יחיאל'ן און לעגט איין די וועלט, וואס ער דאַרף געהן אין דער דיענסט, פאַרשטעה איך ניט, מיט וואס איז יחיאל מעהר מיוחס פון מיר? דאכט זיך, מיר שטאַמען ביידע פון איין יחוס..." וואס זאָגט איהר אויף אזא חברה־מאַן, ווי ער ווערטעלט זיך? עס ליגט איהם נאָך אין זינען ווערטלעך אין אזא צייט! נאָר לאָמיר געהן ווייטער: „און דו קאָנסט מיר זאָגען, אָבי היקר, מזל טוב מיט א צווייטען אָרדען, אויך א „געאָרגי", פאַר דערפאַר, וואס איך האָב אויף מיינע פּלייצעס, אַנטלויפענדיג פון'ם פיינד, אַרויסגע־טראָגען א געראַנעטען אָפיציער פון סאַמע פייער. ער האָט זיך געבעטען נאָר, מע זאָל איהם אויפהויבען פון דער ערד, זיך גע־האַלטען ביי'ם בויך, נישט געקאָנט אַליין, האָט קיינער נישט גע־וואָלט זיך אָפּשטעלען, ווארום מע האָט אונז זעהר געיאָגט, גע־האָנגלט אויף אונז מיט פייער פון אַלע זייטען, פון רעכטס און פון לינקס, פון פאָרינט און פון הינטען, און פון אויבען די לופט־מאַשינען, אזוי ווי די ווילדע פויגלען, ווער האָט געקאָנט הערען, אַז מע לויפט, ווי די צעווילדערוועטע חיות? און ווער האָט דאָס געקאָנט זיך אָפּשטעלען האָטש אויף א ווײַלע, ביי אזא העליש פייער? נאָר דער דאָזיגער געפאַלענער אָפיציער האָט אויף מיר אזא מאָרנעם קוק געגעבען מיט זיינע שענע, בלויע, גוטע אויגען, אַז ער האָט מיך דורכגענומען דורך און דורך, און איך האָב זיך אָפּ־געשטעלט, מיט ביידע עלענבויגענס זיך געמאַכט א וועג צווישען די לויפענדיגע, זיך אָנגעבויגען צום אָפיציער, געוואָלט איהם אויפ־שטעלען פון דער ערד — ווער? וואס? ער קאָן זיך ניט האַלטען אויף די פיס, ווי איין אונטערגעהאַקטער בוים. וואס טהוט מען? זאָל איך איהם איבערלאָזען אַליין? — ווערד ער צעטראָטען. איין אָפיציער! שלעפען זיך מיט איהם? — וועט מען אונז ביידען אוועקלעגען. זעץ איך מיך צו און זאָג צו איהם: קריך, וואשע בלאַהאָראָדיע, אויף מיר! און איך האָב איהם א נעם געגעבען צו זיך אויף די פּלייצעס און בין דורכגעלאָפען מיט איהם א שען ביסעל

מייל, אונטער א האגעל פון קוילען, ביז מיר זענען קוים געקומען
א פונקט, וואו אונזערע האבען געווארט אויף אונז. דארט האט
ען דעם אפיציער אוועקגעלעגט אין האספיטאל און מיך אויך, ווייל
איך בין אויך געווען געראנעט פון דער גרינג, א שראפנעל האט
מיר אפגעסמאליעט איין אויהער, און ערשט דארטען ווער איך גע־
וואויר, אז דער אפיציער איז א גאנצע שישקע, א פירשט, א קניאזש,
פון די, וואס זענען נאהענט צום הויף!... ער האט מיך צוויי מאל
געזעהן, געשיקט מיך רופען, אויסגעפרעגט זיך, ווי אזוי איך הייס
און ווער איך בין, שטארק געלויבט מיך און געזאגט, אז ער וועט מיך
קיין מאל ניט פארגעסען — און מע האט מיך צוגעשטעלט צו א
„געארגי" דעם צווייטען מאל..."

וואס זאגט איהר אויף דער גדולה — צוויי געארגיס! פרעגט
הם, וואס'ט ער טהון מיט זיי? אנו, לאז ער פרובען קומען מיט
יי, למשל, קיין פיטערבארג אדער קיין מאסקווע — צי וועט מען
איהם ניט ארויסווארפען ...יט די געארגיס? צי לאז ער, אשטייגער,
...ומען צוריק קיין קרושניק, וועט זיך פליאקע מסתמא איבערשרע־
...ן און וועט נישט מאכען אויף איהם מעהר קיין באיקאט, ווי
...עהרט איהר? נאר מיינט ניט, אז איהר זענט שוין פארטיג.
...יר האבען, איהר פארשטעהט צי ניין, נאך א דריטען „געארגי".
...וואס מיינט איהר, מיר זענען עפיס פון די קליינע? דעם דריטען
מענדאל האבען מיר באקומען... נאר אט וועל איך אייך בעסער
לייענען, וואס ער אליין שרייבט מיר, מיין שמואל־משה הייסט עס.
ס'א... בדאי נאר צוליעב'ן לשון אליין. ער האט א שענעם לשון.
מליצה — דאס ליגט שוין ביי אונז אין דער טבע. דאס איז ביי
אונז א משפחה־זאך. ער שרייבט צו מיר ווייטער, שרייבט ער
אזוי:

„...איצטיגס מאל קאן איך מיך זאגאר באריהמען, אבי
יקירי, אז איך האב כמעט אפגעראטעוועט א גאנצע ארמיע, וואס

האָט געקאָנט אַרומגערינגעלט ווערען פון אַלע זייטען און גענומען ווערען פונ׳ם פיינד אין פּלען, העכער זיבעציג טויזענד מאַן מיט אונזער גאַנצער שווערער אַרטילעריע, וואָרום דער שניי, וואָס איז אויסגעפאַלען, האָט צעלאָזט, די ערד איז געוואָרען ווייך, אַזוי ווי דרילים, און די פערד האָבען געזונקען, די רעדער האָבען נישט געקאָנט אַרויס..."

הקיצור, פּאַני שלום־עליכם, ווי זאָגט איהר — פּאַני׳ס גליקען מיט פּאַני׳ס תירוצים. איך וויל גאָרניט לייענען ווייטער. אין צוויי ווערטער וועל איך אייך נאָר איבערגעבען די מעשה: אַז מע האָט באַדאַרפט אויסגעפינען, וואו געפינט זיך דער שונא, האָט מען אויסגערופען, ווער וויל זיך מוסר נפש זיין קריכען באַרג אַראָפּ אויפ׳ן בויך צום וואַלד, צו אויסקוקען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, דעם דייטש? האָבען זיך אָפּגערופען ניט קיין סך, און צווישען זיי איז דער ערשטער געווען ער, שמואל־משה הייסט עס. אָט דאָס איז די גאַנצע מעשה; נאָר ער צעלעגט עס, ווי זאָגט איהר, אויף טעלערלעך. דער שפּיץ איז — זיי האָבען אויסגעשמעקט דעם דייטש, און מיין שמואל־משה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעזאָגט די דאָזיגע גוטע בשורה. און מע האָט צייט געהאַט דעריבער מאַכען פּליטה — אַניט וואָלט געווען שלעכט! דאָס הייסט, ס׳איז אַזוי אויך געווען אַזאַ יאָהר אויף די שונאי ישראל, מע האָט איהם געבראָכען אַ ביין, פּאַני׳ן הייסט עס, געיאָגט ווי מיט הינט, נאָר פאַרנעמען אַ גאַנצע אַרמיע איז דעם דייטש נישט געראָטען — און דאָ האָט אויך מיין שמואל־משה געהאַט אַ חלק, און דערפאַר באַקומען אַ נייע מתנה — ווידער אַ „געאָרגי", שוין צום דריטען מאָל. און דערמיט ווערד אָפּגעהאַקט די געשיכטע פון זיינע גבורות ונפלאות, און עס הויבט זיך אָן אַ נייע געשיכטע פון איין אומגליק, וואָס האָט זיך מיט איהם געטראָפען איבער אַ דייטשען אָפיציער, וואָס ער האָט גענומען אין פּלען און וואָס מע האָט איהם דעריבער גע׳משפּט, טאַקי מיין שמואל־משה׳ן הייסט עס, פעלדגעריכט,

ווען עס איז איהם געקומען א קלייניגקייט — נאר שיסען אין פיער און צוואנציג שעה!...

וואס מיט איהם איז ווייטער געווארען — דאס ווייס נאר גאט און גוטע מענטשען, וואס זאגען, אז ער איז איצט אין אמעריקא. הלואי, פון אייער מויל, ווי זאגט איהר, אין גאט'ס אויהערען. נאר אזוי ווי מיר האבען זיך שוין ביידע גוט אנגעלייענט, לאזען מיר די דאזיגע געשיכטע איבער אויף שפעטער אביסעל.

.14

שמע ישראל!

— — — איך האב מורא, אז די געשיכטע וואס איך געב אייך איבער אצינד, פאני שלום־עליכם, איז דאס די לעצטע מעשה פון וויזענד איין נאכט, ווארום די אידען, וואס פאהרען מיט מיר אין דריטער קלאס, זאגען, אז מיר זענען שוין באלד אין אמעריקא. הלואי, פון זייער מויל אין גאט'ס אויהערען. חאטש איך דארף אייך זאגען דעם אמת, איך בין אין דעם נישט אזוי גרויסער מאמין. מיר שלעפען זיך שוין אזוי לאנג, אז איך האב שוין אנגעהויבען צו פארלירען דעם בטחון מיט דער אמונה, אז ס'איז פארהאן א לאנד, וואס הייסט אמעריקא. נאר אויב ס'איז איין אמת, אז מיר דערנעהענטערען זיך, ווי זיי זאגען, צום גאלדענעם לאנד, באדארף מען זעהען אפחאפען די דאזיגע געשיכטע, ווארום איך קאן חלילה בלייבען אין מיטען — וואו וועל איך אייך געהן זוכען אין ניו־יארק?

הקיצור — ווי אזוי ווילט איהר? צי זאל איך אייך לייענען ווייטער מיין זוהנ'ס בריעף, ווי ער שרייבט צו מיר פון דער מלחמה? אדער ס'איז גענוג, איך זאל אייך איבערגעבען נאר דעם תמצית אין קורצען, אזוי ווי מיר ביידע האבען ליעב? דער תמצית אין קורצען קאן איבערגעגעבען ווערען, ווי זאגט איהר, בשלשה דברים --

אין צוויי ווערטער: עשו, א שלאק זאל אין זיינע ביינער אריין, דעם אמת מוז מען אויף איהם זאגען אונטער די אויגען, — איז געגוג שטארק און גענוג מעכטיג, און גענוג קרעפטיג און גענוג תקיף, מורא׳דיג תקיף, — אבער נאר ביי זיך זיין דער היים. פיהרען א היימישע מלחמה, למשל, איינשטילען אויפגעשטאנענע פאַליאקען, שמייסען צעבונטעוועטע מוזשיקעס, דערשטיקען א רעוואָלוציע, מאכען, איהר פארשטעהט צי ניין, א אידישען פאגראם — דערויף איז ער איין מזיק! קומט איהם אבער אויס פיהרען א מלחמה אין דרויסען, איין תחום־שבת ווייטער פון זיין לאנד ארויס — אהא! איז שוין שלים־שלים־מזל. ווי זאגט איהר, מיט דער פוטער אראפ. אויף איהם איז געזאגט געווארען דאס אייגענע, וואס דער מדרש זאגט אויף אונז אידען, להבדיל. „פאר וואס, פרעגט דער מדרש, איז ישראל געגליכען צו איין איילבערט? ווייל אזוי ווי איין איילבערט גיט ניט ארויס זיין בוימעהל נאר דורך שטויסען, דורך קלאפען און דורך קוועטשען, אזוי איז אויך ער; ער ווערד ניט בעסער ביז ער האפט ניט קיין קלעפ"... ווי געפעלט אייך דער מדרש? פון דעסטוועגען, איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אן. וואס אמת איז אמת. עס מאכט זיך א צייט, ווען ער איז גובר, ווען ער איז, ווי זאגט איהר, ידו על העליונה. אמת, דאס טרעפט זיך זעלטען, נאר עס טרעפט, הלואי זאל זיך אזוי ניט טרעפען. אט האט זיך געטראפען א נס — איך פארשטעה ניט, ווי אזוי דאס איז געשעהן, נאר ער איז אריין דעם דייטש, אזוי שרייבט מיר מיין שמואל־משה, דורך צוויי פליגלען איז ער אריין, און האט איהם ארויסגעיאגט פון די טראנשייעס, האט איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און האט פארנומען ביי איהם א גוזמא חיל אין געפענקעניש, מיט קאנאנען מיט אמוניציע, מיט הכל בכל מכל פלעקעל, און דער ערשטער פון אלע האט זיך אויסגעפיינט, פארשטעהט זיך, ער, מיין שמואל־משה, דערמיט, וואס ער האט געפאנגען דעם ערשטען אפיציער, וואס האט זיך אונטערגעגעבען

מיט אַ גאַנצען באַטאַליאָן. נאָר אָט אַזוי גרינג, מיינט איהר, גיט זיך קירה־דייטש אונטער? האָט צייט, וואַרט אַ ביסעל, וועט איהר הערען, ווי אַזוי דער חברה־מאַן, מיין שמואל־משה הייסט עס, באַשרייבט דאָס מיר אין זיין בריעף. די מעשה, איהר פאַרשטעהט צי ניין, איז אַזוי געווען. פריהער האָט מען זיך געשלאָגען און געשלאָגען און געשלאָגען, ווי געוויינטליך אין אַ מלחמה — מע שטעלט אוועק האַרמאַטען איינס אַקעגען דאָס אַנדערע און מע צילעוועט זיך: דו שיסט אויף מיין רבי'ן, איך שיס אויף דיין רבי'ן. דערנאָך הויבט מען אָן מיט קאַנאָנען און מיט ביקסען, אַלע מאָל נעהענטער און נעהענטער, און מענטשען פאַלען פוןביידע צדדים, אַזוי ווי שטרוי, אַ שורה נאָך אַ שורה, אַזוי לאַנג, ביז עס עסט זיך צו — ווי זאָגט איהר, קרעפּלעך עסען ווערד אויך נמאס, — און מע טהוט זיך אַ וואָרף איינס אויף דאָס אַנדערע מיט באַיאָנעטען, און מע הויבט אָן צו אַרבייטען מיט די הענט און מיט די פיס און מיט די ציינער, — שעהמט זיך ניט, פּשוט מיט די ציינער, וואָרום וואָס איז דאָס חדוש, אַז אויסגעמוטשעט איז מען, און מיעד און שלעפעריג אויך, און הונגעריג אויך, און פאַרדראָס אין האַרצען טראָגט מען, און דאָס לעבען איז במילא נישט ווערטה אַ שוה פּרוטה, — עלעהיי, לאָז זיך אייך דאַכטען, אויסגעהונגערטע וועלף, צעווילדעוועטע חיות... וואָס זאָג איך, צעווילדעוועטע חיות? אַ סך ערגער פון חיות! וואָרום אַ חיה, אַז זי איז הונגעריג, פאַלט זי אָן און פאַרצוקט אייך, און אַז זי האָט זיך אָנגעזעטיגט, שוויגט זי שטיל; און אַ מענטש, אַז ער צעווילדעוועט זיך, ווייסט ער ניט [illegible]ין אויפהער. [illegible]דיבור, וואָס מעהר בלוט ער זעהט, מעהר גלוסט [illegible] [illegible]יהם בלוט פאַרגיסען, און מע וואַרפט זיך איינס אויף דאָס אַנדערע, און מע שניידט קעפּ, אַזוי ווי מע שניידט קרויט, און מע שטעכט מענטשען, אַזוי ווי מע שטעכט, להבדיל, חזירים, און בלוט [illegible]יסט זיך, אַזוי ווי וואַסער. ווער האָט דאָס צייט אַ קלער צו

צו טהון: וואס טהו איך? פון וועמענס וועגען און צוליעב וואס? ווער האט צייט איבערצוטראכטען: טאמער געה איך אויף מיין אייגענעם ברודער? והראיה — אט ועט איהר הארכען ווייטער. אזוי ווי מע האט זיך א לאז געגעבען איינס אויף דאס אנדערע, אזוי שרייבט מיר מיין חברה'מאן, מיט בלויזע שווערדען און מיט שארפע פיקעס, ער טהוט א קוק — גלייך אויף איהם טראגט זיך א דייטשער אפיציער, די אויגען ברענען, דאס פנים פלאקערט; אט נאך א מינוט, נאך א רגע — איז ער איהם דורס, האקט איהם ארא‎פ דעם קאפ! מיין שמואל־משה אבער שלאפט אויך נישט. אזוי ווי ער האט דערזעהען דעם בלוטדארשטיגען אפיציער, אזוי האט ער זיך געגעבען א נעם צו דער פיקע, און גלייך אויפ'ן אפיציער, גרייט געוועזן איהם דורכלעכערען דורך און דורך, ווי א מצה! יענער, דער אפיציער הייסט עס, האט דאס באמערקט און איז דוקא נישט אפגעשפרונגען צוריק, און דוקא גלייך אויף מיין חברה־מאן, און, ווי א מענטש, וואס ווייסט, וואס פיהלט, אז ער געהט אויף א זיכערען טוידט, האט ער מיט אלע כחות ארויסגעשריען די ווערטער: „שמע ישראל! ה' אלהינו! ה' אחד!“... האבען זיך ביי מיין שמואל־משה'ן, אזוי שרייבט ער מיר, אפגעלאזט הענט און פיס, און ער געדענקט ניט, זאגט ער, וואס מיט איהם איז געווארען. מיין חברה־מאן איז קיינמאל ניט געוועזן קיין מסוכנ'ער דאוונער, נאר עס האט זיך ארויסגעריסען ניט ווילענדיג ביי איהם פון מויל: „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד!“... און ווי נאר ער האט אויסגערעדט די דאזיגע ווערטער, אז יענער טהוט נישט א ווארף אוועק פון זיך די כלי־זין און פאלט נישט מיין חברה־מאן אויפ'ן האלז און מע הויבט זיך ניט אן צו קושען זיך?... איז מען דאך אבער א איד, און איד האט שונאים, איז זיך מיישב איינער א פראסטער קאפראל און פער'מסר'ט מיין שמואל־משה'ן, אז ער האט אליין געזעהען, ווי מיין שמואל־משה האט זיך געקושט מיט'ן דייטשען אפיציער,

מיט'ן שונא הייסט עס, און ביידע, מיין זוהן און דער אָפיציער, האָבען בעת מעשה עפּיס געשמועסט צווישען זיך פאַ זשידאָווסקאַמו, — אויף אידיש הייסט עס; און וואָס טויג אייך, ס'איז געוואָרען א „דיעלאָ". מלחמה־צייט איז ניט קיין שפּיעלכעל: איינס־צוויי־דריי — און פאַרטיג! נישטאָ קיין פאַרענטפערען זיך, נישטאָ קיין עדות, אין פיער און צוואַנציג שעה זענט איהר איין אָפּגע'משפט'ער און א געשאָסענער און א באַגראָבענער — און, ווי זאָגט איהר, א גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע! נישט נאָר קיין קדיש, אפילו קיין האָהן וועט נאָך אייך ניט קרעהען! — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָט דאָ מוז אָבער די מעשה איבערגעהאַקט ווערען, נישט מחמת איך בין אזא שלעכטער מענטש און פאַרגין אייך נישט צו וויסען וואָס ווייטער איז געווען, נאָר איבער איין אנדער זאַך — דאָס איז דער לעצטער בריעף זיינער, מעהר קיין בריעף האָב איך שוין פון מיין חברה־מאַן ניט באַקומען עד היום הזה, גלייך ווי אין וואַסער אריין! אלץ, וואָס איך ווייס פון איהם, איז נאָר דאָס, וואָס מענטשען זאָגען, מענטשען וואָס ווייסען. און מענטשען וואָס ווייסען גיבען איבער די מעשה אויף צווייערליי אופנים, צוויי גירסות הייסט עס: פאַרהאַן א יש אומרים, וואָס ווייסען פון איהם א גאַנצע געשיכטע, ווי אזוי ער האָט זיך אויסגעדרעהט פונ'ם תליון'ס הענט דורך איין המצאה, וואָס נאָר יאַנקעל יונעוועהר'ס זוהן קאָן אזעלכעס איינפאַלען. דהיינו? נאָר מע האָט איהם אריינגעפיהרט, דעם חברה־מאַן, אזוי דערצעהלט מען, און געגעבען א נעם אויפ'ן צימבעל: „זאָג נאָר, דו פיינער בחור, דו שמואל־משה ב"ר יעקב, איז דאָס אמת, אז דו מיט'ן דייטשען אָפיציער, וואָס דו האָסט גענומען אין פלען, זענט איהר געפאַלען איינס דאָס אנדערע אויפ'ן האַלז זיין געקושט זיך און געשמועסט פאַ זשידאָווסקאַמו?"... טראַכט זיך מיין שמואל־משה אזוי: זאָל ער פאַרלייקענען און זאָגען, אז זיי האָבען גאָרניט געשמועסט, האָט ער מורא, טאָמער וועט זיך

ארויסבאוויזען, אז זיי האבען יא געשמועסט, קאן ער דא מיאוס אפּ־שניידען... זאל ער, ווידער צוריק, זאגען דעם אמת, קאנען זיי דא ביידע חאפּען א ביטערע מפּלה... וואס טהוט מען? איז ער געפאלען אויף א המצאה, איהר פארשטעהט צי ניין, אז זאגען זאל ער זיי טאקי דעם גאנצען אמת, נאר פארטייטשען וועט ער זיי די ווער־טער אזוי, אז ס'זאל אויסקומען, ווי זאגט איהר, אגיל ואשמח, דאס הייסט, טאקי געזאגט אקוראט, נאר א מכה זאלען זיי וויסען וועך עס האט זיי געשליערט... און ער רופט זיך אן צו זיי, מיין שמואל־משה הייסט עס: „איך וועל אייך זאגען, זאגט ער, וואס דער דייטש האט מיר געזאגט. ער האט צו מיר געזאגט, זאגט ער, אויף אידיש: „שמע ישראל ה' אלהינו“ — דאס הייסט: „איך געב זיך אונטער צו דיר מיט מיין גאנצען רעגימענט“... האב איך איהם, זאגט ער, דערויף אפּגעענטפערט אויך אויף אידיש: „ברוך שם כבוד מלכותו — הלואי וואלטען אלע אייערע רעגימענטען געפאלען אויף אזא שכל“... האט מען איהם אויסגעהערט און מ'האט צו איהם אזוי געזאגט: „הער זשע אויס, גוטער ברודער, די מעשה דערפון איז אזוי. איין אנדערער אויף דיין ארט וואלט פאר אזא זאך געוויס געשאסען געווארען אין פיער און צוואנציג שעה, ווארום ווער איז דאס מחויב צו פארשטעהן אייער זשידאווסקי לשון, וואס אייערע רעדט דארטען צווישען זיך? נאר אזוי ווי דו ביזט א קאוואליער פון דריי געארגים, גלויבען מיר דיר“... און מע האט איהם ארויסגעלאזט, האט ער זיך אויפגע־הויבען און איז אוועק קיין אמעריקא. אזוי זאגען מענטשען, וואס וויסען... איז אבער פארהאן א יש אומרים, וואס געבען איבער די אייגענע מעשה, נאר אביסעל אנדערש. דהיינו: מע האט איהם אויסגעהערט טאקי אלסדינג פיין. נאר וואס דען? אז ער האט געענדיגט, האט מען צו איהם אזוי געזאגט: „הער זשע אויס, גוטער ברודער, די מעשה דערפון איז אזוי. איין אנדערער אויף דיין ארט וואלט פאר אזא זאך געוויס געשאסען געווארען אין פיער־

און צוואנציג שעה; נאָר אזוי ווי דו ביזט א קאוואליער פון דריי געאָרגים, ווילען מיר דיר אָפּגעבען כבוד, דיר און דיין פריינד דעם דייטשען אָפיציער, אין מיר וועלען מאכען אזוי, אז איהר זאָלט שוין תמיד זיין ביינאנאנד און זאָלט זיך קיינמאָל ניט צעשיידען..." — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס דאָס האָט געמיינט — באַדאַרף איך אייך נישט דערקלעה־רען. ס'איז מלחמה־צייט, און אין מלחמה־צייט איז אלסדינג מעג־ליך. נאָר איך וויל עס ניט ברענגען פאר'ן מויל און נישט אפילו אויף די געדאַנקען וואָרום אויב דאָס איז חלילה אמת, פרעגט זיך, צו וואָס איז מיין נסיעה קיין אמעריקאַ? און צו וואָס לעב איך? און פאר וואָס זאָל איך מיך ניר אראָפּלאָזען, אזוי ווי איך זיץ דאָ מיט אייך און רעד, אין וואַסער אריין? נישט מעהר, בלאָטע — איך וועל עס ניט טהון. פאַר וואָס? וואָרום איך היים יאַנקעל יונעווער... — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

זעהט נאָר, ווי דער עולם האָט זיך דאָס אביסעל א שפּאָר גע־געבען אויפ'ן דעק, און אלע קוקען זיי אהין אין איין פינטעל אריין! ניט שוין זשע זענען מיר ניזהענט צו אמעריקאַ? געלויבט ביזט דו גאָט! אויב אזוי, גיט מיר אייער האַנט, רב שלום־עליכם, זייט געזונט און זאָגט מיר צו, אז איהר וועט פאַרגעסען אלסדינג, וואָס איהר האָט דאָ געהערט פון מיר, פאַרגעסען אויף אייביג. איך האָב מיך אָנגעהערט, הערט איהר, אזוי פיעל צרות פון די אידען, וואָס פאָהרען מיט מיר אין דריטער קלאַס, אז איך האָב ארויס־געזעהען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אז איך בין ניט קיין בן יחיד ביי'ם רבונו־של־עולם, אָדער, ווי זאָגט איהר, ניט איין זכר אין מאָסקווע. זייט זשע געזונט און בלייבט געזונט און האָט קיין פאַראיבעל ניט!

———

איינער פון טויזענד

געשריבען אין יאהר 1903

איינער פון טויזענד

איך וואָלט געמעגט שווערען, אז דאָס איז ער...

איינגאַנצען ער מיט די ביינער! אַ ביסעל איין אויסגעבויגענע נאָז, קאַרע, גוטע, תמיד לאַכענדיגע אויגען, איין צאָהן ביי איהם אַ ביסעל אַ קרומער, איין איבערגעוואַכסענער; אז ער הויבט אָן לאַכען, בעווייזט זיך אַרויס דער קרומער צאָהן.

נאָר די האָר — אַמאָל זענען זיי געווען געלבליכע, גילדענע האָר; היינט זענען זיי פערזילבערט געוואָרען און גלאַנצען אַקעגען דער זון און גיסען זיך אויס אין צוויי פאַרבען: גאָלד און זילבער.

שוין ניט קיין יונגערמאַן, אַפּנים, חאָטש ער דאַרף זיין אין מיינע יאָהרען.

נאָר די משמעות, אז איך בין שוין אויך ניט קיין יונגערמאַן, אַריבער פערציג...

זאָל איך צוגעהן צו איהם? עפּיס איז ער מיר זעהר עלעגאַנט געקליידט. אַ ווייסע קאַמזו׳ל אויפ׳ן בייכעל מיט אַ מאַסיווע גאָלדענע קייט, אַ שניפּס אַ גרויסאַרטיגער, און ווערליג איך האָב געהערט פון איהם, איז ער היינט גאָר „בגלופין“, אין די פערדערען, זאָגט מען, קנאַקט און טראַסקעט, פאָהרט אין קאַרעטעס, קעהרט וועלטען!

האָב איך מורא, טאָמער מיינט ער, אז איך מיין עפּיס.

און איך בין, דאַרפט איהר וויסען, ביי זיך פון תמיד אָן גדולדיג, אַ ביסעל אַ גדלן.

נישט קיין בעל־גאווה, הייסט דאָס, נאָר אַ גדלן.

אַ גדלן האָט אָבער פיינט די וועלט, דאָס הייסט, ניט ער האָט פיינט די וועלט, נאָר די וועלט — איהם, ובפרט, אַז ער איז דערצו נאָך איין אָרעמאַן...

און איך בין זיך מודה — אָרעם, זאָגט מען, איז ניט קיין שאַנדע — איך בין, לאַ־עליכם, נישט קיין גביר, ווייט, גאַנץ ווייט פון אַ נגיד! איך בין, פערשטעהט איהר מיך, פון יענע רייכע פערשטעל־טע בעפוצטע אָרעמע לייט, וואָס פערשטעלען דעם דלות אין שמוב מיט אַ שפּיגעל און אַ פּאַרטעפּיאַן, און אין גאַס — מיט איין אויסגעפוצטען ראָק און מיט אַ נייעם קאַפּעליש; נאָר אַז מע קוקט זיך גוט צו, זעהט מען, ווי דער דלות פּייפט אין אַלע ווינקעלעך און אין קעשעני איז ערב־פּסח׳דיג...

מיט איינעם וואָרט, ס׳איז מיר נישט אין בעסטען; פון אַ צייט, אַז עס האָט מיר אויפגעהערט צו פּיעדלען. איך האָב שוין איבערגעטהאָן כל עבודת־פּרך, איבערגעדיענט אַלע עבודה־זרה׳ס — עס געהט מיר נישט, חאָטש צעריים זיך. עס געהט מיר ניט אַזוי שטאַרק, אַז איך בין זיך שוין אַליין נמאס געוואָרען; יענעם — שמועסט מען ניט!

עס קאָן זיין, אַז יענער קלערט גאָר ניט וועגען מיר, האָט מיך אין זינען אין דער לינקער פּאה, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איטליכער, וועד עס דערזעהט מיך, טראַכט זיך: „אָט אַ שלים־מזל! ער קעהר אודאי וועלען בעטען אַ גמילות־חסד? איך וועל איהם ניט געבען!"

און איך וועל שוין ביי איהם ניט בעטען, איך זאָל וויסען, דער טוידט זאָל מיר זיין. און טאָמער האָב איך אפילו יאָ אין זינען גע־האַט רעדען מיט איהם מכח אַ גמילות־חסד, וועל איך איהם שוין מכות זאָגען אַ וואָרט!

— וואָס מאַכט איהר? — פרעגט ער מיך און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין.

— װאָס זאָל איך מאַכען? — זאָג איך און קוק איהם גלײך אין די אױגען אַרײן.

— אָבער װי געהטס? נישקשה?

— נישקשה.

— נו, דאַנקען גאָט, — זאָגט ער און קװעטשט מיר די האַנד.

— אױף אײך געזאָגט געװאָרען! — טראַכט איך מיר און קװעטש איהם די האַנד.

און אַזױ צעגעהען מיר זיך.

נישט אַזױ האָט געקוקט אױף מיר ער, דער, װאָס איך דערצעהל אײך פון איהם, בשעת מיר האָבען זיך בעגעגענט אין אַדעס אױפ'ן בולװאַר. זײן קוקען איז געװען גאָר אײן אַנדער מין קוקען, איך האָב איהם געלײענט אין זײנע גוטע, קאַרע, שמײכלענדיגע אױגען.

ער האָט מיך צוגעצױגען צו זיך מיט זײנע גוטע, קאַרע, שמײכלענדיגע אױגען, און איך האָב מיך אױפגעהױבען און לאָז מיך גלײך צו איהם.

ער ציהט מיר אױס די האַנד פון װײטען, עפּענט אױף דאָס מױל אױף צו לאַכען — און עס זעהט זיך אַרױס זײן קרומער איבערגעװאַכסענער צאָהן.

— אַ!?...

— אַ!?...

מיר שטעהען אײנס אַקעגען אַנדערען און האַלטען זיך בײ די הענד — און איך בין זיך מודה: פון זינט עס געהט מיר נישט גוט, האָב איך פײנט אַ נגיד; איך האָב פײנט פעטע, געזונטע, פריליכע פּיסקעס; איך קאָן נישט אָנקוקען אַ פּנים, װאָס איז צופריעדען מיט זיך אַלײן און מיט דער גאַנצער װעלט! נאָר דער דאָזיגער חברה־מאַן בױגט זיך צו צו מיר עפּיס זעהר פרײנדליך, און מיר צעקושען זיך.

איך ווייס ניט, ווי אזוי זאָל איך מיך צו איהם ווענדען? זאָגען איהם „דו“? — ווארפט זיך דורך זילבער אין זיינע גילדענע האָר; זאָגען איהם „איהר“? — האָבען מיר געלערענט אין איין חדר אזוי פיעל יאָהר אינאיינעם!

דאָס אייגענע, אפּנים, איז פאָרגעקומען ביי איהם אויך, וואָרום אז מיר האָבען זיך צערעדט, האָבען מיר גענומען רעדען „בלשון נסתר“, דאָס הייסט, אין דער גאַנצער צייט האָבען מיר זיך אזוי געקלינגט, אז מיר האָבען זיך בעגאַנגען אָהן „דו“ און אָהן „איהר“.

ווי אזוי איז דאָס מעגליך? אָט וועט איהר הערען.

ע ר: איך שטעה און קוק, דאַכט זיך יאָ, און דאַכט זיך ניין? וואָס־זשע מאַכט מען?

א י ד: און איך שטעה און טראַכט די גאַנצע צייט: אָט דאָס זאָל זיין טאַקי ער? דאַכט זיך ער, און דאַכט זיך ניט ער. וואָס־זשע הערט זיך? פון וואַנען קומט מען אָן?

ע ר: פון וואַנען? איך בין דאָך א היגער טאַקי, איין אדעסער שוין פון וויפיעל יאָהר!

א י ד: און איך בין ערשט ניט לאַנג א היגער. געקומען אהער צו פאָהרען זוכען א געשעפט.

ע ר: א געשעפט? א געשעפט דאַרף מען זוכען? ביי מיר איז פאַרקעהרט: ביי מיר איז שוין צו פיעל געשעפטען; הלואי וואָלט איך געהאַט אזוי פיעל מענשען. שלעכט אָהן מענשען, שלעכט! וואָס מיך קאָסט אָפּ א יאָהר מענשען! (א בעריהמער! — טראַכט איך מיר.) איך האָב נישט קיין גליק צו מענשען! וויפיעל מאָל איך טראַכט מיר: ווען איך האָב חאָטש איין געטרייען מענשען, וואָס מע קאָן זיך אויף איהם פערלאָזען, וואָלט איך געלעבט, דאַכט מיר, מעהר מיט צעהן יאָהר. וואָס זאָג איך מיט צעהן? מיט צוואַנציג יאָהר! איך האָב שוין געפּרובט האַלטען אַלערליי מענשען — אי בילינגע, אי טייערע, אי גאָר טייערע — אַלץ איינס, נישטאָ קיין געטרייע מענשען! (אָט דאָ, טראַכט איך

מיר, וועט ער זיך מסתמא צעלאָזען, ווי אַזוי ער מאַכט גליקליך מענשען און ווי אַזוי זיי עקספּלואַטירען איהם — איך קען זיי שוין, די דאָזיגע פילאַנטראָפּען! נאָר איך שלאָג איהם ניט איבער און לאָז איהם רעדען ווייטער.) איך האָב געהאַט אַמאָל אַזוי פיעל חברים, ווען אײנער קומט צו מיר צו געהן און וויל מיר זיין צו הילף, וואָלט איך איהם דאָך אָפּגילטען פון קאָפּ ביז פיס (אַ רעכטער ליגנער! — טראַכט איך מיר.) — און ווי אויף צו להכעיס, בעגעגען איך ניט קיינעם פון מיינע לייט. איך קאָן זאָגען, אַז דאָס איז מיין ערשטע בעגעגעניש פון זינט איך בין אַ היגער. דאַכט זיך, מיר זענען געווען אַמאָל גאַנץ נאָהענטע חברים, האַ?

א י ך: חברים? אַלץ הייסט חברים! אינאייגעם געלערענט, אינאייגעם קעסט געגעסען ביי איין רבי'ן, אינאייגעם געשלאָפען.

ע ר: איך געדענק אפילו ביי וואָסער רבי'ן, ביי'ם רבי'ן זרח, אויפ'ן אויוועו, ווינטער אין די גרויסע פרעסט.

א י ך: און זומער אין דרויסען, אויף דער הוילער ערד.

ע ר: ווי די חזירים אין בלאָטע, מיט אַלע זשאַבעס.

א י ך: און צום שכן טביה אין די פענסטער ווער האָט גע־וואָרפען שטיינדלעך און איבערגעשראָקען די גאַנצע שטוב מענשען אויף טויט?

ע ר: און ביי דער פּיראַנדיטשקע די עפּעל פונ'ם קאָשיק ווער האָט גע'לקח'ענט מיט אַ שטעקעל, אונטען אַ צוויאָק צוגע־שלאָגען?

א י ך: און די קאַוועגע הושענא־רבה פונ'ם וואָגען ביי גדליה דעם אַלטען?

און אַזוי ווייטער.

צערעדט זיך פון אַמאָליגע גליקליכע, נאַרישע, נאָר גליקליכע קינדער־יאָהרען, קאָנען מיר שוין אַזוי גיך ניט אויפהערען; עס שיט זיך ביי אונז ווי פון אַ זאַק; עס גיסט זיך ביי אונז ווי פון אַ פאַס; עס לאָזט זיך גאָר ניט אויס קיין שטאָף — ביז מיר קומען

אַרויף צו ביסלעך אויף אונזער איצטיגען מעמד, און מיר ווערען געוואָהר איינס פון׳ם אַנדערען אַ סך גוטס און אַ סך שלעכטס, אַ סך פריילכס און אַ סך טרויעריגס. איינעם פון אונז געהט דאָס גוט, מיט הצלחה, דעם אַנדערען געהט דאָס שלעכט, שלים־שלים־מזל; איינער פון אונז איז אַ גביר, איין אדיר, דער אַנדערער אַ רעכטער כתריאל. איינער האַלט קינדער אין בעסטער ערציהונג, די עלטערע טאָכטער אויסגעגעבען גליקליך, די זיהן אַלע אין גימנאַזיע; דער אַנדערער מוטשעט זיך מיט זיינע קינדער, ווי אויפ׳ן טוידט, די עלטערע טאָכטער זוכט שטונדען און קאָן ניט געפינען, און דעם זוהן אין גימנאַזיע קאָן ער נישט איינגעבען, מע דאַרף האָבען פּראָטעקציעס, עס דאַרף קאָסטען געלד... איינער האָט זיך זיין אייגען הויז אין אַדעס, און נאָך וואָס פאַר אַ הויז — מיט אַ גאָרטען איין אייגענעם, מיט אַלע אַנטיקען, אַ גן־עדן! דער אַנדערער איז שוין פון היבשע עטליכע יאָהר נע־ונד, פון איין דירה אין דער אַנדערער. ערשט ניט לאַנג האָט מען איהם „אָפּגעשריבען“ פון קאָפּ ביז פיס, פערקויפט די בעבעכעס און אַרויסגעוואָרפען מיט בזיונות אויף דער גאַס. און ס׳איז ביי איהם געבליבען, וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין — אַרויספאָהרען, אַריבערפאָהרען אין איין אַנדער שטאָדט. מע זאָגט, ס׳איז אַ סגולה: משנה מקום משנה מזל.

איך האָב נאָך פאַר קיינעם אַזוי אָפּענטליך ניט אַרויסגערעדט זיך דאָס האַרץ, ווי אַצינד פאַר מיין חבר, און קיינער האָט מיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט אויסגעהערט געשמאַק ביז׳ן סוף מיט אַזאַ גוט־פריינדשאַפט. איך האָב דערפיהלט, ווי אַ שטיין פון האַרצען, צעהן פוד משא איז פון מיר אַראָפּ. און איך האָב דערזעהען, ווי זיינע גוטע, קאַרע, שמייכלענדיגע אויגען זענען ווי בענעצט, דאָס פנים ערנסט. ער לעגט אַרויף אויף מיר די האַנד און מאַכט צו מיר:

— נו, איין עק! פון היינט אָן און ווייטער וועט דאָס בעסער געהן. אמת, אמת. משנה מקום משנה מזל. איך וויים עס פון

זיך זעלבער; ס'איז מיר אמאָל, ניט היינט געדאַכט, אויך געווען נישט גוט! אַצינד וועלען מיר שוין זיצען אינאיינעם.

— וואָס הייסט, זאָג איך, אינאיינעם?

— אינאיינעם וואָס הייסט? — זאָגט ער צו מיר מיט אַ ניגון און זיינע גוטע, קאַרע אויגען לאַכען. — אינאיינעם הייסט, אַז איינער האָט געשעפטען, און דאַרף האָבען אַ הילף ווי אין לעבען אַריין, און זוכט אַ מענשען איין אָרענטליכען, אַ געטרייען, וואָס וויפיעל ער זאָל ניט קאָסטען, איז ער ווערטה צוויי מאָל אַזוי פיעל, און גאָט העלפט איהם — ער בעגעגענט זיך מיט זיינעם אַ חבר, וואָס האָט זיך מיט איהם אַזאַ צייט נישט געזעהען, און ווערד געוואָהר, אַז דעם חבר איז נעבאַך נישט גוט די צייט און ער זוכט אַ געשעפט, הייסט דאָך עס, אַז זיי דאַרפען האָבען איינס דאָס אַנדערע, — היינט וואָס קאָן נאָך זיין גלייכער דערפון?

און בכדי עס זאָל מיר, אַפּנים, ניט זיין קשה, וואָס ער לעגט מיר פאָר אַזאַ גליק, חאַפּט ער אַרויס דעם טייסטער, עפענט איהם אויף און וויל מיר ווייזען אַ דעפּעש, וואָס מע רופט איהם אַרויס אויף עטליכע טעג און ער קאָן ניט פאָהרען בשום אופן ניט! נאָר מיינע אויגען קוקען ניט אויף דער דעפּעש, מיינע אויגען פאַלען אויפ'ן פּעקעל אַסיגנאַציעס וואָס אין טייסטער. אַ היבש פּעקעל אַסיגנאַציעס — גרויע הונדערטערס און פּיעלפאַרביגע פינפהונדערטערס; און מיינע אויגען, אַפּנים, ברענען, און זיינע אויגען בעגעגענען זיך מיט מיינע אויגען, און ער שטויסט זיך, אַפּנים, וואָס איך קוק, און ער רופט זיך אָן אַלץ מיט דעם זעלבען ניגון:

— דאָס געשעפט, דאַנקען גאָט, קאָן טראָגען אויף אַלעס, און אַ נייער מענש, אַז ער קומט אָן אין געשעפט אַריין, בעדאַרף ער מסתמא האָבען אַ ביסעל געלד, און געלד איז דאָך, ברוך השם, פאַרהאַן גענוג, פאַר וואָס זשע זאָל ער ניט נעמען, וויפיעל ער דאַרף? וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו שעמען זיך? מע פערשטעהט גאַנץ גוט, וואָס הייסט אַריבערטראָגען זיך אין אַ ניי אָרט מיט קיין עין־הרע

קינדער... איך ווייס עס פון זיך זעלבער. איך בין אליין אויך געווען אמאל ניט אין קיין בעסערער לאגע; איך האב אמאל אליין אויך געשמייכעלט צו־נ־א דרייערעל, אויך גענוג אויסגעריסען געווארען, פערשווארצט געווארען — אוי, פערשווארצט געווארען!

און מיין חבר זעצט זיך אנידער מיט מיר בעזונדער אויף א באנק און דערצעהלט מיר אויס אינגאנצען די ביאגראפיע זיינע אין קורצען. א מערקווירדיגע ביאגראפיע, עפּיס טאקי גאר חדושים ונפלאות, מעשיות פון טויזענד איין נאכט! איך מיט מיין לעבענס־געשיכטע, מיט מיין איצטעריגער ביטערער לאגע בין גאר א גראף, א מאגנאט אקעגען איהם! איך זיץ נאר און קוק אויף איהם און טראכט מיר: „וואס א מענש קאן איבערטראגען אויף זיך!... און אז גאט האט איהם געקאנט העלפען נאך אזעלכע גרויסע צרות מיט אומגליקען, וואס דער האט אויף זיך איבערגעטראגען, איז פאר־האן א שטיקעל האפנונג, אז מיר זאל נאך אויך אמאל זיין גוט“...

און מיין חבר נעמט ווידער ארויס דעם טייסטער און טראגט מיר איהם אונטער גלייך אין פּנים אריין.

— וואס דארף מען זיך דא שעמען? — מאכט ער צו מיר. — מע נעמט דערווייל, וויפיעל מע בעדארף...

איך פרעג מיך אליין, צי ס'איז ניט קיין חלום, און קוק אין טייסטער אריין, און דער טייסטער איז אפען, און די גרויע הונדער־טערס מיט די פיעלפארביגע פינפהונדערטערס שמייכלען צו מיר גלייך מיט מיין חבר'ס שענע, גוטע, קארע אויגען, און איך ציה אויס די האנד און זאג:

— גענוג וועט זיין דערווייל צוויי.

איך ווייס ניט, וואס איך זאל זאגען: צוויי הונדערטערס, צי צוויי פינפהונדערטערס? און בכדי מיר זאל, אפּנים, זיין גרינגער, רופט ער זיך אן פאר מיר:

— צוויי טויזענד, מיין איך, וועט זיין ווינציגליך.

און ער צעהלט מיר אָפּ זעכס פיעלפאַרביגע פינפהונדערטערס און מאַכט צו מיר:

— געניג דרײ טויזענד אויף דער ערשטער צײט?

— אָ!... — מעהר קאָן איך ניט זאָגען גאָרניט, און לעג צענויף די האַרטע אסיגנאַציעס און שטופּ זײ אין בוזעם־קעשענע און פיהל אַ מאָדנע װאַרעמקײט פון זײ, אַ גלאַטקײט...

און בכדי ס׳זאָל מיר, אפּנים, ניט זײן שװער די טובה, רופט ער זיך אָן צו מיר װײטער:

— און איך װאָלט נאָך אַ בעלן געװען אָנקוקען, קײן עין־הרע, די דאָזיגע קאָמאַנדע, מײן חבר׳ס קינדער.

און איך ענטפער איהם נישט באַלד. מײנע געדאַנקען זענען דאָרט, אין בוזעם־קעשענע, בײ די פיעלפאַרביגע פינפהונדערטערס, װאָס װאַרעמען מיך און גלעטען מיך און קריכען נישט אַרױס פון קאָפּ; און מײנע מחשבות האַפּען מיך און טראָגען מיך אַװעק אַהײם, צו װײב און קינדער, און איך שטעל מיר פאָר די שמחה, װאָס װעט זײן, אַז מע װעט דערזעהען פּלוצים אַזױ פיעל געלד און דערהערען פּלוצים אַזאַ גליק!... און ער זאָגט צו מיר נאָך אַ מאָל, אַז ער װאָלט װעלען זעהן מײן װײב און קינדער.

— אַך! — זאָג איך. — קאָנען מיר דאָך געהן גלײך צו מיר. איך זיץ ניט װײט אָט דאָ. די קינדער זענען סאַמע אין דער הײם. געהען מיר?

— פאַר װאָס ניט? — מאַכט ער צו מיר, און איך דערקען אין זײנע אויגען, אַז ער װײסט, אַז מײנע געדאַנקען זענען דאָרט, בײ׳ם געלד, װאָס ליגט אין בוזעם־קעשענע, װאָרום איך טהו מיך אַלע מאָל נישט װילענדיג אַ טאַפּ צו דעם און לאָז אַרױס אַ טיעפען זיפץ, און ער, דער הונד, פערשטעהט דאָס גוט, און טראָגט אַריבער באַלד דעם שמועס װיעדער צוריק אַהין, אין יענע אַמאָליגע, נאַרישע, נאָר גליקליכע קינדער־יאָהרען, דערמאָנט מיר בילדער שױן לאַנג־גע־שטאָרבענע, און אַזױ קומען מיר צו מיר אַהײם.

און דאַ דערמאָן איך מיך אָן מיין שטוב, מיין מעבעל... און עס ווערד מיר אַ ביסעל אַ בזיון פאַר מיין רייכען חבר, און איך הויב מיך אָן פערענטפערען פאַר איהם

— אַ נייע דירה... ניט לאַנג אריבערגעקליבען זיך... זומער... אַ שטיקעל מישמאַש...

ער פערשטעהט, אפנים, וואָס איך מיין, פערחאַפּט ער פריהער און זאָגט צו מיר:

— אַ־וואַ! אַ גרויסער אומגליק!... אומעטום אזוי! ביי מיר אויך ניט בעסער... קומט דער זומער, הויבט זיך אָן רעמאָנט... אַ חתונה!

און בשעת־מעשה דערמאָן איך מיך, אז אין בוזעם ליגט ביי מיר דאָס געלד, און עס טהוט מיך אַ בריה, אַ ברען, אַ סמאַליע, און עס פליהט מיר דורך אַ מחשבה, וואָס זאָל איך פריהער טהון, און גיך־גיך לויפט דורך אַ חשבון ביי מיר אין קאָפּ: דירה־געלד... דעם קצב... דאָס קינד אין גימנאַזיע... דעם ווייב שיך אַ פּאָר... די טעכטער היטעלעך... זיך אַ סורדוט... אַ ביסעל מעבעל... חיינט חובות... די אַלטע חובות! חובות! חובות! חובות!

און עס לויפען דורך ביי מיר אין דער מחשבה אַלע הארבסטע חובות. מע מוז, מע מוז זיי צאָהלען באַלד! און איך זעה גאָר ניט, אז ס'איז שוין אָפען די טהיר, און איינס פון מיינע קינדער געהט מיר אַקעגען מיט אַ בלאַס פינסטער פּנים. די קינדער נעבאך ווייסען אַלע צרות אונזערע; ווייסען שוין פון דחקות, ווייסען שוין, וואָס הייסט פאַר מילך, פאַר פלייש, אין מארק אריין, דער וואָרניק דירה־געלד קומט מאָהנען, די אידינע פאַר טיי, דער איד פון האָלץ, אַ בייזער יונגערמאַן מיט אַ געל בערדעל: „פון ווינטער נאָך מענה'ט ער, פאַר האָלץ האָט איהר געקאָנט ביז אָהער דריי מאָל שוין באַצאָהלען!"...

— וואו איז די מאַמע ? — פרעג איך.

— אין קיך. — ענטפערט מיר דאָס קינד.

— קיין דיענסט אַצינד נישטאָ, ערשט נעכטען אַוועקגעגאַנגען די דיענסט ! — פערענטפער איך זיך פאַר מיין רייכען חבר און ווער שיער פערברענט פאַר חרפה, און דערמאָן זיך, ווי אַזוי מיין ווייב וועט אַריינקומען חלילה מיט פערשמירטע הענד און גאָט ווייסט מיט וואָס פאַר אַ קליידעל...

— ביי מיר — זאָגט ער — אויך דאָס אייגענע ; אַלע וואָך, אַלע וואָך אַ נייע דיענסט. איין אומגליק מיט די היגע דיענסטען !

איך ווייס ניט, וואָס צו טהון : צי זאָל איך לאָזען דאָ מיין חבר זיצען און אַליין געהן אין קיך אַריין אָנזאָגען מיין ווייב די גוטע בשורה, ווי אַזוי גאָט האָט דאָ מיט מיר געפיהרט ? צי זאָל איך בעסער בלייבען זיצען מיט מיין חבר דאָ אין זאַל ?

איך זאָג : „אין זאַל“. עס רעדט זיך אַזוי אַ זאַל ! אַ גרויס חדר טאַקי, נאָר לעדיג ; נישט לעדיג — אַ פּאָר טישלעך שטעהען, טעפּ פון קוויטען, אַ פּאָרטעפּיאַן איין אַלטער און אַ שפּיגעל, אַ לאַנגער עדות פון אַמאָליגע גוטע יאָהרען און פון איצטיגען דלות. אַ לאָמפּ, אוי אַ לאָמפּ אַ מאָדנע, און אַ בעטעל פונקט אין מיטען זאַל. אַזוי שפּעט זאָל שטעהן אַ בעט אין זאַל און ניט פערבעט נאָך ! אַ הונדערטער וואָלט איך בעצאָהלט אין דער מינוט, עמיצער זאָל צונעמען פון דאַנען דאָס בעטעל. עס ברענט מיר דאָס פּנים פאַר בזיון !

מיין חבר, אַפּנים, שטויסט זיך אָן, וואָס איך בין אַזוי צעמישט, און רופט זיך אָן צו מיר :

— אַ וואוילע דירה, אַ פרייע, אַ „פּראָסטאָרנע“ ! און דוקא קלוג, וואָס מע שלאָפט אין זאַל. ביי מיר שלאָפען אויך די קינדער זומער אין זאַל. ס'איז הײַס אין אַלע אַלקערס !

— אַט דאָס איז מיין בן־יחיד, — שטעל איך איהם פאַר מיין זוהן, וואָס גראָד אַצינד איז איהם געפעלען אראָפּוואַרפען די שטי־וועל און ארומגעהן באָרוועס. מיין חבר זעהט, אז די מעשה קרענקט מיך, טראַכט ער אויס אַ ליגען:

— זומער געהען ביי מיר אַלע קינדער באָרוועס...

און דאָ קומט אריין אַ טאָכטער מיינע, די צווייטע פון דער עלטערער. איך שטעל זי פאָר פאַר מיין אַלטען חבר. זי ווערד רויט ווי פייער, ניט מחמת זי איז אַזאַ שעמענדיגע, נאָר מחמת זי געהט זעהר אָרדינער, פּראָסט געקליידעט, און דער עיקר זענען די שיך — געמיינע שיך מיט לאַטעס, אָהן אָבצאָסען, און אויסגע־דרעהט, צעריסען...

און ווי אויף צו־להכעיס, זעצט זי זיך אַוועק אַזוי, אַז ער דער־זעהט די שיך, און זי דערזעהט, וואוהין ער קוקט, און איך דער־זעה, ווי זיי קוקען ביידע אויף איהרע שיך, און איך ווער צעמישט. ס'זאָל זיין אַ גרוב, וואָלט איך אריין אַ לעבעדיגער אין גרוב.

— אַ שען קינד, — מאַכט ער צו מיר אין אויהער אריין, — שען ווי גאָלד!

איך וויל איהם עפּיס ענטפערען, קומט אריין די עלטערע טאָכ־טער מיינע, שוין אַ היבשע. געהן געהט זי אפילו אין גאַנצע שיך, נאָר אַ קאָפטעל האָט זי אָנגעטהאָן פון קיסיי, אַ דינס, אָהן איין עלענבויגען. זי ווייסט ניט, אפנים, אז סע פעהלט ביי איהר איין עלענבויגען, און זעצט זיך פונקט אַזוי אנידער, אַז זי קומט אויס מיט'ן עלענבויגען גלייך צו איהם. ער קוקט אויפ'ן עלענבויגען, איך אויף איהם, און בין אויסער זיך פאַר צרות! איך ווינק צו איהר, זי פערשטעהט ניט וואָס, ווערד זי רויט ווי פייער, הויבט זיך אויף און דרעהט זיך אויס צוריק — אוי־וועה, אַ צרה, אַ שלאַק! דאָס גאַנצע קאָפטעל איז צעפּיצעלט!

— איינע שענער פון דער אנדערער. — מאכט צו מיר מיין חבר אויפ'ן אויהער. — צו אזעלכע שענע קינדער פערשפארט מען שוין אפילו נדן !

און איך דערמאן זיך אינ'ם שדוך פון מיין טאכטער, וואס ס'איז שיער געווארען, נאך פון פאראיאהרען, א גלייכער שידוך, א וואוי־לער יונג, א דאקטאר, און איבער נדן איז זיך עס צעגאנגען, — און עס טהוט מיר וועה דאס הארץ אויף איהר, און איך טראכט מיר:

— אוי, מיט איין יאהר פריהער ווען איך בעגעגען זיך מיט מיין גוטען־גוטען חבר !...

— — — — — — — — — — — — — — —

— לאז געהן אין דער ערד אריין דער בעל־הבית מיט דער פליטע, מיט דער שטוב, מיט'ן הויף, מיט אלע הויפען, און לאזען זיי זיך אנצינדען און ברענען אויפ'ן פייער מיט גאנץ אדעם אינ־איינעם !

איהר דארפט זיך שוין שטויסען, ווער דאס רעדט; דאס רעדט א ווייב, בשעת זי קומט אריין פון קיך א פערשוויצטע, א פער־חושב'טע, א פעריאמערטע און א צעבראכענע, נעבאך אהן א דיענסט, דארף אליין קאכען, וואס זי איז בפירוש נישט געוואוינט געווארען; די פליטע רויכערט, דער קצב וויל שוין נישט געבען אהן געלד, די גויע פאר מילך מאהנט, טרעט נישט אפ פון קיך, אין מארק איז אויף אלץ א יקרות, און די קינדער דעקוטשען שטארק, ווילען אנבייסען, דוקא יונגע קארטאפעלעך, און דוקא מיט פוטער !

איך וויל זיך אויפהויבען, לויפען איהר אקעגען, זי אוועקרו־פען, אנזאגען איהר, ערשטענס, די גליקליכע בשורה און, צווייטענס, בעטען, זי זאל זיך איבערטהון — לאזט ער מיך ניט, דער חבר מיינער; ער נעמט מיך אן ביי דער האנד און מאכט אזוי:

— אין וועל מיך בעסער אליין פאַרשטעלען פאַר איהר.

און ער געהט־צו צו איהר און ער שטעלט זיך פאַר פאַר איהר, אין צווישען זיי פערבינדט זיך אַזאַ מין שמועס:

ע ר: איך געדענק אייער מאַן, מאַדאַם, אַ סך פריהער פון אייך!

ז י: אַ גליק האָט אייך געטראָפפען!

ע ר: מיר זענען חברים פון קינדוויז אויף.

ז י: זאָג מיר, ווער זענען דיינע חברים, וועל איך דיר זאָגען, ווער ד ו ביזט...

ע ר: אינאייגעם געלערענט, אינאייגעם געגעסען, אינאייגעם געשלאָפען, אינאייגעם אפילו גע׳גנב׳עט עפעל פון איין קאָשיק.

ז י: אַ שענע רעקאָמענדאַציע פאַר אייך ביידען...

ע ר: ניט נאָר עפעל אליין, קאָווענעס אויך.

ז י: גענוג, איך פערשטעה שוין ווער איהר זענט...

די לעצטע ווערטער רעדט אַרויס מיין ווייב מיט אַזוי פיעל סם־המות, אַז מיין חבר בלייבט אָהן לשון. איך ווינק צו איהר, מאַך איהר מיט די אויגען, זי זאָל אויפהערען רעדען אַזעלכע שאַרפע שטעכעדיגע ווערטער, און טראַכט מיר: ווען זי ווייסט, למשל, ו ו ע ר דאָס איז און ו ו אַ ס ער איז פאַר אונז? פוילט זי זיך ניט און ענטפערט מיר:

— וואָס ווינקסט דו צו מיר? איך פערשטעה שוין, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין פראַנט, אַז ער איז דיינער אַ חבר.

— מאַדאַם! — רופט זיך אָן צו איהר מיין חבר שוין מיט אַ טאָן פון אַ מענשען, וואָס געפינט זיך אַ ביסעל בעלעדיגט: — מאַדאַם, וועדליג איך זעה, זענט איהר נישט זעהר קיין געהויבענע מיינונג וועגען אייער מאַן, דאַרף איך אייך זאָגען, אַז איך קען איהם בעסער פון אייך.

— דאַרף איך אייך זאָגען, — ענטפערט זי מיט'ן אייגענעם נוסח וואָס ער, — דאַרף איך אייך זאָגען, אַז קיינער בעט אייך ניט, איהר זאָלט זיין פאַר איהם אַ מליץ יושר. ער קאָן זיך זיין שטעדטעל, נישקשה, אַליין באַשטעהן.

איך זעה, מיין חבר האָט שוין גאָר איין אַנדער פנים: די באַקען ברענען איהם שוין גאָר מיט אַ מאָדנע פייער; די גוטע, קאָרע, תמיד שמייכלענדיגע אויגען האָבען אויפגעהערט צו לאַכען, און ער שוויצט, שוויצט מיט סכנת־נפשות!... וואָס זאָל איך דאָ טהון? איך בין אויס מענש! איך עק זיך! עס האָט מיר פער־שטעהרט, פער'סמ'ט די גאַנצע שמחה מיינע! איך האָב פערגעסען אַנ'עם געלד, וואָס ליגט ביי מיר אינ'ם בוזעם־קעשענע; איך האָב פערגעסען אָן אַלסדינג; איין געדאַנק ליגט מיר איצט אין מח, איין מחשבה: „ווי אַזוי נאַרט מען אַרויס מיין ווייב פון דאַנען? ווי אַזוי גיט מען איהר צו וויסען, ו ו ע ר מיין חבר איז און ו ו אָ ס ער האָט פאַר אונז געטהאָן?“ און איך קוק אויף איהר מיט געבעט, ווי איינער רעדט: „האָב רחמנות, מאַך צו דאָס מויל, הער אויף צו רעדען!“ נאָר, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זי זיך צערעדט:

— איך וויים, זאָגט זי, די גוטע ברידער זיינע מיט די שענע חברים פונ'ם חדר! עפּיס רעכטס וועט צו איהם נישט אָנשלאָגען... אָדער אַ שלים־מזל אַ קבצן, אָדער אַ באַריהמער, וואָס קומט דער־צעהלען גליקען... אַט איז ערשט יענע וואָך געקומען צו איהם זיינער אַ בן־עיר, ניט איהם אַ גאַנצער רב שמעלקע, פון ווייט איז ער געקומען, אַזש פון אַלדי שווארצע יאָהר, איהם אָנדערצעהלט אַזעלכע גוזמאות פון זיך, אַז דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט: אַ גאַנ־צער מיליאָנער, און אַ נדבן, אַ גוטער מענש, איין בעל־טובה אין דער וועלט! און אַז ס'איז געקומען צו דעם, אַז מיין מאַן... — וואָס שעמסט דו זיך? עס איז דאָך דיינער אַ חבר, זאָגסט דו, וואָס איהר האָט אינאיינעם אַמאָל גע'גנב'עט עפּעל פון איין מול־

טערעל... — און אז ס'איז געקומען דערצו, אז מיין מאַן האָט איהם געזאָגט, אז...

איך קאָן מיך מעהר שוין ניט איינהאַלטען. איך געה אַרויס פון די כלים. קוים, וואָס איך שטעה אויף די פיס. איך פיהל, אז אָט־אָט פּלאַצט אין מיר דאָס הארץ. איך מוז, איך מוז מאַכען א סוף צום דאָזיגען שמועס! און איך טהו א געשריי צו מיין פּלונית נישט מיט מיין קול:

— אָבער גע־נוג!!! — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

— וואָס איז? וואָס שרייסט דו? גאָט איז מיט דיר! שטעה אויף! — מאַכט צו מיר מיין ווייב, איין איבערגעשראָקענע אויף טויידט, און וועקט מיך אויף פון'ם שלאָף.

* * *

איך זעץ מיך אויף, וויש־אויס די אויגען, קוק מיך אַרום אויף אַלע זייטען.

— וואו איז ער ערגיץ?

— ווער? וועמען זוכסט דו?

— דער קרוב מיינער... דער חבר, מיין איך...

— וואָסער קרוב? וואָסער חבר? עס האָט זיך דיר גע'חלומ'ט א חלום... שפּיי אויס דריי מאָל... האָסט זיך שפּעט געלעגט שלאָ־פען... איך האָב דיר וויפיעל מאָל געזאָגט, שפּעט ביינאַכט זאָלסט דו ניט שרייבען...

און איך טאַפּ מיך אין דער זייט ביים בוזעם. איך זוך די בוזעם־קעשענע. איך פיהל, אז געוואַלד! אָט־אָ־דאָ־אָ, אויף דעם אָרט, איז געלעגען נאָר־וואָס א פּעקעל מיט האַרטע פּיעלפּאַרביגע

פינפהונדערטערס! איך הער נאָך דאָס קנאַקען זייערס, איך פיהל נאָך די גלאַטקייט פון זיי אין די הענד, מיט דער וואַרעמקייט אויף דער נשמה!...

און איך דערמאָן מיך, אַז מאָרגען צעהן אַ זייגער אין דערפריה קומט צו מיר דער סודעבני פריסטאַוו איבערשרייבען און אויספערקויפען די בענקלעך מיינע, און דער בעל־הבית וואַרפט מיך אַרויס פון דער דירה, און דער קצב מאָנט פאַר פלייש, און די גויע פאַר מילך, און די אידינע פונ׳ם קלייטעל האָט מיר צוגעזאָגט מאָרגען, אם ירצה השם, גאַנץ פריה זיין ביי מיר נאָך אַ מאָל, און דער איד פון האָלץ וועט אויך ניט שווייגען; ער קומט אַלע מאָל צו געהן און פרעגט מיך נאָר: „היתכן?“... און דאָס יונגעל מיינס זאָגט מיר אָן אַ בשורה, אַז ער איז שוין פאַרטיג צום עקזאַמען! מאָרגען איז דער עקזאַמען — מזל־טוב דיר, מיין קינד, זאָלסט דערלעבען אָנזאָגען בעסערע בשורות!... עס בעשלאָגט מיך אַ שוויים און עס ווערד מיר קאַלט אין אַלע אברים.

פאַטאָגראַפיע פון שלום-עליכם'ס כתב-יד
(„די רויטע אידלעך")

26

— און דאס האב איך איבערגעלעבט ~~[illegible]~~ די חתונה — אזוי
בארימטע דער אונטערגאנג — ווען איך קען אויסגעהאלטן
צום וויינען נאך לעבן. איך בין ציטערן ~~[illegible]~~
ניט אויבט ניט לעבעדיג, איך טראכט צו קען דער
וויידער נאך לעבן גוטס. ווי איך געווען רואיג איבער
ת ספר, אונטערהאלטן אין טלית ותפילין, גלייך
געווארנט [illegible] ווייבעלע, גאר איך, געווען מיט מיך,
טראכט אויס טלית ותפילין, נאך געבעט, לאמיר
אנטלויפן פון דעם דא שטעטל נאך נישט בראנד!" געזאגט,
[illegible] דער [illegible] מיין לינקע גריבע, איך וואלט מיר
גלייבן דא [illegible] וואס רעדט איבער, ווייבעלע, ווייס
איך, געווען מיט מיך! טאמער חלילה באגעגנט
דארט צו מיך? קומט, ווייבעלע, גיבער, גיבער!" — פון
געזאגט, געמאכט דארט מיר, אנטלויפט און ניט; אויב מען
מיר באשטראפט. געשטארבן ~~[illegible]~~ [illegible]
מיט מיין טויבט, ווער ווייסט דער גאנצער הימל
געפינען אומעדום, זייער נעכטן פון נאכט [illegible]
דארט דער מיין לינקע גריבע געבליבן... און [illegible]
מיך פארט, אזוי ווי איך גייה ארויס פונעם
ווייטן גאר לעבן, באגעגנט מיך....